STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09761

DI GESHIKHTLEKHE ANTVIKLUNG FUN KLASN GEZELSHAFT

Abraham S. Kaspe

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. קאספע

די געשיכטלאכע אַנטוויקלונג פון קלאסן געזעלשאפט

פארלאג יוניאָן סקווער

ניו יאָרק, 1929

COPYRIGHT 1929
by
DR. A. CASPE

270

דר. א. קאספע

1.

די גרויסע באַדייטונג פון דעם ערשטן זאַץ פון דעם „קאָמו־ניסטישן מאַניפעסט“. — שרייבער און לערער, וואָס ווייסן נאָר די לאָזונגען, די שלאַג־ווערטער פון די לערן, אָבער נים די לערן זעלבסט.

„די געשיכטע פון דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט איז שטענ־דיק געווען, אַזוי ווי זי איז איצט, די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף“.

דאָס איז דער ערשטער זאַץ פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“.

אין דעם זאַץ האָבן די פאַרפאַסער פון „„קאָמוניסטישן מאַ־ניפעסט“, קאַרל מאַרקס און ענגעלס, קאָנצענטרירט ווי אין אַ פאָקוס פון אַ שטאַרקער ברען־גלאָז אַלע שטראַלן פון זייער לערע, וואָס באַלויכטעט דעם וועג פון דער מענטשלאַכער גע־שיכטע. דער דאָזיקער זאַץ גיט דעם פאָרשער אַ מעגלאַכקייט צו פאַרשטיין די סאָציאַלע באַוועגונגען, צו באַגרייפן די לע־בעדיקע סאָציאַלע כוחות פון אַלע פעלקער אין אַלע צייטן.

עס איז אָבער נים גענוג באַקאַנט צו ווערן מיט אַזעלכע שאַרפע, קורצע אויסדריקן, מיט אַזעלכע קאָנצענטרירטע פאָר־מולעס, אין וועלכע די גרעסטע מענטשלאַכע זשעניען גיבן אונז די רעזולטאַטן פון זייערע לאַנגיאָריקע פאָרשונגען און אַרבעטן.

צום באַדויערן, באַנוגענען זיך די מערסטע מענטשן בלויז מיט אָט די שאַרף־אויסגעשפּראָכענע שלאַג־ווערטער און נים מיט די פאָרשונגען גופא פון אונזערע גרויסע לערער. דאָס איז דער פאַל נים בלויז מיט די גרויסע מאַסן, וואָס האָבן נים קיין צייט און קיין מעגלאַכקייט צו שטודירן די אויפטואונגען פון די גרויסע שרייבער און לערער, נאָר אפילו מיט אונזערע שריי־בער און לערער און מיט אונזערע באַוואוסטע פובליציסטן.

גאנץ אפט קומען ארוים אזעלכע שרייבער און לערער אין דער עפנטלאכקייט אין די צייטונגען און זשורנאלן מיט אר־טיקלען, וואו זיי באנוצען זיך גרויסארטיק מיט די דאזיקע שלאג־ווערטער. אין דער זעלבער צייט צייגן זיי, אז זיי הויבן נים אן צו וויסן דעם ריכטיקן אינהאלט פון די פראזן, פון די אויסדריקן, מיט וועלכע זיי באנוצן זיך. א גוטן ביישפיל פון אזא פאל ברענגט דער אלטער געלערטער, אלפרעד וואלעס, אין זיין בוך „די סאציאלע אומגעבונג — אונזער פראגרעס און מאראלישקייט".

וואלעס איז דער מאן, וואס האט אנטדעקט אומאפהענגיק פון דארווינען פילע אמתן פון דער באוואוסטער דארוויניסטישער לערע.

אין דעם יאר 1859 האט דארווין פארעפנטלאכט זיין בא־רימט ווערק „די אפשטאמונג פון מינים". דאס דאזיקע ווערק האט געמאכט די גרעסטע רעוואלוציע אין דער וויסנשאפטלא־כער וועלט, ווייל עס ערקלערט אויף א גאנץ נאטירלאכן אופן די שווערסטע פראגע, ווי אזוי עס זיינען אנטשטאנען די טוי־זענטער פארשידנארטיקע מינים פון חיות און פלאנצן. אין יענער צייט איז אין דער וויסנשאפטלאכער וועלט אנגעגאנגען א דיסקוסיע — ווער פון זיי, צי דארווין, צי וואלעס, זאל אנער־קענט ווערן אלס דער פאטער פון דער נייער לערע.

וואלעס אליין האט אבער צוגעגעבן, אז דארווינען קומט אנערקענט צו ווערן פאר דעם פאטער פון דער וויסנשאפטלאכער טעאריע, וואס איז איצט אומעטום באקאנט, אלס די דארווי־ניסטישע לערע.

דארווין איז נאך אין יאר 1834 געקומען צו דעם געדאנק פון דער נייער טעאריע. די גאנצע 25 יאר פון 1834 ביז 1859 האט ער געארבעט און געקליבן מאטעריאל צו באשטעטיקן זיינע אנטדעקונגען. ער האט זיך נים געאיילט ארויסצוקומען אין דער עפנטלאכקייט מיט זיין טעאריע, איידער ער האט אנ־געקליבן גענוג באווייזן צו איבערצייגן דער וועלט אין איר

ריכטיקייט. דאַרווין אַליין האָט נאָך אין יאָר 1859 ניט געוואָלט פאַרעפנטלעכן זיין בוך וועגן דער „אָפּשטאַמונג פון מינים“, און ער האָט דאָס געטאָן צוליב דעם דרינגלעכן ראָט פון זיינע פריינט, וואָס האָבן געוואוסט פון זיינע אַרבעטן. זיי האָבן אים אָנגעצייגט גראַד אויף די געדרוקטע אָפּהאַנדלונגען פון אַלפרעד וואָלעס.

ווען וואָלעס האָט נאָך געהאַלטן אין שרייבן זיין לעצטע ווערק „די סאָציאַלע אומגעבונג“ (אונזער פּראָגרעס און מאָראַלישקייט) און ס'איז באַוואוסט געוואָרן, אַז ער וועט אַרויס אין דעם בוך מיט אַ שטאַרקער פאַרטיידיקונג פון דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם, איז ערשינען אין „פּאַל־מאַל גאַזעט“, איינע פון די איינפלוסרייכסטע טעגלעכע צייטונגען פאַר יענער צייט, אַ קריטיק קעגן וואָלעסן און זיינע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען פון איינעם פון די אָנגעזעענסטע ענגלישע פּובליציסטן. דער דאָזיקער פּובליציסט טרעט אַרויס אין זיין קריטיק אין נאָמען פון דער דאַרוויניסטישער לערע און זוכט צו איבערצייגן, ווי ווייט די סאָציאַליסטישע אידייען פון וואָלעס ווידערשפּרעכן דער דאַרוויניסטישער לערע.

וואָלעס האָט אויף דער דאָזיקער קריטיק געגעבן אַן ענטפער אין זיין בוך. צווישן אַנדערעס זאָגט ער דאָרטן:

„אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע און פופציק יאָר האָט מען אַזוי פיל געשריבן וועגן דער ניי־אַנטדעקטער טעאָריע פון „נאַטירלעכן אויסוואַל“ און וועגן דער אָנווענדונג פון אָט דער טעאָריע אויף אַלע געביטן פון ביאָלאָגיע (די וויסנשאַפט וועגן פלאַנצן און חיות), ווי אויך אויף אַנדערע געביטן פון דער וויסנשאַפט. מען קען זיך דעריבער לייכט פאָרשטעלן, ווי דער אַנטדעקער פון דער טעאָריע פילט זיך, ווען מען זאָגט אים, אַז ער ווייסט ניט דעם מיין און די באַדייטונג פון זיין אַנטדעקונג. די דאַרוויניסטישע לערע, ווי עס זעט אויס, איז געוואָרן אַזוי אַלגעמיין באַקאַנט, אַז אַ פּאָלקס לערער דאַרף זי גאָר ניט שטודירן, איידער ער נעמט זיך צו שרייבן וועגן דער לערע מיט

אזא אווטאָריטעטנעם טאָן און מיט אזא זיכערער דעמאגאָגישער שפּראך. ער שרייבט מיר צו גערדאנקען און מיינונגען, וואָס זייער פאַלשקייט האָב איך באוויזן אין פילע פון מיינע ביכער. ער ציטירט אפילו ניט ריכטיק מיינע ווערטער, ווען ער גיט איבער אין זיין אַרטיקל דעם אינטערוויו, וואָס ער האָט געהאַט מיט מיר איבער מיין ווערק, איידער איך האָב דאָס פּאַרעפנט-לאַכט. ער דערציילט אָט וואָס: נאָך דעם ווי איך האָב באַוויזן די שטאַרקע צעפוילטקייט פון אונזער איצטיקער ציוויליזאַציע, האָב איך געזאָגט, „אַז די מענטשהייט וועט בלייבן אין דעם צושטאַנד, סיידן דער נאַטירלאַכער אויסוואַל וועט העלפן זי צו רעטן“.

„וואָס איך האָב אייגנטלאַך געזאָגט איז, אַז סיידן וועל־כער עס איז אויסוואַל וועט העלפן אויס־בעסערן דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן. וואָלט דער שרייבער גע־שטודירט די דאַרוויניסטישע לערע, וואָלט געווען אוממעגלאַך פאַר אים צו מאַכן אַזעלכע פאַלשע באַהויפּטונגען אין דעם נאָ־מען פון דער לערע, וועגן וועלכער ער ווייסט גאָר גישט אויסער אירע פּראַזן, אירע שלאָג־ווערטער און אירע פאָרמולעס“.

מיט דער מאַרקסיסטישער לערע איז די לאַגע נאָך פיל ער־גער. אויסער דעם, וואָס די גרויסע מאַסע לערער און שרייבער ווייסט ווייניק, שטודירט ווייניק, איז נאָך דאָ אַ גרויסער אונ־טערשייד צווישן די דאָזיקע 2 גרעסטע וויסנשאַפטלאַכע לערעס פון דעם 19טן יאָרהונדערט, ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט זייערע נאַטירלאַכע געגנער.

די דאַרוויניסטישע לערע האָט געמוזט שאַפן אַ מאַסע געגנער צווישן די גלחים. די קירכע אין דער היינטיקער אייראָ־פּעאישער ציוויליזאַציע שפּילט ווייט ניט די זעלבע מעכטיקע ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט אין די גאָר אַלטע אַזיאַטישע ציוויליזאַציעס אָדער אין די פינצטערע יאָרהונדערטן פון דער הערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירכע אין אייראָפּע. דע־ריבער קען זיך די דאַרוויניסטישע טעאָריע ניט פאַרגלייכן, לויט

דער צאל גרויסע און מעכטיקע געגנער, מיט דער סאציאליס־טישער לערע, וואס האט אנגעוואָרפן א שרעק אויף דעם מעכ־טיקן, הערשנדיקן קאפיטאליסטישן קלאס פון דער היינטיקער צייט און אויף דער גרויסער צאל מענטשן, וועמען עס לעבט זיך בעסער, באקוועמער און בכבודיקער אונטער דער קאפיטא־ליסטישער סיסטעם. די אנהייננער פון דער דארוויניסטישער לערע זיינען ניט פארפאלגט געוואָרן מיט אזא אכזריות אפילו אין רוסלאנד אונטער דעם צארישן רעזשים, וואו די קירכע איז געווען פיל שטארקער, ווי אין די אנדערע לענדער פון איירָאפּע, ווי עס זיינען פארפאלגט געוואָרן אנהייננער פון דער מארקסיס־טישער לערע.

טויזנטער סאציאליסטן אדער קאמוניסטן האבן באצאלט מיט זייערע לעבנס פאר פריידיקן מארקסיזם, בשעת די אנהייננער פון דער דארוויניסטישער לערע האבן אפילו אין דעם צארישן רוסלאנד געקענט פריי פּראפּאגאנדירן דעם דארוויניזם.

די מארקסיסטישע לערע זוכט אביסל צו איבערצאנדערשן דעם אלטן העלד פון דער ביבל. — שמשון הגבור, וועמען די פלישתים האבן בלינד געמאכט. בלינדערהייט, שטייענדיק אונ־טער די זיילן פון דער גרויסער געביידע, וואו עס האבן גע־הוליעט די הערשער פון דעם לאנד, האט שמשון הגבור אנגע־כאפט די זיילן מיט זיין גאנצער קראפט; ער האט אויסגע־שריען: „זאל איך שטארבן צוזאמען מיט די אלע הולטאיעס“. ער האט צושמעטערט די גאנצע געביידע און איז צוזאמען מיט די הערשער אליין באגראבן געוואָרן אונטער די חורבות.

די מארקסיסטישע לערע וויל אפריער אויסהיילן דעם שמשון הגבור פון זיין בלינדקייט, זי וויל אים מאכן צו זען וואס קלארער און שארפער; דעמאלט, ווען ער וועט זיך נעמען מיט זיין גאנצער גבורה צו צושמעטערן די געביידע פון די הערשער, וועט ער ניט אויסשרייען: „זאל איך אומקומען מיט די אונ־טערדריקער צוזאמען!“ זיין רוף וועט זיין אן אנדערער: „איך

ווייל לעבן און געניסן די פרוכט פון מיינע לעבעדיקע כוחות אַן די אונטערדריקער".

אַט דער שמשון הגבור איז דער ארבעטער־קלאַס, וואָס מארקס האָט אַנטדעקט. און כדי צו פארשטיין מארקסעס אויפ־טו איז נויטיק צו פאַרשטיין דעם אויבנגעבראַכטן זאַץ, אַז די געשיכטע פון דער געזעלשאפט, איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאמף.

וואָס מיינט מארקס מיט דעם וואָרט געזעלשאפט? מיינט ער דערמיט אַלע פאָרמען פון דעם מענטשלאַכן צוזאמענלעבן, זינט דער מין מענטש איז ערשינען אויף דער ערד? אָדער ער מיינט נאָר געוויסע באשטימטע פאָרמען פון געזעלשאפט? וואָס מיינט ער מיט דעם וואָרט „קלאַסן"? מיינט ער צו רופן מיט דעם נאָמען „קלאַס" יעדע גרופע מענטשן, וואָס האָבן איין און די זעלבע באשעפטיקונג, די זעלביקע איינקונפט אָדער די זעלבע פייאיקייטן? אָדער ער מיינט עפּעס נאָר אַנדערש?

2.

די פרימיטיווע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטן און די „ציווילי־זירטע“ קלאַסן־געזעלשאַפטן. — די גרויסע באַדייטונג פון דער מענטשלאַכער שפּראַך אין דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן. — ריזי־קער עקאָנאָמישער פּראָגרעס אין דער לאַנגער פּעריאָדע פון דעם קאָמוניסטישן לעבן.

אין יאָר 1847, ווען קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס האָבען געשריבן דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“, איז נאָך אייגענטלאַך גאָר ניט באַוואוסט געווען וועגן דעם לאַנגן פּעריאָד פון דעם מענטשלאַכן צוזאַמענלעבן, איידער די מענטשהייט האָט דערגרייכט דאָ און דאָרט די שטופע פון פאַרשרייבן די וויכטיקסטע געשעענישן אויף שטיין, אויף ציגל, אויף עלפאַנט־ביין, אויף האָלץ, און אזוי ווייטער.

ווען מאַרקס און ענגעלס האָבן ערקלערט, אז „די געשיכטע פון יעדער ביז איצט עקזיסטירנדער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון אירע קלאַסן־קאַמפן“, האָבן זיי צו יענער צייט גע־מיינט אַלע געזעלשאַפטן אָן אַ אויסנאַם. אין די שפּעטערע אויסגאַבן פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ געפינט זיך אונטער דעם ערשטן זאַץ פון דעם „מאַניפעסט“ אַ פוס־נאָטיץ, וואו ענגעלס ערקלערט, אַז אונטער דעם וואָרט „געשיכטע“ דאַרף מען פאַרשטיין די געשריבענע געשיכטע, און אונטער דעם וואָרט „געזעלשאַפט“ דאַרף מען פאַרשטיין, הייסט עס, נאָר די געזעל־שאַפטן, וואָס האָבן געלאָזט נאָך זיך געשריבענע דאָקומענטן אין וועלכער עס איז פאָרם וועגן זייער סאָציאַלן לעבן. ענגעלס געפינט עס פאַר נויטיק צו מאַכן אזאַ ערקלערונג, ווייל אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט זיינען ערשינען אַ

מאסע קלענערע און גרעסערע ארבעטן פון סאָציאלאָגן, היס־טאָריקער און אַנדערע פאָרשער איבער דעם אָרט לעבן פון די פרימיטיווע געזעלשאַפטן, איידער די מענטשהייט האָט דער־גרייכט דעם פעריאָד פון געשריבענער געשיכטע.

די מענטשהייט איז אויפגעקומען אויף דער ערד אַלס די העכסטע פאָרם פון די געזעלשאַפטלעכע חיות אַם מינדעסטן מיט הונדערטער טויזנטער יאָר צוריק. דער פעריאָד פון גע־שריבענער געשיכטע איז אָבער ניט עלטער פון 7 ביז 8 טויזנט יאָר. אויף אַזאַ אופן איז דער אַנטוויקלונג פעריאָד פון דער מענטשהייט און אירע פאַרשידענע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, איידער זי האָט דערגרייכט דעם פעריאָד פון געשריבענער געשיכטע, פיל לייננער, ווי דער פעריאָד פון געשריבענער געשיכטע, אָדער פון דער אַזוי־גערופענער „ציוויליזאַציע".

מענטשן האָבן אין אַט דער לאַנגער תקופה געשאַפן גע־שיכטע ניט ווייניקער ווי אין דער תקופה פון ציוויליזאַציע, די דאָזיקע געשיכטע אָבער איז ניט די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמפן.

די מענטשהייט האָט אין די ערשטע שטופן פון איר אַנטוויקלונג דורכגעמאַכט גרויסע ענדערונגען אין איר עקאָנאָ־מישן לעבן און אַנטשפּרעכנדיקע רעוואָלוציעס אָדער איבערקע־רענישן אין די פאָרמען פון איר געזעלשאַפטלעכן לעבן. די פאַרשיידענע אַנטדעקונגען האָבן געמאַכט דעם מענטשן פאַרן הערשער פון דער נאַטור, אַנשטאַט צו פאַרבלייבן דער שקלאַף פון דער נאַטור צוגלייך מיט אַלע אַנדערע חיות. מיט וואָס אונטערשיידט זיך די מענטש־חיה פון די אַלע אַנדערע נאַטור חיות, אויב ניט דערמיט, וואָס אַט די חיה האָט אָנגעהויבן צו באַנוצן זיך מיט דער נאַטור־וועלט, כדי אויפצובויען אויף איר שוים אַ נייע וועלט, אַ מענטשנס וועלט?

נאָך גאָר אין די ערשטע יאָרן, ווען דער נייער מין מענטש־חיה האָט געלעבט וואַרשיינלאַך אין די וועלדער פון די טראָ־פּישע געגנטן און האָט זיך גענערט אַזוי ווי זיינע נאָנטסטע

קרובים — די מאלפעס — מיט ניס, מיט פרוכט, מיט די דיקע ווארצלען פון נארהאפטע פלאנצן, האט ער זיך דערהויבן איבער אלע אנדערע געזעלשאפטלאכע חיות דערמיט, וואס ער האט באשאפן פון זיינע שטים־קלאנגען א שפראך; דורך דער שפראך האט ער דערגרייכט א שטופע פון געזעלשאפטלאכן לעבן, וואס קיין אנדער חיה האט ניט געקענט דערגרייכן.

אויסדריקן שטימונגען פון פריידן און ליידן, אנזאגן איינער דעם אנדערן פון א דראענדיקער געפאר דורך פארשיידענע שטים־טענער קענען פילע פון די געזעלשאפטלאכע חיות; דאס גיט זיי די מעגלאכקייט צו האנדלען געמיינזאם אין פארשיידענע פאלן, ווי, צום ביישפיל, די פויגלען, ווען זיי עמיגרירן אויף ווינטער אין די ווארימע געגנטן, אדער די מאלפעס, די בופלאקסען, די עלפאנטן, די ציגן, ווען זיי פארטיידיקן זיך געגן דעם אנפאל פון זייערע נאטירלאכע שונאים.

דער מענטש האט געקענט דורך זיין שפראך טאן פיל מער: ער האט געקענט מיטטיילן איינער דעם אנדערן וועגן אלץ, וואס ער פילט, וואס ער דיינקט, וועגן אלץ, וואס ער האט באמערקט אין דער נאטור ארום אים, וועגן אלע זיינע לעבנס־ערפארונגען. דאס האט אים געבראכט צו געמיינזאמע האנדלונגען אין אלע זיינע לעבנס־פראצעסן, ניט בלויז אין געוויסע פאלן, נאר הויפטזאכלאך צו געמיינשאפטלאכע האנדלונגען אין זיין געוויינלאכן קאמף פאר עקזיסטענץ, אין ארויסקריגן פון דער נאטור זיינע לעבנס־מיטלען, ווי נארונג, און שפעטער קליידונג, וואוינונגען, קינדער־דערציאונג, געמיינשאפטלאכע פלעגע פאר געווינערינס, פאר קראנקע, א. ז. וו. דורך די אנגעקליבענע דערפארונגען, וואס ווערן דורך דער שפראך איבערגעגעבן פון דור צו דור, האט דער מענטש פראגרעסירט אזוי ווייט אין זיין שאפן א נייע מענטשן־וועלט, אז עס זענען אפגעווישט געווארן די מינדעסטע שפורן פון זיין פריערדיקן, ווילדען נאטור־לעבן גלייך מיט אלע אנדערע ווילדע חיות.

אין דעם דאזיקן לאנגן פעריאד האט דער פרימיטיווער

מענטש אנטדעקט פייער און קינסטלאכע באלייכטונג; ער האט פארוואנדלט פילע ווילדע חיות אין נוצלאכע הויז־חיות, ווי ציגן, שעפסן, קי, הינט, קעמלען, אייזלען, טויבן, הינער, גענז, א. ז. וו. ער האט אנטדעקט דעם גרויסן סוד פון דער נאטור, אז די נאַרונג און פלאנצן וואקסן אויס פון זייערע אייגענע זאמען, אז ער קאן די זאמען פארזייען און מאכן וואקסן די פלאנצן, וואס זיינען נוצלאך פאר זיין לעבן; ער האט גענומען אויסארבעטן פון שטיין, פון האלץ, פארשיידענע געצייג, ווי העק, מעסערס, שפיזן, שטעקנס מיט פארשארפטע שפיצן, דובינעס, אלס וואפן אין זיין יאגד אויף די ווילדע חיות און אין זיינע אפטערע מלחמות מיט די פיינטלאכע מענטשן־שטאמען, און אלס אינסטרומענטן צו באארבעטן די ערד, צו האקן בוימער. ער האט זיך אויסגעלערנט צו פלעכטן קערב פון צווייגן, צו וועבן די לאנגע פלאנצן־פעדים, צו מאכן פיש־נעצן, צו מאכן שטריק, צו בויען הייזער, שיפלאך. ער האט אנטדעקט שפעטער די קונסט פון שמעלצן מעטאלן — פריער קופער, זילבער און גאלד, דערנאך אייזן, און צו שמידן פון זיי דורך א בלאז־זאק פארשיידענע געצייג און געווער: פייל־און־בויגן, שווערדן, העק, מעסערס, זעגן, האמערס, אקער־אייזנס; ער האט אנטדעקט די קונסט צו מאכן געברענטע ציגל; צו מאכן פון ליים, שטיין און מעטאלן פארשיידענע כלים א. ז. וו.

האנט־אין־האנט מיט די דאזיקע ריזיקע שריט אין דעם עקאנאמישן לעבן, אין דער ארט און ווייזע פון באשאפן רייכערע לעבענס־מיטלען, האנט־אין־האנט מיט דעם וואוקס פון זיין הערשאפט איבער דער נאטור, האט דער מענטש אין אט דעם לאנגן פעריאד, דורכגעמאכט גרויסע רעוואלוציעס, גרויסע איבערקערענישן אויך אין דעם אינערלאכן סאציאלן געבוי פון זיינע געזעלשאפטן. עקאנאמיש האבן די דאזיקע פרימיטיווע געזעלשאפטן געפירט א געמיינשאפטלאך לעבן: די ערד מיט אירע נאטירלאכע אוצרות מיט אירע וועלדער, אירע טייכן, אירע לאנקעס א. אז. וו. זענען געבליבן דער געמיינשאפטלאכער באדן

פאַר די געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געלעבט און געפּרוכפּערט זיך אויף אים. פון עקאָנאָמישע קלאַסן, האָבן די דאָזיקע געזעלשאַפטן ניט געוואוסט.

די סאָציאַלע איבערקערענישן, וואָס דער פאָרשריט אין עקאָנאָמישן לעבן האָט ארויסגערופן, האָבן אָנגערירט דעם סאָציאַלן געבוי פון די פּרימיטיווע משפחות, עס האָבן זיך געביטן, לויט די אומשטענדן פון עקאָנאָמישן לעבן, די פאַמיליען־פאַרהעלטנישן, די געזעלשאַפטלאַכע גרופּירונגען פון די מענער און פרויען, פון קינדער און זייערע מוטערס, פון די קינדער און זייערע פאָטערס; משפחות זיינען נאַטירלאַכער־ווייזע געוואַקסען אין צאָל פון זייערע מיטגלידער, וואָס האָבן זיך אַלע גערעכנט פאַר קינדער, וואָס שטאַמען פון די זעלביקע אור־עלטערן. גאַנץ אָפט האָבן טיילן פון איין שטאַם, און פיל מאָל גאַנצע שטאַמען, אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע פלעצער, און האָבן זיך באַזעצט אויף נייע פלעצער. זיי האָבן אויף אַזאַ אופן אויפגעבויט קאָלאָניעס פון דעמזעלבן שטאַם אָדער שבט אין פאַרשיידענע פלעצער; פילע שבטים האָבן זיך צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין געזעלשאַפט, אין איין פאָלק, אָדער אין איין נאַציע, און אין די אַלע איבערקערענישן און אין די אַלע פאָרמאַציעס פון די גרויסע פּרימיטיווע געזעלשאַפטן, איז דער פונדאַמענט פון זייער עקאָנאָמישן לעבן געבליבן דער זעלביקער: די דאָזיקע פּרימיטיווע געזעלשאַפטן ווייסן דעריבער ניט פון עקאָנאָמישע קלאַסן און פון קלאַסן־קאַמף.

3

מאָרגאַנ'ס שילדערונג פון דעם געזעלשאַפטלאַכן פרימיטיוון לעבן פון די נאָרד־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער. — דער גרויסער קאָנטראַסט צווישן די פאָרמען פון פאָלק'ס פאַרוואַלטונג אין די פרימיטיווע געזעלשאַפטן און די רעגירונג־פאָרמען פון די קלאַסן־געזעלשאַפטן. — די שטאַט־מאַכט, די צוואַנג־אַפּאַראַטן איבער די פאָלקס־מאַסן אין די הענט פון רעגירענדן קלאַס.

די גרויסע אנטדעקונג פון קארל מארקס, אז דער אמתער שליסל פון דער מענטשלאַכער געשיכטע ליגט אין דעם קלאַסן־געבוי פון דעם מענטשלאַך־געזעלשאַפטלאַכן לעבן, באַציט זיך בלויז אויף דעם פאַרהעלטניסמעסיג־קורצן פעריאָד פון דער מענטשלאַכער געשיכטע, אויף דער פעריאָדע פון דער אזוי־גערופענער מענטשלאַכער ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט א 7—8 טויזנט יאָר צוריק אין אזיע און האָט דערגרייכט די העכסטע אנטוויקלונג אין אייראָפּע. דער דאָזיקער פעריאָד שליסט אין זיך איין די אור־אַלטע גרויסע ציוויליזאַציעס פון אזיע, די גרויסע מלוכות פון מצרים, סיריע, פערסיע, פאַלעסטינע, כינע, א. ז. וו. און די גאַנצע 3000 יאָריקע געשיכטע פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די גריכישע קאָלאָניעס פון קליין־אזיע, אויפן גרעניץ צווישן אזיע און אייראָפּע; די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע האָט זיך אָן הפסקה אנטוויקלט אין די קליינע רעפּובליקן פון גריכנלאַנד און רוים, ס'האָט זיך אריבערגעטראָגן אין די הייננטיקע גרויסע מלוכות פון אייראָפּע און אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

וואָס איז דער הויפּט־שטריך, וואָס טיילט אָפּ די דאָזיקע

ציוויליזירטע מלוכות פון די פּרימיטיווע קאָמוניסטישע געזעל־שאַפטן? דאָס וואָס די ציוויליזירטע מלוכות האָבן דערגרייכט די שטופע פון שרייבן און האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך געשרי־בענע דאָקומענטן, קען ווייט ניט דינען אַלס הויפּט־שטריך. די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געמאַכט אַזעלכע גרויסע אַנטדעקונגען, ווי עס איז אָנגעצייגט געוואָרן אין פאַריקן קאַפּיטל, האָבן געוויס געקענט מאַכן אויך די אַנטדעקונג פון שרייבן, און דאָך בלייבן קאָמוניסטיש אין זייער עקאָנאָמישן לעבן. עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי האָבן גאָר די דאָזיקע ציוויליזירטע מלוכות אַנטדעקט די קונסט פון שרייבן? עס איז מער ווי וואַרשיינלאַך, אַז די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן פון אַזיע אין דעם פּעריאָד פון זייער איבערגאַנג צו דער אַזוי גערופענער ציוויליזאַציע האָבן שוין געהאַט פילע גאַנץ הויך אַנטוויקלטע פאָרמען פון שריפטן. די אור־אַלטע ציוויליזאַציע פון אַזיע האָט זיך אייגנטלאַך באַנוצט מיט די דאָזיקע שריפטן, כדי איבערצולאָזן אַ געשריבענע געשיכטע פון זייערע הערשער: פון זייערע פּריסטער אין די טעמפּלען און פון זייערע קעניגן מיט זייערע פּאַלאַצן.

די שרייב־קונסט איז אויסגעוואַקסן פון דער קונסט פון די בילדער־מאָלער. אויסגעצייכנטע אַרטיסטישע בילדער זיינען געפונען געוואָרן צווישן די אויסגראָבונגען פון די גאָר אַלטע צייטן, ווען מענטשן האָבן נאָך געלעבט אין היילן, די אַלטע היעראָגליפישע שריפטן פון מצרים און נאָך עלטער פון זיי די שריפטן פון די סומעריאַנער זענען בילדער־שריפטן: דאָס הייסט אַ געוויסער צייכן, אָדער בילד דריקט אויס ניט אַ וואָרט, נאָר אַן אידייע. צום ביישפּיל, אַ צייכן ווי אַ מין שטערענדל (*) מיט 8 קורצע פּאַסעקלאַך, וואָס שטראַלן אַרויס פון אַ מיטל־פּונקט, — דריקט אויס די אידייע פון גאָט, ניט דאָס וואָרט גאָט. דער שטערענדל שטעלט פאָר אַלע ווערטער, וואָס דריקן אויס די אידייע פון גאָט, ווי „גאָט אין הימל“, „דער הימלישער פאָטער“, „דער שעפער פון דער וועלט“, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע ווער־

טער. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער שרייב־קונסט באַ־שטייט אין דעם, וואָס די זעלביקע בילדער הויבן אָן באַנוצט צו ווערן אַלס צייכן פון שפּראַך־קלאַנגען, פון גאַנצע ווערטער, אָדער פון ווערטער־זילבן. דערמיט הויבט זיך אָן דער איבערגאַנג צו אונזער אלף־בית שריפט, וואו בילדער אָדער וועלכע עס איז צייכנס דריקן אויס די איינצעלנע אָפּגעזונדערטע שפּראַך קלאַנגען.



אין דער פיגור, וואָס ווערט דאָ געבראַכט, זעט איר די אַנט־וויקלונג פונם ערשטן בוכשטאַב פון אונזערע היינטיקע שריפטן — פון אַ בילד פון אַן אָדלער אין די אַלטע היעראָגליפן פון מצרים, ביז דעם לעצטן לאַטייניש בוכשטאַב **A** דעם צווייטן צייכן נאָכן אָדלער געפינען מיר אין די שפּעטערע שריפטן פון מצרים; אַנשטאָט אַ בילד פון דעם אָדלער זעען מיר וואָס ווייטער איינ־פאַכערע ליניעס, שטריכן, וואָס טראָגן אַן ענלאַכקייט צו דעם בילד פון אַן אָדלער. דער דריטער צייכן איז דער ערשטער בוכ־שטאַב פון דעם אלף־בית פון די פעניקיאַנער, דער פערטער צייכן איז אונזער באַקאַנטער אלף; זיינע ליניעס דערמאָנען אויך אָן די קאַנטורן פון דעם אַלטן היעראָגליפישן בוכשטאַב; נאָך דעם איז דער ניי־גריכישער און אַם לעצטן דער לאַטיינישער.

פאַר אונז איז ניט וויכטיק די פראַגע, ווער ס'האָט אַנטדעקט די שרייב־קונסט, צי די פרימיטיווע קאַמוניסטישע געזעלשאַפטן, צי די גרויסע ציוויליזאַציעס, ווייל ניט אין דעם באַשטייט דער גרויסער אונטערשייד צווישן זיי.

דער הויפּט־שטריך, וואָס טיילט אַזוי שטאַרק אָפּ אַלע ציוויליזירטע געזעלשאַפטן פון די פּרימיטיווע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטן, איז דער, וואָס דאָ באַגעגענען מיר זיך מיט דער נייער פאָרמע פון שטאַט, פון מלוכה־רעגירונגען, וואָס האָבן באַשאַפן שטאַטלאַכע צווינג־אַפּאַראַטן איבער די מאַסן פון פאָלק. די דאָזיקע פאָרמע פון שטאַט־רעגירונג איז אַזוי אייננ פאַרבונדן מיט דער צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין קלאַסן, אַז מיר קענען מיט זיכערקייט זאָגן: „וואו עס איז דאָ אַ שטאַט־רעגירונג, איז די געזעלשאַפט אַ קלאַסן־געזעלשאַפט“, דער הויפּט־צוועק פון די שטאַטלאַכע רעגירונג־אַפּאַראַטן—צו האַלטן די מאַסן פון פאָלק אין צוואַנג—איז דער זעלביקער אין די אַלע ציוויליזאַציעס, ווי פאַרשידנאַרטיק עס זעען ניט אויס זייערע אויסערלאַכע שטאַט־פאָרמען. סיי אין די מעכטיקע דעספּאָטישע מלוכות פון מצרים, סיריען, כינע, סיי אין די קליינע רעפּובליקן פון גריכענלאַנד, סיי אין דער גרויסער אימפּעריע פון רוים, סיי אין אַלע אונזערע הייניטיקע אייראָפּעאישע מלוכות מיט זייערע קאָנסטיטוציעס, קאָנגרעסן, פּאַרלאַמענטן, — בלייבט דער צוועק פון דער שטאַט־רעגירונג דער זעלביקער.

אין די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן זענען אַלע מיטגלידער, סיי די מענער, סיי די פרויען, גלייך און פריי; פון שקלאַפן ווייסן זיי נים. ווען די אינדיאַנער שבטים פון אונזער שטאַט ניו יאָרק, וואָס זענען באַוואוסט אונטער דעם נאָמען די איראַקוואַי אינדיאַנער, האָבן באַזיגט אין דעם יאָר 1651 די אינדיאַנער שבטים פון אירי, האָבן זיי פאַרגעשלאָגן אריינצונעמען די באַזיגטע אינדיאַנער פון אירי אין זייער פאַרבאַנד מיט אַלע רעכט פון זייערע אייגענע שבטים. בלויז ווען די אירי אינדיאַנער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אריינטרעטן אין דעם פאַרבאַנד, האָבן די איראַקוואַי זיי אַרויסגעטריבן פון זייער לאַנד. די קריגסגעפאַנגענע, וואָס זיי לאָזן לעבן, ווערן אריינגענומען אַלס גלייכע מיטגלידער. דאָס זעלבע איז אויך מיט פרעמדע.

פון אַלע איצט עקזיסטירנדיקע פּרימיטיווע געזעלשאַפטן,

וואָס געפינען זיך אין אפריקע, אויסטראַליע, אין מעקסיקאָ, אין נאָרד אַמעריקע, אויך פילע פון די אינזלען, וואָס ציען זיך צווישן אַזיע און אויסטראַליע, איז אם בעסטן אויסגעפאָרשט געוואָרן דאָס געזעלשאַפטלאַכע לעבן פון די נאָרד־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער. דאָס איז צו פאַרדאַנקען דער טיכטיקער פאָרשונג פון דעם אַמעריקאַנישן געלערנטן לואיס מאָרגאַן.

מאָרגאַן האָט אָפּגעלעבט במעט 40 יאָר—די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן—צווישן די איראקוואי אינדיאַנער פון אונזער שטאַט ניו יאָרק. איינער פון זייערע פינף שבטים, דער שבט סענעקאַ ארום ניו יאָרק, האָט מאָרגאַנען אדאָפּטירט, אריינגענומען אַלס אַ מיטגליד.

אָט זענען בלויז עטלאַכע פאַקטן פון מאָרגאַנס באַשרייבונג פון די מנהגים און פאַרוואַלטונג פון דעם שבט סענעקאַ. דער שבט סענעקאַ באַשטייט פון 8 משפחות (מאָרגאַן רופט זיי אָן 8 דזשענטס).

דער „דזשענט" איז אייגנטלאַך מאָרגאַנס אנטדעקונג. דער דזשענט איז ניט פּינקטלאַך דאָס, וואָס מיר רופן משפּחה; דער דזשענט איז אַ געוויסער מין משפּחה.

די 8 משפּחות רופן זיך מיט די נעמען פון חיות אָדער פויגלען: די משפּחה בער, די משפּחה הירש, וואָלף א. אז. וו. די מיטגלידער פון דער זעלבער משפּחה קענען ניט הייראַטן צווישן זיך. די מענער פון דער משפּחה בער קענען הייראַטן די פרויען פון די אַנדערע 7 משפּחות, נאָר ניט פון דער משפּחה בער. אַלע משפּחה אָנגעלעגנהייטן ווערן פאַרוואַלטעט, אַלע סכסוכים ווערן געשליכטעט פון דעם משפּחה־ראַט, וואָס איז אַן אמת־דעמאָקראַטישע פאַרזאַמלונג פון אַלע דערוואַקסענע מיטגלידער, מענער און פרויען פון דער משפּחה. דער משפּחה־ראַט דערווייַלט צוויי הויפּט־מענער. איינער הייסט סעטשעם, וואָס איז דער פאָרשטייער פון דער משפּחה אין דער צייט פון פרידן. דער אַנדערער איז דער קריגס־פירער אין צייט פון מלחמה. דער סעטשעם רעפּרעזענטירט די משפּחה אין דעם שבט־ראַט פון אַלע משפּחות צוזאַמען, אָדער

אין דעם פאָלקס־ראַט פון אַלע שבטים צוזאַמען. דער משפחה־ראַט קען צו יעדער צייט צוריקרופן די פאָרשטייער און דערוויילן אַנדערע.

דער סעטשעם האָט אונטער זיך ניט קיין סאָלדאַטן, קיין זשאַנדאַרמען; ער האָט ניט קיין פיזישע מאַכט צו צווינגען וועמען עס איז; זיין מאַכט איז ניט מער ווי אַ מאָראַלישע מאַכט פון דעם דערוויילטן פון דער גאַנצער משפחה. די אָפטע מלחמות, וואָס די שבטים אָדער דער פאָלקס־פאַרבאַנד פון שבטים פירן מיט די אַרומיקע פיינטלאַכע שבטים אָדער פעלקער, ווערן אָרגאַניזירט דורך די פראָמינענטע קריגס־העלדן. זיי הויבן אָן אַ קריגס־טאַנץ און אַלע די, וואָס נעמען פרייוויליק אָן אָנטייל אין דעם קריגס־טאַנץ, ווערן פאַרוואַנדלט אין אַן אַרמיי.

די הויפט־פליכט פון די שבטים־ראַטן און פון דעם פעדעראַציוון ראַט פון די אַלע 5 שבטים פון די איראַקוואַי אינדיאַנער איז באַשטאַנען אין שליסן פרידן, ברודערשאַפטן מיט די אַרומיקע שבטים און פעלקער, אָדער אין דערקלערן קריג געגן זיי. אַזוי האָבן איראַקוואַי אינדיאַנער אָפּגעלעבט 400 יאָר ביז היינט אָן קיין שום צוואַנג־אינסטיטוציעס פון די ציוויליזירטע קלאַסן־געזעלשאַפטן: אָן טורמעס, אָן שטאַט־געריכטן, אָן סאָלדאַטן, אָן פּאָליציי, אָן אַריסטאָקראַטן, אָן אַדעליקע, אָן קעניגן, אָן הערשער און אָן אונטערטעניקע, אָן שטאַט־צינזן, אָן העכערע און נידעריקע קלאַסן, — אַלע גלייך און פריינטלאַך ניט בלויז אויף פּאַפּיר, ווי אין די היינטיקע רעפּובליקן, נאָר אין דער אמת'ער ווירקלאַכקייט.

יעדער מיטגליד איז געווען זיכער אין דער ברידערלאַכער הילף און שוץ פון דער גאַנצער משפחה. ווען אַ מיטגליד איז דערהרגעט געוואָרן פון אַ פרעמדן, האָט די גאַנצע משפחה געהאַלטן פאַר איר הייליקער פליכט ראַכע צו נעמען פאַר זיין טויט. דאָך איז דער דאָזיקער מנהג פון בלוט־ראַכע, וואָס שיינט פאַר אונזער ציוויליזאַציע צו זיין אַזוי באַרבאַריש, ניט מער גרויזאַם, ווי די באַהאַנדלונג פון אַ מערדער אין אונזערע געריכטן,

מיט אונזערע געדונגענע פראפעסיאנעלע הענקערס,—פיליכט נאך מענטשלאכער. דער ראט פון דעם מערדערס משפחה פלעגט מאכן דער משפחה פון דעם דערהרגעטן פארשלאגן, וואס זענען גע־ווינלאך באשטאנען אין אויסדריקן באדויערן און אין שיקן ווערט־פולע פרעזענטן. בלויז דאן, ווען די פארשלאגן זענען ניט אנגע־נומען געווארן, פלעגט דעם דערהרגעטנ׳ס משפחה דערוויילן איי־נעם אדער עטלאכע מיטגלידער דורכצופירן די בלוט־ראכע.

דער איבערגאנג פון די דאזיקע איינפאכע קליינע קלאסנ־לאזע, קאמוניסטישע געזעלשאפטן צו די גרויסע ציוויליזירטע געזעלשאפטן, אין וועלכע אן אומבאדייטנדיקער טייל איז גע־ווארן דורך דער מאכט פון די קלאסן־רעגירונגען דער הערשער איבער דער מערהייט פון פאלק, האט געוויס געדויערט פילע הונדערטער יארן.

אונזערע מילד־הארציקע ליבעראלן רופן די גרויסע סאציא־לע רעוואלוציע אין רוסלאנד מיטן נאמען „עקספערימענט“. זיי פארשטייען ניט, אז ניט בלויז אין די מעכטיקע סאציאלע איבערקערענישן אין דעם לעבן פון דער מענטשהייט, נאר אפילו אין די געוויינלאכע נאטור־דערשיינונגען, שפילט זיך ניט די נא־טור אין עקספערימענטן; ווען עס דונערט און בליצט, מאכט ניט די נאטור עקספערימענטן אין עלעקטריציטעט; אין אירע גוואל־דיקע וואולקאנישע אויסברוכן, ווען די נאטור שפאלט און צע־רייסט מעכטיקע בערג און שליידערט ארויס פון דער טיפעניש פון דער ערד טייכן פון צעשמאלצענע שטיינער, שפילט זיך די נאטור ניט אין עקספערימענטן. יעדע דערשיינונג אין נאטור, ווי אויך אין אונזער סאציאלן לעבן, איז נאר א רעזולטאט פון די שטענדיק ווירקנדיקע פילפאכע נאטור־קרעפטן. דער עקספערימענט איז נאר א הילף פאר דעם פארשער, וואס זוכט צו באגרייפן די קרעפטן, די סודות פון די דערשיינונגען. אויב שוין יא אנרופן די גרויסע סאציאלע רעוואלוציע מיט אזא פאלשן נאמען, ווי עקספערימענט, האבן די ליבעראלן געדארפט מיט דעם נאמען אנרופן דעם פארהעלטניסמעסיק קורצן פעריאד פון דער אזוי־גערו־

פענער ציוויליזאַציע, וואָס זיי שעצן אַזוי טייער, און ניט די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט געמאַכט דעם ערשטן פּאַרזוך אָפּ־צושאַפן די קלאַסן־געזעלשאַפט, וואָס האָט אין דעם משך פון 7 טויזנט יאָר אַלץ מער און מער עקאָנאָמיש פאַרשקלאַפט די גרעס־טע מערהייט פון דער מענטשהייט. אַלענפאַלס, אויב שוין יאָ אָנרופן די גרעסטע איבערקערענישן אין דעם מענטשלאַכן סאָציאַלן לעבן מיט דעם נאָמען „עקספּערימענט“, איז דאָך די דאָזיקע פאַרשקלאַפונג געווען אַ נייער עקספּערימענט אין סאָציאַלן לעבן, בעת די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, צו וועלכער רוסלאַנד שטרעבט איצט, און וואָס זי קען מיט זיכערקייט דערגרייכן אַ דאַנק דער רעוואָלוציע פון דעם פאַר־שקלאַפטן רוסישן פאָלק, איז דאָך ניט קיין נייער עקספּערימענט.

איצט וועלן מיר איבערגיין צו דער פראַגע, וואָס הייסט אַ קלאַס? וואָס זענען די מיטלען, וואָס דורך זיי איז געלונגען דער אומבאַדייטנדיקער מינדערהייט צו פאַרשקלאַפן די מאַסן?

.4

די פיר גרויסע עפּאָכן אין דער געשיכטע פון קלאַסן־געזעל־שאַפטן, פון די אַלטע גרויסע אַזיאַטישע מלוכות ביז צו די איצטיקע אייראָפּעאישע העכסט אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות.

אין פריערדיקע קאַפּיטלען איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די גאַנצע לאַנגע געשיכטע פון דער מענטשהייט ווערט מיט רעכט צעטיילט אויף צוויי גרויסע עפּאָכן: (1) די עפּאָכע פון פּרי־מיטיווע געזעלשאַפטן און (2) די עפּאָכע פון ציוויליזירטע גע־זעלשאַפטן. דער גרונט־שטריך, וואָס אונטערשיידט די דאָזיקע צוויי עפּאָכן, איז דער, וואָס די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן ווייסן ניט אין זייער עקאָנאָמישן לעבן פון קיין צעטיילונג אויף קלאַסן, בשעת די ציוויליזירטע געזעלשאַפטן זענען גראַד געבויט דערויף, וואָס זייער עקאָנאָמישער לעבן ווערט געפירט דורך אויסגעשפּראָ־כענע באַשטימטע קלאַסן. צו געבן אָבער אַן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס איז אַזוינס אַ קלאַס?—איז גאָר ניט קיין לייכטע זאַך.

די זעלביקע פראַגע האָט מאַרקס געשטעלט אין דעם גאָר לעצטן קאַפּיטל פון זיין גרעסטן ווערק, אין דעם דריטן באַנד פון „קאַפּיטאַל“.

צו אונזער גרויסן באַדויערן איז אָט־דער לעצטער קאַפּיטל געבליבן ניט פאַרענדיקט. אונזער גרויסער דענקער איז געשטאָרבן, ניט האָבנדיק געגעבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, און ביז היינ־טיקן טאָג איז די פראַגע געבליבן ניט פאַרענטפערט אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור.

כדי צו זען, ווי קאַרל מאַרקס שטעלט די פראַגע, ברייננ איך

דא די אויסצוגן פון דעם 52טן קאפיטל פון דעם דריטן באנד „קאפיטאל”. דער קאטיפל טראגט דאס קעפל „קלאסן”.

„אין די היינטיקע געזעלשאפטן”, שרייבט מארקס, „וואס אין זיי האט זיך אנטוויקלט די קאפיטאליסטישע פראדוקציאנס־סיסטעם, געפינען מיר דריי גרויסע קלאסן: ארבעטער, קאפיטא־ליסטן און ערד־באזיצער. דאס הייסט, אייגנטלאך, אייגנטימער פון בלויז ארבעטס־קראפט, אייגנטימער פון קאפיטאל און אייגנ־טימער פון לאנד. די איינקונפט פון די דאזיקע דריי קלאסן, פון די דאזיקע דריי סארטן אייגנטימער, טראגט פארשידענע נעמען: די אייגנטימער פון בלויז ארבעטס־קראפט קריגן זייער לוין אלס שכירות, די אייגנטימער פון קאפיטאל קריגן זייער „פראפיט” אדער א געווינס „פראצענט”, און די אייגנטימער פון לאנד קריגן זייער „רענט”.

ווייטער אביסל אין דעם זעלביקן קאפיטל זאגט מארקס: „די נעקסטע פראגע, וואס אויף איר מוזן מיר ענטפערן, איז: וואס אייגנטלאך איז דאס, וואס מאכט מענטשן פאר א געזעלשאפט־לאכן קלאס? אדער מיט אנדערע ווערטער: וואס זענען די כא־ראקטעריסטישע עלעמענטן, וואס מאכן גראדע די לוין־ארבעטער, די קאפיטאליסטן און די ערד־באזיצער פאר די דריי וויכטיקסטע געזעלשאפטלאכע קלאסן?”

„פון אויבנאויף קען מען דענקען, אז דער עלעמענט, וואס מאכט א גרויסע צאל מענטשן פאר א קלאס, איז דער פאקט, וואס זיי אלע קריגן זייערע לעבנס־מיטלען פון דעם זעלביקן קוואל: יעדער מיטגליד פון דעם ארבעטער קלאס ציט זיין חיונה פון אויסנוצן זיין ארבעטס־קראפט; דער קאפיטאליסט ציט זיין חיונה פון אויסנוצן זיין קאפיטאל, און דער לענדלארד—דורך זיין לאנד־אייגנטום”.

„אויב אבער דער פונדאמענטאלער כאראקטער פון א קלאס זאל זיין אט־דער פאקט, וואס זיינע מיטגלידער קריגן זייערע לעבנס־מיטלען פון דעם זעלביקן קוואל, וואלטן מיר געדארפט דאקטוירים רעכענען פאר א באזונדער קלאס, שטאט־באאמטע

פאר א באזונדער קלאס, און אזוי אויך הונדערטער אנדערע גע־זעלשאפטלאכע גרופן, וואס וואקסן אוים פון דער צעטיילונג פון דער געזעלשאפטלאכער ארבעט: די פארשידנארטיקע געזעלשאפט־לאכע גרופן, סיי צווישן די ארבעטער, סיי צווישן די קאפיטא־ליסטן און לענדלארדס. נעמט, צום ביישפיל, די פארשיידענע גרופן פון לאנד־אייגנטימער: זיי צעטיילן זיך אויף אייגנטימער פון וויינגערטנער, אייגנטימער פון אקער־לאנד, אייגנטימער פון וועלדער, פון צוקער־פלאנטאציעס, פון מינען, קופער־מינען, נאפט־מינען, אייגנטימער פון פישערייען".

דאס זענען די לעצטע שורות פון מארקס' שריפטן: דער קא־פיטל וועגן קלאסן איז געבליבן אפגעהאקט אין מיטן. און די פרא־גע: וואס איז אייגנטלאך דער גרונט־שטריך אין דעם געזעלשאפט־לאכן לעבן, וואס מאכט די געזעלשאפט פאר א קלאסן־געזעל־שאפט?—איז געבליבן אן אן ענטפער.

מערקט אייך, מארקס דערמאנט דאך ניט אין דעם לעצטן קאפיטל קיין אנדערע קלאסן אויסער די דריי גרויסע קלאסן פון דער היינטיקער קאפיטאליסטישער סיסטעם. די אויפגאבע איז נאך פיל שווערער, ווען מען וויל מיטן ענטפער ארומנעמען אלע געזעלשאפטלאכע קלאסן אין די גרויסע עפאכן פון דער עקאנא־מישער אנטוויקלונג פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט, פון די גאר אלטע אזיאטישע ציוויליזאציעס ביז דער מאדערנער קאפי־טאליסטישער ציוויליזאציע.

די עקאנאמישע אנטוויקלונג פון דער אזוי־גערופענער ציווי־ליזירטער מענטשהייט קען מען מיט רעכט איינטיילן אויף פיר גרויסע עפאכן: די ערשטע עפאכע איז די עפאכע פון די גרויסע שטאט־ציוויליזאציעס אין אזיע, ווי די מלוכות פון סיריע, בבל, מצרים, ארץ־ישראל, כינע א. אז. וו.; די אנדערע דריי עפאכן: די עפאכע פון אלטערטום, דאס הייסט די עפאכע פון גריכנלאנד און רוים, די עפאכע פון מיטל־אלטער אדער די פעאדאלע עפאכע, און די היינטיקע מאדערנע קאפיטאליסטישע עפאכע—זענען אלע די תקופות פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג פון דער אייראפע־

אישער ציוויליזאַציע. די ערשטע עפּאָכע, די עפּאָכע פון די אַזיאַ־טישע ציוויליזאַציעס, האָט געדויערט כמעט אַזוי לאַנג ווי די אַלע דריי עפּאָכן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע צוזאַמענגענו־מען. גראַד איז די דאָזיקע ערשטע עפּאָכע זייער שוואַך, כמעט ווי גאָרניט, באַאַרבעט געוואָרן אין אונזער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור.

די הערשנדיקע קלאַסן אין די אָנגעצייגטע דריי הויפּט־עפּאָכן אין דער געשיכטע פון דער מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, ווי פאַרשידנאַרטיק זיי זענען ניט געווען אין אַלטערטום און אין מיטלאַלטער פון די הערשנדיקע קלאַסן פון דער איצטיקער קאַפּי־טאַליסטישער עפּאָכע, האָבן אַלע דעם זעלביקן כאַראַקטער. אָנ הייבנדיק פון דער ערשטער ציוויליזירטער מלוכה אין אייראָפּע— גריכנלאַנד, ביז דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, טראָגט דער הערשנדיקער קלאַס פאַרשידענע נעמען: יופּאַטרידן אין גריכנלאַנד, פּאַטריציער אין רוים, אין מיטלאַלטער—באַראָנען, גראַפן, הערצאָגן, פירשטן; אין רוסלאַנד—באָיאַרן, קניאַזן און שפּעטער דער הערשנדיקער קלאַס פון די אדל־לייט אָדער דוואָ־ריאַנעס א. אז. וו. די נעמען זענען פאַרשידן, דער כאַראַקטער פון די אַלע קלאַסן איז אָבער דער זעלביקער.

דאָס איז אַ קלאַס, וואָס האָט פאַרכאַפּט פאַר זיך די ערד מיט אירע וועלדער, מיט אירע בערג, מיט אירע טייכן, אָזערעס— מיט אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף און אין דער ערד. די פיש אין די וואַסערן, די חיות, די פרוכטן, די יאַגדעס אין די וועלדער, די ביימער, גראָזן, די שטיינער, די מעטאַל־אוצרות א. אז. וו. די מוטער ערד, וואָס פון איר באַקומען די מענטשן זייער נאַרונג, זייער קליידונג, זייער מאַטעריאַל צו שאַפן אַרבעטס־געצייג, צו בויען הייזער,—איז געוואָרן דער אייגנטום פון דעם הערשנדיקן קלאַס.

די ערד איז די מוטער, און די, וואָס האָבן זי פאַרכאַפּט, די זענען די פאָטערס פון דער געזעלשאַפט. אין גריכנלאַנד און אין

רוים שטאמט טאקע דער נאָמען פון דעם הערשנדיקן קלאַס פון דעם וואָרט „פאַטער".

אין רוים הייסט עס פּאַטריציער, אזוי ווי די רוימישע מלוכה הייסט „פּאַטריא", אָדער פאַטערלאַנד. דער גריכישער הערשנדי־קער קלאַס הייסט יופּאַטרידן, וואָס באַדייט „וואויל־האָבנדיקע פאַטערס".

די רעגירנדיקע קערפּערשאַפט פון רוים, דער רוימישער סע־נאַט, איז אַ לאַנגע צייט באַשטאַנען בלויז פון די פּאַטריציער; בלויז שפּעטער, נאָך אַ העפטיקן קאַמף, איז דערלויבט געוואָרן דעם פּעבל („המון"), אָדער די פּלעבעיער, ווי זיי הייסן אין דער רוימישער געשיכטע, צו דערוויילן אין סענאַט בלויז צוויי פאָלקס־פאַרטרעטער מיט באַשרענקטע רעכט. די מיטגלידער פון סענאַט מיט דעם נאָמען „פּאַטרעס" אָדער פאַטערס. דאָס וואָרט „פּאַטריאָט" אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן שטאַמט אויך פון דעם זעלביקן שורש.

די גלייכהייט, וואָס האָט געהערשט אין די פּרימיטיווע גע־זעלשאַפטן, איז פאַרשוואונדן ניט בלויז צווישן דעם הערשענדיקן קלאַס פון די גרויסע לאַנד־באַזיצער און די אָרימע פּאַרמערס מיט זייערע נישטיקע שטיקלאַך לאַנד אָדער די, וואָס האָבן גאָרניט געהאַט קיין אייגנטום; די גלייכהייט איז אויך פאַרשוואונדן צווישן די מיטגלידער פון דעם הערשנדיקן קלאַס גופא.

סאָלאָן, דער ערשטער געזעצגעבער פון דעם שטאַט אַטיקאַ מיט דער באַרימטער הויפּט־שטאָט אַטענע אין גריכענלאַנד, צע־טיילט די פרייע בירגער אין פיר קלאַסן, לויט דער גרויס פון זייער אייגנטום אין ערד. צום ערשטן קלאַס געהערן די, וועמענס ערד ברענגט 500 מעדימנאַי תבואה (אַ מעדימנאָס איז עטוואָס מער פון אַ בושל תבואה); צום דריטן די, וועמעס לאַנד ברענגט אַריין 150 מעדימנאַי; אַלע די, וועמעס ערד ברענגט אַריין ווייניקער פון 150 מעדימנאַי תבואה, ווי אויך די, וואָס האָבן גאָר ניט קיין ערד, געהערן צום פערטן קלאַס. די מיטגלידער פון דעם פערטן קלאַס האָבן ניט געהאַט קיין

רעכט דערוויילט צו ווערן צו וועלכן עס איז מלוכה־אמט; זיי האבן נאר געהאט דאס רעכט צו שטימען פאר קאנדידאטן פון די ערשטע דריי קלאסן פון די רייכערע ערד־באזיצער. קאנ־ דידאטן פאר די העכסטע מלוכה־עמטער האבן בלויז געקענט זיין די בירגער פון דעם ערשטן קלאס.

ווי העפטיק עס גייט אן דער קאמף צווישן די מיטגלי־ דער פון דעם הערשנדיקן קלאס, וואו יעדער אייניציקער זוכט מיט אלע מיטלען פארכאפן פאר זיך און זיין פאמיליע מער ערד און צו ווערן דער האר פון אלץ א גרעסערע צאל רעכט־ לאזע שקלאפן, זענען זיי אלע גלייך אין איין זאך: אלע שטרעבן זיי צו באפעסטיקן זייער מאכט קעגן די איבעריקע שיכטן פון דער באפעלקערונג, צו באשיצן זייערע גרעסערע אדער קלענערע רייכטימער אין ערד און שקלאפן קעגן די ארימערע פארמערס, קעגן די באפרייטע שקלאפן, קעגן ערדלאזע האנד־ ווערקערס און קעגן די גאר רעכטלאזע שקלאפן. כדי דאס צו דערגרייכן, שאפן זיי א מלוכה מיט באוואפנטע סאלדאטן און פאליציי מיט געזעצגעבערישע קערפערשאפטן און געריכטן. די ערד און שקלאפן אייגנטימער האלטן פעסט אין זייערע הענט דעם שטאט אלס די בעסטע וואפע צו אונטערדריקן די איבעריקע שיכטן פון דער באפעלקערונג, צו באשטראפן די, וואס וואגן אנרירן זייער רעכט אויף די דעראבערטע רייכטימער אין ערד און שקלאפן; מיט דער מאכט פון זייער שטאט צווינ־ גען זיי אלע אנדערע שיכטן פון דער באפעלקערונג צו העלפן זיי אנפירן אפטערע מלחמות מיט די ארומיקע שוואכערע פעלקער, צו העלפן זיי פארכאפן מער ערד און שקלאפן, און צו קאלעקטירן פאר זיי מער צינזן פון די באזיגטע פעלקער.

דאס איז אין קורצן דער געשיכטלאכער פונדאמענט פון דער איירא־פעאישער ציוויליזאציע אין א משך פון איבער צוויי טויזנט יאר. די דאזיקע ציוויליזאציע ציט זיך פון די ערשטע

קליינע שטאטן פון גריכענלאנד, וואו ס'פילט זיך נאך שטארק דער איינפלוס פון דעם רואינירטן פרימיטיוון לעבן, וואס איז געבוים אויף קאמוניסטישע יסודות, ביז דעם אונטערגאנג פון דער פעאדאלער עפאכע און דעם אנהויב פון דער איצטיקער קאפיטאליסטישער עפאכע.

.5

די קאָמפּליצירטע קייטן פון העכערע און נידעריקערע פעאָדאַלן און זייערע פאַרבינדונגען אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע. — נייע קאָרפּאָראַטיווע פאָרמען פון לאַנד־אייגנטום, ווי די קאָרפּאָראַטיווע קריסטלאַכע אָרדענס; אויך די קאָרפּאָראַציעס פון די שטעט, וואָס קריגן טשאַרטערס פון די גרעסערע פעאָדאַלן. — די בורזשואַזיע אַנטוויקלט זיך אין די גרויסע שטעט, די האַנדלס־צענטרען פון אייראָפּע.

צווישן די פּאָליטישע מלוכה־פאָרמען פון די קליינע גריכישע שטאָטן ווי אטיקא, ספּארטא, בעאָטיא, טרעפן מיר אַלערליי רעגירונגען: דעמאָקראַטישע, אָליגאַרכישע און מאָנאַרכיסטישע. אויסערלאַך זעען זיי אויס גאַנץ אַנדערש פון דער קאָנצענטרירטער פּאָליטישער מאַכט פון רוים, וואָס איז אויסגעוואקסן דעמאָלט אין אַ וועלט־אימפּעריע. ווידער זעען אויס די גריכישע און רוימישע רעגירונגס־פאָרמען גאַנץ אַנדערש פון ד נייע פעאָדאַלע שטאָטן, וואָס זענען אויסגעוואקסן אויף דעם אָרט פון דער צופאַלענער רוימישער אימפּעריע.

די מאַרקסיסטישע לערע וועגן דער הויפּט־ראָל, וואָס דער קלאַסן־קאַמף שפּילט אין דער גאַנצער געשיכטע פון ציוויליזירטע געזעלשאַפטן, העלפט אונז ניט פאַרבלענדט צו ווערן פון דעם פילפאַרביקן שפּיל פון די אַלע פאַרשיידענע מלוכה־פאָרמען, זי ווייזט אונז, אַז ניט געקוקט אויף זייער פאַרשיידענעם אויסזען, איז דער הויפּט פונדאַמענט פון די אַלערליי רעגירונגען איינער און דער זעלבער.

אזוי איז אויך מיט די רעגירונגס־פאָרמען אין די היינטיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער: צי זענען זיי מאָנאַרכיעס, צי

רעפובליקן, איז דער עצם איינער און דער זעלבער: דאָס הייסט, אז די אומבאדייטנדיקע קליינע מיגדערהייט פון דער באפעלקערונג האלט די מאכט אין אירע הענט און הערשט איבער די ברייטע פאָלקס־מאסן. אזוי איז איצט, אזוי איז געווען אויך אמאָל, אז די שטאט־מאכט אין יעדער מלוכה, עס מאכט ניט אויס ווי פארשיידנארטיק עס זענען פאָליטיש די רעגירונגס־פאָרמען, דינט איבעראל דעם זעלבן צוועק: אויפ־צוהאלטן די הערשאפט פון איין קלאס איבער אלע אנדערע שיכטן פון דער באפעלקערונג.

די גאנצע פעאָדאלע סיסטעם איז אנטשטאנען אלס א צופאסונג פון דעם קלאס פון די ערד־ארבעטער און ערד־באזיצער צו די ניי־געשאפענע אומשטענדן נאָך דעם פאלן פון דעם אימפעריאליסטישן רוים.

די גרויסע מאכט פון רוים איז ענדלאך צעקלאפט געוואָרן פון די פרימיטיווע געזעלשאפטן פון נאָרט־אייראָפע, פון די גערמאנען, גאָטן, פראנקן אָדער פראנק־גאלן, פון די סקאנ־דינאוון, וואָס האבן באזעצט די איצטיקע דייטשלאנד, פראנק־רייך, שוועדן, נאָרוועגיע, בעלגיע, פרייסן, פוילן א. אז. וו. אָנ־שטאט דער רעגירונגס־סיסטעם פון דעם אימפעריאליסטישן רוים איז באשאפן געוואָרן די רעגירונגס־סיסטעם פון די פעאָדאלן (דאָס וואָרט „אימפעריע“ גופא שטאמט פון דעם לאטיינישן וואָרט „אימפעראַרא“, וואָס באדייט באפעלן, הערשן; און דאָס וואָרט „פעאָדאל“ שטאמט פון דעם דייטשן וואָרט פי, דער באזיצער פון ערד און פון פי).

אנשטאט די אבסאָלוטע, אומבאגרענעצטע רעכט פון די רוימישע הערשער, פון די פאטריציער איבער זייער ערד און איבער זייערע שקלאפן, האבן מיר אין דער פעאָדאלער סיסטעם א גאנץ קאָמפליצירטע קייט פון העכערע און נידעריקערע פעאָ־דאלן. די נידעריקערע פעאָדאלן, וואָס האבן באקומען ערד אלס א מתנה פון די העכערע, זענען געווען פארפליכטעט צו טאָן געוויסע ארבעטן פאר די העכערע; זייערע רעכט איבער

די געשאַנקענע שטיקער ערד און ערד־אַרבעטער זענען געווען באַגרענעצט. צום ביישפּיל: זיי האָבן געהאַט אייגענע ריכטער אין דער געשאַנקענער טעריטאָריע, זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט איינצופירן זייערע אייגענע געלט־סיסטעם, א. אז. וו. זיי האָבן אָבער געמוזט שווערן טרייהייט צו די העכערע פעאָדאַלן, פון וועמען זיי האָבן געקראָגן די לאַנד: זיי האָבן געמוזט אנטיילנעמען אין די מלחמות, וואָס די העכערע פעאָדאַלן האָבן געפירט, און קומען זיי צו הילף מיט אַ באַשטימטער אַרמיי אויף זייער אייגענער רעכענונג. אָט צו די אַלע אומשטענדן האָבן געמוזט זיין צוגעפּאַסט די פעאָדאַלע רעגירונגס־פאָרמען.

אויסער דעם איז אין דער עפּאָכע פון פעאָדאַליזם אויסגעוואַקסן אַ נייע מאַכט אין דער פאָרם פון דער קריסטלאַכער קירכע, מיט אירע קלויסטערס, קאָנוועגטן און פילע קאָרפּאָראַציעס פון קריסטלאַכע אָרדנס, וואָס זענען געוואָרן אייגנטימער פון גרויסע שטרעקעס ערד און ערד־אַרבעטער. דאָ האָבן מיר אַ נייע פאָרמע פון ערד־אייגנטימער, ווען דער אייגנטימער איז ניט אַ געוויסע פערזאָן, נאָר אַ קאָרפּאָראַציע. אַזאַ מין קאָרפּאָראַציע אייגנטום זעען מיר אויך אין די שטעט און שטעטלאַך, וואָס קריגן טשאַרטערס פון די גרעסערע פעאָדאַלן. זיי מוזן צאָלן צינזן די גרעסערע פעאָדאַלן און העלפן זיי אין זייערע מלחמות א. ז. וו.

אין די פעאָדאַלע צייטן איז אויך פאָרגעקומען אַ קליינע ענדערונג אין דער פאָרמע פון שקלאַפעריי פון די מאַסן־באַדינער און ערד־אַרבעטער. אַנשטאַט די אומבאַגרענעצטע רעכט פון די רוימישער פּאַטריציער איבער דעם לעבן און טויט פון זייערע שקלאַפן, האָט אין דער פעאָדאַלער סיסטעם די שקלאַפעריי אָנגענומען די פאָרמע פון פאַנשטשינע אָדער לייב־אייגנטום, וואָס האָט עקזיסטירט אין רוסלאַנד ביז דעם יאָר 1861.

די אַלע פאַקטן באַווייזן, אַז אין די ערשטע 2000 יאָר פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין גריכנלאַנד אומגעפער מיט 2500 יאָר צוריק, ביז

אונזער קאפיטאליסטישער עפאכע, וואס איז ניט עלטער פון 400 יאר, איז אין אלע שטאטן און רעגירונגען, אפגעזען פון זייערע פארשיידענע אויסערלאכע פארמען, באשאפן געווארן א קלאס פון ערד־באזיצער. דער דאזיקער קלאס האט אויסגענוצט די מלוכה־מאכט אלס געווער, ווי צו האלטן אין צוואנג און אונטערדריקונג די גרעסטע מערהייט פון פאלק.

אויף וויפיל עקאנאמיש מעכטיק איז געווען דער קלאס פון די ערד־באזיצער, קאן מען זען פון דעם פאקט, וואס עס ווערט דערציילט אין דער געשיכטע פון דעם רוימישן היסטאריקער פלי־ני. ס'ווערט דארטן דערציילט, אז איינער פון די פרייע ביר־גער, — אין דער צייט, ווען אווגוסט איז געווען דער אימפע־ראטאר, האט איבערגעלאזן נאך זיין טויט, שוין נאכדעם ווי ער האט פארלוירן א גרויסן טייל פון זיין פארמעגן אין דעם בירגער־קריג, א ירושה פון 3600 אקסן, 250000 קלענערע פי און 4116 שקלאפן.

אויסער דער דינסט פון דער מלוכה מיט אירע סאלדאטן און פאליציי, מיט אירע געזעצגעבער און ריכטער, צינז־קאלעק־טארס, וואס האבן מיט דירעקטע פיזישע קראפט אונטערדריקט יעדן פרואוו פון ווידערשטאנד צווישן די מאסן, האט דער קלאס פון די גרויסע ערד־מאגנאטן צוגעצויגן צו זייערע הויפן א מאסע נאכשלעפערס פון ארימע קרובים, פון ארימע פריצים, א מאסע בעסער־באצאלטע באדינטע און אויפזעערס, וואס האבן אים טריי געדינט. דער קלאס האט אויך מיט א ברייטער האנט געשטיצט אלע פערזאנען, אלע אינסטיטוציעס, וואס האבן באשאפן א גינסטיקע גייסטיקע אטמאספערע פאר זיין הערשאפט, ער האט אונטערהאלטן אלע, וואס קען באצויבערן די מאסן מיט פראכט און גלאנץ, אלע, וואס קען פארטומלען זייערע מוחות און פארשקלאפן צו זיך זייערע הערצער. וואס דען האט געקענט זיין א בעסער מיטל פאר אט דעם צוועק פון גייסטיקער פארשקלאפונג פון די מאסן, ווי די קירכע מיט אלע אירע שולן און אינסטיטוציעס? דער הערשנדיקער קלאס האט

צו דעם צוועק אויך אויפגענומען מיט גרויסע ערע די פּאָעטן אָדער טרובאַדורן, וואָס האָבן באַזונגען די העלדישע טאַטן פון זייערע רייטער.

אזוי פאָרמירן זיך אין אַלע קלאַסן געזעלשאַפטן אַרום דעם הערשנדיקן קלאַס פילע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועמעס לעבן איז איינג פאַרבונדן מיט דער עקזיסטענץ פון דעם הער־שענדיקן קלאַס. די דאָזיקע שיכטן שטייען ווי די פּאָר־פּאָסטן, וואָס רינגלען געוויינלאַך אַרום די הויפּט־פּעסטונג.

די הויפּט־פּעסטונג, דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער 2000 יאָריקער ציוויליזאַציע פון אייראָפּע, פון איר אָנהויב אין גרי־כענלאַנד, ביז דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, איז געווען, אָפּגעזען פון זייערע פאַרשיידענע מאָדיפיצירונגען, איינס און דאָס זעלביקע. — דאָס איז דער קלאַס, וואָס האָט צובראָכן דעם קאָמוניסטישן אַרט לעבן דורך דעם, וואָס ער האָט פאַר־כאַפּט פאַר זיך די ערד מיט אירע נאַטירלאַכע אוצרות אין גע־ווייסע טעריטאָריעס, און האָבנדיק זיך באַפעסטיקט דאָרטן, האָט ער געשטרעבט צו פאַרכאַפּן פאַר זיך די גאַנצע וועלט.

אין דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע איז אויסגע־וואַקסן אַ נייער הערשנדיקער קלאַס, די בורזשואַזיע, אָדער דער קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן, וואָס זיין אַנטוויקלונג איז געגאַנ־גען מיט ריזיקע און שנעלע טריט. אונטער דעם דראַנג פון הערשאַפט פון אָט דעם ניי־געבוירענעם ריזיקן קלאַס האָט זיך די געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט אָנגעהויבן באַוועגן מיט אַ וואונדערבאַרער שנעלקייט: די ענדערונגען אין דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליס־טישער וועלט, וואָס קומען איצט פאָר אין איין יאָרהונדערט, וואָל־טען ניט געקענט פאָרקומען אין טויזנטער יאָרן פון די פריער־דיקע עפּאָכן. דאָס געבורט פון אָט־דעם נייעם הערשנדן קלאַס, פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, איז אייגנטלאַך געווען באַ־האַלטן אין דעם שויס פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע. עס איז פריער אָנגעצייגט געוואָרן אויף די קאָרפּאָראַטיווע פאָרמען פון

ערד־אייגנטום, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע, פאָרמען פון ערד־אייגנטום, וואו דער ערד־אייגנטימער איז ניט אַ געוויסע פערזאָן נאָר אַ געוויסע קערפּערשאַפט אָדער קאָרפּאָראַציע. צו אַזאַ קאָרפּאָראַטיוון אייגנטום האָבן אויך גע־הערט די פעאָדאַלע שטעט און שטעטלאַך, וואָס האָבן געקראָגן אָפט טשאַרטערס, וואָס האָבן געגעבן די איינוואוינער געוויסע רעכט אָדער פּריווילעגיעס אַזוי לאַנג ווי זיי צאָלן דעם פעאָדאַל־אייגנטימער באַשטימטע צינזן און דערפילן אַנדערע פליכטן צום פעאָדאַל. כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן שטאַמען די ווערטער, וואָס באַצייכנען בירגער פון דעם וואָרט שטאָט. דאָס ענגלישע וואָרט „סיטיזן" פון „סיטי", דאָס רוסישע וואָרט „גראזשדאנין" פון דעם זעלביקן שורש „גאָראָד" אָדער „גראַד" אַ שטאָט, דאָס דייטש־וואָרט „בירגער" פון דעם אַלטן וואָרט „בורג" אַ שטאָט. דאָס וואָרט בורזשואַזיע זעלבסט שטאַמט פון דעם זעלביקן שורש „בורג". פילע נעמען פון די שטעט אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד טראָגן דעם צוזאַץ פון די ווערטער בורג, בערג, גאראד, גראַד, ווי האַמבורג, מאַריענבורג, לעמבערג, קעניגסבערג, פּעטערבורג, פּעטראָגראַד, יעליזאַוועטגראַד, נאָווגאָ־ראַד. דער גרעסטער טייל פון די איינוואוינער פון די דאָזיקע פעאָדאַלע שטעט איז באַשטאַנען ניט פון ערד־אַרבעטער, נאָר פון האַנטווערקער, סוחרים און מלוים, אָדער פּראָצענטניקעס. די גרעסערע שטעט האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין באַוואוסטע האַנ־דעלס־צענטערן איבער גאַנץ אייראָפּע אין מיטל־אַלטער. די שטאָט ווענעדיק אין איטאַליע האָט אין יאָר 1421 באַשעפטיקט 36000 מאַטראָסן און 16000 דאָק־אַרבעטער. זי האָט פאַר־מאָגט מער פון דריי טויזנט שיפן. די רייכע שטעט פון פראַנק־רייך און דייטשלאַנד האָבן אָפט געשטיצט אין מיטל־אַלטער די אימפּעריאַליסטן און קעניגן אין זייערע מלחמות קעגן די אַנ־דערע לאַנד־מאַגנאַטן. דאָס הייסט, די מלחמות, וואָס די מעכ־טיקסטע לאַנד־באַזיצער האָבן געפירט קעגן די שוואַכערע. אַלס באַלוינונג פאַר זייער שטיצע האָבן זיי געקראָגן פון די קעניגן

און אימפעראטארן פון דייטשלאנד און פראנקרייך דאס רעכט צו דערוויילן זייערע אייגענע שטאט־מאגיסטראטן, שטאט־פאר־וואלטער, זייערע אייגענע ריכטער און זיי האבן געטראגן דעם נאמען פון פרייע אימפעריאלע שטעט. פראנקרייך און דייטש־לאנד האבן געהאט פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציע 15 אזעל־כע פרייע אימפעריאלע שטעט, אדער ווי די דייטשן רופן זיי פרייע רייכסשטעט, ווי צום ביישפיל: פראנקפורט אם מיין, קאלאן, לויבעק, אוגסבורג, לאנדאאו, נוירענבורג, האמבורג, א. אז. וו. ביז היינטיקן טאג זיינען נאר דריי שטעט—האמבורג, ברעמען און לויבעק—פארבליבן מיט דעם נאמען פון די פרייע רייכסשטעט. די גרעסטע און די רייכסטע שטעט זענען גע־ווארן אדער אין גאנצן אומאפהענגיקע צענטרען פון פרייע רע־פובליקן, די רעפובליקן פון ווענעדיק, פלארענטינא, גענוא, אין איטאליע, אדער פרייע אימפעריאלע שטעט, וואס זענען אונ־טערווארפן די אימפעראטארן אדער קעניגן פון דייטשלאנד און פראנקרייך, דאס הייסט צו די מעכטיקסטע לאנד־מאגנאטן, וואס זענען געשטאנען אן דער שפיץ פון אלע לאנד־פריצים פון דעם שטאט. אין די דאזיקע שטעט איז אויסגעוואקסן א צאל רייכע קויפלייט, אייגנטימער פון סוחרשן קאפיטאל, אייגנטימער פון האנדלס־שיפן, ווי אויך געלט־וועקסלער און געלט־מלוים. דער ערשטער באנק איז דערשינען אין איטאליע אין דער שטאט ווענעדיק, אין אנהויב פון דעם 12טן יארהונדערט. דאס איי־גענטלאך איז געווען ווייט פון די היינטיקע באנקן. די סומע געלט, וואס איז ארייננגעלייגט געווארן אין דעם ערשטן באנק פון ווענעדיק, איז אייגנטלאך געווען די געצוואונגענע הלואה צו דער רעפובליק פון ווענעדיק. די רייכע האבן געמוזט שאפן א געוויסע סומע געלט פאר דעם פאנד פון דער באנק פון דער רעפובליק ווענעדיק. דעפאזיטארס האבן ניט געהאט קיין רעכט פאר פילע יארן ארויסצונעמען זייערע דעפאזיטס פון באנק. דער דעפאזיטאר האט נאר געהאט דאס רעכט איבערצוטראגן אין דעם באנק־בוך זיין סומע געלט אויף וועמענס נאמען ער האט גע־

וואָלט. מיט דריי הונדערט יאָר שפּעטער, אין אָנפאַנג פון דעם 15טן יאָרהונדערט, האָט זיך געעפנט אַ צווייטער באַנק אויך אין איטאַליע, אין דער שטאָט גענוא, וואָס איז געווען מער ענלאַך צו אונזערע היינטיקע באַנקן. אין אָנהויב פון דעם 17טן יאָר־הונדערט האָט זיך געעפנט אַ באַנק אין אמסטערדאַם און אביסל שפּעטער אין דעמזועלבן יאָרהונדערט האָט זיך געעפנט דער ענגלישער באַנק אין לאָנדאָן, דאָס הייסט, איבער אַ הונדערט יאָר נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, וואָס האָט פאַראור־זאַכט, אַז די האַנדל־צענטרען פון אייראָפּע זאָלן איבערגיין פון איטאַליע צו האָלאַנד און ענגלאַנד. נאָר ניט די גרויסע רייכ־טימער פון די סוחרים מיט זייערע שיפן, וואָס האָבן צוגעשטעלט לוקסוס־אַרטיקלען פון דעם גאַנצער וועלט צו דעם הערשענדן קלאַס פון די לאַנד־מאַגנאַטן, אפילו ניט די באַנקן האָבן געמאַכט די רייכע הענדלער פאַר דעם הערשנדן קלאַס.

.6

די אַנטדעקונג פון אַמעריקע העלפט שאַפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג אין אייראָפּע. — די אייראָפּעער קענען ניט פאַר־וואַנדלען די אינדיאַנער אין אַרבעטער־קנעכט. — די קאָלאָניעס אין אַמעריקע שאַפן אַ נייעם וועלט־מאַרק.

אין אונזער סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישן זין איז נאָר דער קלאַס דער הערשער, אין וועמעס הענט עס געפינט זיך דער צוואַנג־אַפּאַראַט פון דער מלוכה, וואָס האַלט די גרעסטע מער־הייט פון די פֿאָלקס־מאַסן אין צאַם און אונטערדריקט יעדן פּרואוו פון די פאַרשקלאַפטע מאַסן אַרונטערצוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון די הערשער. אָט די מלוכה איז נאָך אַלץ פאַר־בליבן אין די הענט פון די קעניגן, אימפּעראַטאָרן און אַלע אַנ־דערע קלענערע און גרעסערע לאַנד־אייגנטימער.

רייכע סוחרים, רייכע פּראָצענטניקעס, אפילו רייכע איי־גנטימער פון זילבער־מינען, וואָס זענען באַאַרבעט געוואָרן פון שקלאַפן אין קייטן, זענען אויך געווען אין גריכנלאַנד און רוים. נאָר פון זיי איז ניט אויסגעוואַקסן קיין נייער הערשנדיקער קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן. עס איז די אַנטדעקונג פון אַמעריקע, וואָס האָט באַשאַפן נייע געשיכטלאַכע אומשטענדן. די דאָזיקע אומ־שטענדן האָבן געפירט צו דער פאָרמירונג אין אייראָפּע פון דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן. די אַנטדעקונג פון דער נייער וועלט, וואָס איז פאָרגעקומען אין סוף פון דעם 15טן יאָרהונדערט, קאָן מען מיט רעכט אָנרופן אַלס דעם אָנהויב פון דער נייער מאָדערנער עפּאָכע.

די נייע אַנטדעקטע וועלט איז אָפּגעטיילט פון דער אַל־טער וועלט פון אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע, מיט צוויי גרויסע

אָקעאַנען, וואָס ציען זיך טויזנטער מייל. פון מערב־אייראָפּע און אפריקע ציט זיך דער גרויסער אטלאַנטישער אָקעאַן, אין מזרח־אזיע ציט זיך דער נאָך גרעסערער, דער שטילער אָדער פּאַסיפישער אָקעאַן. די אייראָפּעאישע מלוכות האָבן ניט געקענט אַנעקסירן צו זיך, צו זייערע טעריטאָריעס די גרויסע שטרעקן לאַנד פון דער אַנטדעקטער נייער וועלט, וואָס זיינען אָפּגעטיילט מיט אַזעלכע אומגעהויער גרויסע שטרעקעס פון אָקעאַן־וואַסער. די באַפעלקע־רונג, וואָס די אייראָפּעער האָבן געפונען אין דער נייער וועלט, איז געווען דורכאויס ווילד, זי האָט נאָך ניט פארזוכט דעם טעם פון דעם געבענשטן ציוויליזירטן לעבן פון אייראָפּע און אזיע, וואו די גרעסטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג האָט אָפּגעלעבט איבער 6000 יאָר אין די פארשיידענע פאָרמען פון דער עקאָנאָמישער פארשקלאַפונג צו אַ הייפּעלע הערשער.

די ווילדע אינדיאַנער פון נאָרט־אַמעריקע האָבן געקעמפט ווי לייבן פאַר זייער פרימיטיוון קאָמוניסטישן אַרט לעבן, וואָס האָט ניט געוואוסט פון הערשנדיקע קלאַסן און פארשקלאַפטע מאַסן. די אייראָפּעער האָבן זיי געקענט אפילו אויסהרגענען, זיי האָבן אָבער בשום אופן ניט געקאָנט פּאַרוואַנדלען זיי אין באַדינטע אָדער ארבעטער־קנעכט צו די ווייסע הערן. ווען די ווייסע איז געלונגען אויסצוהרגענען אַ גרויסע טייל פון די אינ־דיאַנער און פארטרייבן די איבערגעבליבענע פון זייער ערד, האָבן זיי געמוזט באַזעצן די נייע וועלט מיט אייגענע מענטשן פון אייראָפּע.

אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט זענען אויסגעוואקסן פילע רייכע האַנדלס־שטעט אויף די ברעגן פון אטלאַנטישן אָקעאַן, אין האָלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד. עס זענען אויסגעוואקסן פילע רייכע שיף־קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן געפירט די מאַסע אימיגראַנטן פון אייראָפּע צו די קאָלאָניעס אין נאָרט־אַמעריקע. שפּעטער האָבן די ווייסע אַ לאַנגע צייט ביזן מיטן פון 19טן יאָרהונדערט אָנגעהאַלטן דעם שענדלאַכן האַנדל מיט

די שוואַרצע שקלאַפן, וואָס מ'האָט אויף דעם גרויזאַמסטן אופן געפאַנגען אין אַפריקע און פאַרקויפט צו די אייגנטימער פון די קאָטן־פּלאַנטאַציעס אין די זידלעכע שטאַטן פון אונזער מדינה. געווייינטלאַך האָבן ארויסגעפירט די שיף־קאָמפּאַניעס אין זייערע האַנדלס־שיפן די ערד־פּראָדוקטן פון דער נייער וועלט, צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך גאָר ניט געפונען אין דער אַלטער וועלט פון איירָאָפּע, אַזיע און אַפריקע, ווי צום ביי־שפּיל: טאַבאַק, קאַרטאָפל, קוקורוזע, די האַרטע מאַהאָגענע האָלץ פון די וועלדער אין קובאַ, האַיטי, די פעלן פון מאַקאַ־סינס און אַליגאַטאָרס (אַ מין שלאַנגען און קראָקאָדילן אין די טייכן און זומפּן אין די זידלעכע שטאַטן פון נאָרט־אַמעריקע), זיי פירן אריין די לאַנד־פּראָדוקטן און די מאַנופעקטורן פון דער אַלטער וועלט.

די נייע וועלט האָט ניט געהאַט קיינע פון אונזערע הויז־חיות ווי פערד, שעפסן, בהמות; זי האָט ניט געוואוסט פון אונזערע שפּייז און קליידונג פּראָדוקטן, ווי: מילך, קעז, פּו־טער, קליידער פון שעפסן־וואָל; אויך האָבן די אינדיאַנער במעט ווי גאָרניט געוואוסט פון אונזערע הויפּט שפּייז־פּלאַנצן: ווייץ און קאָרן. זייער הויפּט שפּייז־פּלאַנץ איז געווען דער מאַאיס, אָדער ווי די איירָאָפּעער האָבן דאָס אָנגערופן: אינדיאַניש קאָרן.

כדי אָנצופירן אַן איירָאָפּעאישע לאַנדווירטשאַפט אויף דעם אַמעריקאַנעם באָדן אין דער נייער וועלט, האָבן די קאָ־לאָניסטן דאָס אַלץ געמוזט קריגן צוגעשטעלט דורך די שיף־קאָמפּאַניעס. דער האַנדלס־פאַרקער פון דער אַלטער איירָאָפּע־אישער ציוויליזאַציע מיט דער ניי־אַנטדעקטער וועלט פון הויי־לע פּרימיטיווע געזעלשאַפטן האָט אין פילע הינזיכטן געקראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער. אָט די נייע האַנדלס־אומשטענדן האָבן גע־בראַכט דערצו, אַז די רייכע קויפלייט זאָלן מאַכן די ערשטע שריט צו שאַפן אין די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר אַ נייעם געזעלשאַפטלאַכן קלאַס, דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס האָט

זיך אין דער קורצער צייט אזוי שנעל אנטוויקלט אין דעם הערשער פון דער גאנצער מענטשהייט.

אין גריכנלאנד, רוים, ווי אויך אין דער פעאָדאלער עפּאָכע, זענען די רייכע סוחרים און פּראָצענטניקעס דערשינען אין דער געזעלשאפט א לאנגע צייט נאָכדעם, ווי די ערד־מאגנאטן האָבן זיך באפעסטיקט אין מעכטיקע מלוכות. זיי זענען געשטאנען מיט זייער האנדל, מיט זייער געלט אם מייסטן צו דער דינסט פון די הערשער פון לאנד. די סוחרים און פּראָצענטניקעס קויפן אָפּ פון די מאגנאטן דאָס רעכט צו קאָלעקטן צינזן פון די באזיגטע טעריטאָריעס, זיי לייען אויס געלט די מאגנאטן, אין וואָס די לעצטע נויטיקן זיך אָפּט אין זייערע מלחמות, זיי שטעלען צו אין די רייכע פּאלאצן פון די הערשער לוקסוס־ארטיקלען.

נאָך דער אנטדעקונג פון דער נייער וועלט פון אמעריקע דורך די אייראָפּעער ווערט דער געשיכטלאכער פּראָצעס א גאנץ אנדערער. די נייע וועלט ווערט פארכאפּט נית דורך דעם הערשענדיקן קלאס פון די ערד־מאגנאטן מיט זייערע באוואפנטע ארמייען, די ערד־מאגנאטן האָבן נית געוואָלט, און ווען זיי וואָלטן יאָ געוואָלט, וואָלטן זיי נית געקענט, צו יענער צייט, שיקן קיין באדייטנדע ארמייען איבער אזא שטרעקע פון טויזענטער מיילן ים. דאָס איז געטאָן געוואָרן אונטער דער פירערשאפט פון די רייכע האנדלס־לייט און שיף־קאָמפּאניעס. פאר די רייכע האנדלס־לייט איז די נייע וועלט נית געווען א גרויסער פּלאץ צו פארכאפּן די ערד, כדי צו צעטיילן זי צווישן די זיגרייכע קריגס־פירער און פארוואנדלען די דאָרטיקע פרייע ארבעטער־געזעלשאפטן אין פארשקלאפטע ערד־ארבעטער. פאר זיי איז די נייע וועלט געווען א גרויסער מארק. ווען די רייכע פּלאנטאטארס פון די זידלאכע קאָלאָניעס אין די פאראייניקטע שטאטן האָבן זיך שטארק געגוויטיקט אין שקלאפן פאר זייערע קאטן־פעלדער, האָבן זיי די שקלאפן נית באקומען אלס קריגס־געפאנגענע, ווי אין די פריערדיקע צייטן; זיי האָבן די

שקלאַפן באַקומען צוגעשטעלט אַלס אַ גוט באַצאָלטע סחורה דורך די שקלאַפן־הענדלער, דורך די רייכע שיף־קאָמפּאַניעס, וואָס פלעגן בגנבה, ווי רויבערישע באַנדיטן, אָנפאַלן אויף די שוואַרצע אין אַפריקע.

ווי עס איז פריער אָנגעוויזן געוואָרן, האָבן די אימיגראַנטען פון אייראָפּע בשום אופן ניט געקענט פאַרשקלאַפן, אָדער ווי זיי האָבן דאָס גערופן, ציוויליזירן די פרימיטיווע אינדיאַנער פון דער נייער וועלט, ניט מיט זייערע ביקסן און שווערדן, אויך ניט מיט שנאַפּס, אָדער ווי די אינדייאַנער האָבן עס גערופן מיט דעם פּאָעטישן נאָמען: „פייער־וואַסער". די שנאַפּס־הענדלער האָבן טאַקע געמאַכט גלענצענדע געשעפטן מיט די אומציוויליזירטע אינדיאַנער. נאָר אפילו דעם פאַרשיכורטן אינדיאַנער האָבן זיי ניט געקאָנט איינגנאַרן צו מאַכן אים שלעפּן אויף זיינע שטאַרקע פּלייצעס דעם שווערן וואָגן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. אויף אַזאַ אופן האָט די נייע וועלט פון נאָרט־אַמעריקע געמוזט קאָלאָניזירט ווערן אויסשליסלאַך פון די אייראָפּעער זעלבסט.

אין דעם משך פון די ערשטע צוויי הונדערט יאָר נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, אין דעם 16טן און 17טן יאָרהונדערט, זענען געגרינדעט געוואָרן פילע באַדייטנדע קאָלאָניעס אַם מייסטן פון ענגלענדער, פראַנצויזן און האָלענדער אויף דעם גאַנצן ברעג פון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן און פון דעם ברעג אַליין ווייטער און טיפער אין לאַנד פון נאָרד־אַמעריקע.

דער האַנדל מיט די דאָזיקע קאָלאָניעס, מיט דעם נייעם מאַרק פון אַמעריקע האָט געמוזט טראָגן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווי דער פריערדיקער האַנדל: אַנשטאָט לוקסוס־אַרטיקלען פאַר דעם הייפעלע ערד־מאַגנאַטן האָבן געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן די נויטיקסטע לעבנס־מיטלען פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג פון די קאָלאָניעס.

די קאָלאָניסטן האָבן געמוזט אַריינברענגען פון אייראָפּע פערד, אָקסן, קי, שעפסן, די פלאַנצן פון ווייץ, קאָרן, פלאַקס,

אַרבעטס־געצייג. אַפילו אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, ווי די קאָלאָניסטן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין זייער לאַנדווירטשאַפט אויף דעם אייראָפּעאישן שטייגער און איידער זיי האָבן געקענט אַנטוויקלען זייערע אייגענע אינדוסטריען, האָבן זיי געמוזט ציען פון אייראָפּע אַ גרויסן טייל פון די לעבנס־אַרטיקלען. אונטער דעם דראַנג פון אַזאַ נאָכפראַגע אויף די פאַבריקאַטן און מאַנופעקטורן זענען די הענדלער געצוואונגען געווען צו זוכן מיטלען און וועגן ווי צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון די דאָזיקע אַרטיקלען. זיי האָבן דערצו אויסגעפונען אַ נייעם וועג, וואָס האָט זיי שנעל געפירט צו ווערן הערשער פון דעם עקאָנאָמישן לעבן פון אייראָפּע דורך פאַרשקלאַפונג אין די שטעט פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע פון די פאַרהעלטניסמעסיק פרייע, אומאָפּהענגיקע האַנטווערקער.

פאַר דעם קלאַס ערד־מאַגנאַטן, וואָס האָט געהערשט מער פון 2000 יאָר אין אייראָפּע און האָט זיך באַפעסטיקט דורך דער מלוכה־מאַכט צו באַשיצן זיין מאַכט אַלס אייגנטימער פון דער ערד מיט אַלע אירע נאַטירלאַכע אוצרות, איז געווען גענוג בלויז צו פאַרכאַפּן די ערד. אין דער טעכניק פון באַאַרבעטן די ערד האָט זיך דער קלאַס ווייניק, כמעט ווי גאָרניט געמישט; דעם פּראָצעס פון אַרויסקריגן דורך אַרבעט פון דער ערד אַלץ, וואָס איז נויטיק פאַרן לעבן, האָט ער איבערגעלאָזן צו די ערד־אַרבעטער, וועלכע ער האָט פאַראַכטעט. דער שטאָלצער, פרייער, רוימער האָט זיך געהאַלטן אַזוי, ווי דער שטאָלצער ענגלישער דזשענטלמאַן, פאַר אַ פרייען מענטשן דערפאַר, וואָס ער איז פריי פון אַרבעט, גלייך מען איז שטאָלץ דערמיט, וואָס ער דאַרף ניט באַשמוצן זיינע הענט מיט וועלכער עס איז אַרבעט. פאַר זיך האָט דער קלאַס איבערגעלאָזן בלויז די נאָבעלע באַשעפטיקונג פון פירן קריג, מיט פיינערע מלחמה־געצייג, מיט בעסער אָרגאַניזירטע אַרמייען האָט ער זיכערער געקאָנט באַזיגן די אַרומיקע פעלקער, פאַרכאַפּן זייער לאַנד; ווי באַלד דער מאַגנאַט ווערט דער אייגנטימער פון דער ערד, ווערט

ער ממילא דער אייגנטימער פון די מענטשן, וואָס באַארבעטן און ציען זייער לעבנס־מיטל פון דער ערד. קיין אַנדער ערד קאָן דער מענטש ניט באַשאַפן און דער האר פון דער ערד ווערט ממילא דער האַר פון דעם ערד־אַרבעטער'ס לעבן, פון דעם ערד־אַרבעטער'ס לעבנס־באַדינגונגען.

ווי אַזוי האָבן אָבער געקאָנט די רייכע הענדלער פאַר־שקלאַפן די אומאָפּהענגיקע האַנדווערקער אין די שטעט פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע? יעדער פאַך פון די האַנדווערקער איז גע־ווען אָרגאַניזירט אין אַ צעך אָדער אַ גילד מיט פעסטגעשטעלטע רעגעלן וועגן דער צאָל לער־יונגען, וואָס אַ מייסטער־אַרבעטער האָט געקאָנט האָבן, וועגן דער צייט, וואָס אַ לער־יונג האָט גע־דאַרפט אַרבעטן אין פאַרשיידענע פאַכן, ביז ער ווערט אַ זעלבסט־שטענדיקער מייסטער־אַרבעטער, אויך וועגן די מאַטעריאַלן, וועגן דעם פּראָצעס פון אַרבעט אין יעדן פאַך באַזונדער. יעדער מייס־טער־אַרבעטער מיט זיינע באַשטימטע לער־יונגען און אַרויסהעל־פער האָבן אויסגעאַרבעט פּאַרטיקע פּראָדוקטן פאַר זיינע פּערזענ־לאַכע קונדן פון דער שטאָט און פון די אַרומיקע דערפער; זיין פּראָדוקציע איז געווען באַשרענקט פון דער לאָקאַלער נאָכפראַגע און פון די אויסגעאַרבעטע רעגעלן פון צעך, פון וועלכן ער האָט געמוזט זיין אַ מיטגליד צוגלייך מיט אַלע מייסטער־אַרבעטער.

דער הערשנדער קלאַס פון די לאַנד־מאַגנאַטן האָט געהאַט אַ קנאַפּן אינטערעס אין דער אַנטוויקלונג פונם וועלט־מאַרק. די בליענדע שטעט האָבן געצאָלט צו די מאַגנאַטן גוטע צינזן פאַר זייער ערד־אייגנטום. אין די שטעט האָבן זיי ליב געהאַט צו פאַרברענגען זייער לעבן אין זייערע שיינע פּאַלאַצן, אויסגעבויט און אויסגעפּוצט פון די לאָקאַלע פאַכן פון מייסטער־בויער, פאַר־בערס און מאַלערס. די רייכע הענדלער, ניט האָבנדיק די צוואַנג־אַפּאַראַטן פון דעם שטאָט אין זייערע הענט, האָבן ניט געקאָנט אַוועקנעמען פון די שטאָט מייסטער־אַרבעטער די אַרבעטס־גע־צייג; זיי האָבן ניט געקאָנט אַרויסוואַרפן די מייסטערס פון זייערע קליינע ווערקשטאַטן, ווי עס האָבן עס געטאָן, צום ביי־

שפיל, די ענגלישע לענדלאָרדס, ווען זיי האָבן ארויסגעטריבן טויזענטער פון זייערע אַלט־פּאַרזעסענע פּארמערס, ארענדאטאָרס, ווי באַלד זיי האָבן אויסגעפונען, אַז עס באַצאָלט זיי בעסער צו האָדעווען שעפּסן אויף זייער לאַנד, ווי צו פאַרדינגען די ערד צו די פּארמערס. די רייכע ענדלער האָבן געפונען דעם וועג, ווי צו פאַרשקלאַפן די אומאָפּהענגיקע מייסטער־ארבעטער גאָר אויף אַן אנדער אופן. דער הערשנדיקער קלאַס פון די ערד־מאַגנאַטן האָט געהאַסט און פאַראַכטעט יעדע פּראָדוקטיווע ארבעט, ער האָט געקוקט פון אויבן אראָפּ אויף די רייכע ענדלער און געלט־וועקסלער. ער האָט ניט אנערקענט קיין אנדער באַשעפטיקונג, אויסער ווי הוליען אויף וואָס די וועלט שטייט און קריג פירן. די רייכע ענדלער און פּראָצענטניקעס האָבן, פאַרקערט, אָנגעהויבן שטרעבן צו ווערן די אָרגאַניזאַטאָרס, די פירער און הערשער אין אַלע געביטן פון פּראָדוקטיווע ארבעט, צו ווערן די אייגנטימער פון אַלע פּראָדוקטן פון דער ערד. אונטער דעם דראַנג פון דער גרויסער נאָכפראַגע פון דעם נייעם וועלט־מאַרקעט אויף די געווינלאַכע לעבנס־פּראָדוקטן פון אייראָפּע האָבן די נייע הענדלער און שיף־קאָמפּאַניעס געמאַכט אין דעם 16טן און 17טן יאָרהונדערט די ערשטע שריט איינצופירן די נייע סיסטעם פון דער פּראָדוקציע — די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, וואו די געלט־באַזיצער, די קאַפּיטאַליסטן, ריכטן איין אַלץ, וואָס איז נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע: רויע מאַטעריאַלן, די ארבעטס־געצייג און די געביידעס, וואו מאַסן געדונגענע „הענט“ קענען ארבעטן צוזאַמען.

אזוי איז געבוירן געוואָרן אין דער געשיכטע פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע אַ נייער הערשנדיקער קלאַס—דער קלאַס פון אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן.

.7

אַ דאַנק דער גרויסער נאָכפראַגע נאָך וואָל, פאַרטרייבן די ענגלישע לענדלאָרדס הונדערטער טויזנטער פויערים פון זייער ערד און פאַרוואַנדלען זיי אין פרייע פראָלעטאַריער. — דער סוחר־קאַפּיטאַליסט, אונטער דעם דראַנג פון דעם נייעם וועלט־מאַרק שאַפט די נייע קאַפּיטאַליסטישע פראָדוציר־סיסטעם.

אין סוף פון דעם 15טן יאָרהונדערט, כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקאַ, איז געווען אין אייראָפּע אַ שטאַרקע נאָכפראַגע אויף פלאַנדרישע וואָל: די וואָל־פרייזן זענען געשטיגן הויך. אין דעם 16טן און 17טן יאָרהונ־דערט איז די נאָכפראַגע אויף וואָל נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווייל די ערשטע אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס אויפן מזרח־ברעג פון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן האָבן ניט געפונען קיין גינסטיקן באָדן פאַר פיטערן סטאַדעס שעפסן און צו אַנטוויקלען זייער אייגענע וואָל־אינדוסטריע. זיי האָבן זיך דעריבער געמוזט פאַרשפרייטן ווייט אין דער וועסט פון נאָרד אַמעריקע, וואו עס איז געווען גענוג פאַשע פאַר בהמות. דאָס האָט אָבער גענומען היפשע יאָרן. די גרויסע לענדלאָרדס אין ענגלאַנד האָבן זיך גענומען צו פאַרוואַנד־לען זייער אַקער־לאַנד אין פאַשע־פעלדער פאַר שעפסן, וואָס מען קען אויפפאַסן מיט אַ קליינער צאָל פאַסטוכער. דערמיט האָבן זיי מיט געוואַלד פאַרטריבן הונדערטער טויזנטער פויערים פון דער ערד, אויף וועלכער זיי האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט און געאַרבעט און געפירט אַ זעלבסטשטענדיקע פויערשע ווירטשאַפט, לויט דער סדרה פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג.

דער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען די קולטיווירטע אַקער־לאַנד אויף פאַשע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ מערקווירדיקער שנעלקייט. פריער איז אויסגעקומען אין ענגלאַנד 1 אַקער פאַשע־לאַנד אויף 3 אָדער 4 אַקערס קולטיווירטע לאַנד. אין סוף פון דעם

16טן און שפּעטער אין דעם 17טן יאָרהונדערט האָט זיך די פּראָפּאָרציע איבערגעדרייט: 3 אַקערס פּאַשע־לאַנד צו 1 אַקער קולטיווירט לאַנד. אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן דורך די ערד־מאַגנאַטן אַ גרויסע מאַסע פרייע פּראָלעטאַריער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

עס זענען נאָך געווען פילע אַנדערע געשיכטלאַכע אומשטענדן, וואָס האָבן געבראַכט צו די זעלביקע רעזולטאַטן. די רעפאָרמיסטישע אָדער די פּראָטעסטאַנטישע באַוועגונג געגן דער קאַטוילישער קירך האָט געהאָלפן די ערד־מאַגנאַטן צו קריגן אַלס זייער פּריוואַט־אייגנטום גרויסע שטרעקעס לאַנד, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער קאַטוילישער קירך; די דאָזיקע באַוועגונג האָט אויך געהאָלפן צו פאַרוואַנדלען אין בעטלערס די מאַסע מאָנאַכן, און אין פּראָלעטאַריער—די מאַסע פּויערים.

אין די אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, אויסער ענגלאַנד, איז אויך פאָרגעקומען כמעט דאָס זעלבע. אין ענגלאַנד האָבן די רייכע הענדלער געמאַכט די ערשטע שריט אַריינצופירן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פון דער פּראָדוקציע אין דער וואָל־אינדוסטריע, און שפּעטער אין דער קאָטן־אינדוסטריע. אָנגעהויבן האָבן די רייכע הענדלער דערמיט, וואָס זיי פלעגן איינקויפן די רויע שעפּסן־וואָל און צעטיילן עס צווישן די אָרימע הייזער פון די שפּינער און וועבער־אַרבעטער אויף אויסצואַרבעטן, באַצאָלנדיק בלויז די אַרבעטער פאַר דער אַרבעט.

עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ מין סוועט־שאַפּ סיסטעם. דאָ בלייבט נאָך דער קאַפּיטאַליסט בלויז אַ סוחר. ער קויפט די רויע וואָל, ער פאַרקויפט די אויסגעאַרבעטע וואָל, ער באַצאָלט די צעוואָרפענע הויז־אַרבעטער פאַר זייער אַרבעט: אין דעם פּראָצעס פון אויסאַרבעטן די וואָל, אין דער אויסאַרבעטונג מישט ער זיך ניט. דער סוחר־קאַפּיטאַליסט גייט שנעל אַריבער צו דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פון פּראָדוקציע, ווען ער ברענגט צוזאַמען אַ צאָל אַרבעטער צו אַרבעטן אין איין פּלאַץ און אין איין צייט אונטער זיין אַבסאָלוטער פירערשאַפט. ער באַנוצט זיך פון

אַנהויב מיט דער מאַסע „פרייע“ פּראָלעטאַריער, וואָס די ערד־מאַגנאַטן האָבן באַשאַפן; שפּעטער, מיט דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער נייער פּראָדוציר־סיסטעם, וואָס שטרעבט אַלץ מער צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט דורך געצוואונגענער קאָאָפּעראַציע, ווערט באַשאַפן אַ מאַסע פּראָלעטאַריער דורכדעם, וואָס קליינע אומאָפּהענגיקע מייסטער־אַרבעטער מיט זייערע קליינע ווערקשטאַטן קענען מער ניט עקזיסטירן. אַזוי זענען אויסגעוואַקסן אין דער מאָדערנער פּראָדוציר־סיסטעם די צוויי גרויסע נייע קלאַסן: דער הערשנדער קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן אָדער געלט־מאַגנאַטן און דער קאַלס פון פּראָלעטאַריאַט.

די צוויי קלאַסן זענען צוזאַמען געבוירן געוואָרן, צוזאַמען אויסגעוואַקסן און קענען ניט עקזיסטירן איינער אָן דעם צווייטן. דער קאַפּיטאַליסט האָט ניט געקענט ווערן דער אָנפירער פון פּראָדוקציע איידער דער אַרבעטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָלעטאַריער: קאַפּיטאַל קען ניט פונקציאָנירן, וואַקסן, ווען ער באַשעפטיקט ניט לוינאַרבעטער. דער פּראָלעטאַריער, ווידער, קען ניט לעבן, ווען ער פאַרקויפט ניט זיין אַרבעטס־קראַפט צום קאַפּיטאַליסט און לאָזט איבער פאַר אים אינגאַנצן דאָס רעכט, ווי אַזוי אויסצונוצן זיינע, דעם פּראָלעטאַריער'ס, הייסט דאָס, אַרבעטס־קראַפט.

דאָס איז אַ קורצער איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון די הערשנדיקע קלאַסן פון אונזער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.

דער פאַקט אַליין, וואָס אין דער אַלטער אַזיע האָבן עקזיסטירט גרויסע מלוכות 4 אָדער 5 טויזנט יאָר פאַר דעם אָנהויב פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, ציינגט, אַז די אַלטע גרויסע אַזיאַטישע מלוכות זענען אויך געווען קלאַס־געזעלשאַפטן. זוכנדיק אין די פאַרבליבענע געשיכטעס וועגן דעם סאָציאַלן לעבן פון די אַזיאַטישע מלוכות, כדי אויסצוגעפינען דעם כאַראַקטער פון דעם הערשנדיקן קלאַס אין די דאָזיקע מלוכות, שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ נייעם קלאַס—דעם קלאַס פון פּריסטער, וואָס האָבן

געשפילט די ראָל פון דעם הערשנדיקן קלאַס אין די אזיאַטישע ציוויליזאַציעס.

פון אַלע אזיאַטישע ציוויליזירטע מלוכות האָט דער גרויסער אַלטער שטאַט פון מצרים, אָדער ווי די גריכן האָבן עס גערופן— דער שטאַט פון עגיפּטוס, געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. דער ערשטער האלב-לעגענדאַרער געזעצגעבער פון די אידן, משה, איז לויט דער דערציילונג פון דער ביבל געבאָרן געוואָרן אין מצרים און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין דעם קעניגלאַכן הויף פון מצרים. וועגן דעם ערשטן געזעצגעבער פון דעם עלטסטן גריכישן שטאַט פון ספּאַרטא, ליקורגן, דערציילט די לעגענדע, אז ער האָט באזוכט אַ לאַנגע צייט פאַרשיידענע לענדער פון אזיע און האָט געשטודירט די געזעצן פון מצרים. דער שטאַט ספּאַרטא האָט אויסגעבויט אַ טעמפּל אין זיין נאָמען. איינינקע מאָדערנע היסטאָריקער רעכענען, אז ליקורג איז איינגאַנצן אַ לעגענדאַרע, אָן אויסגעטראַכטע, ניט קיין היסטאָרישע פּערזאָן. די דערציילונג אָבער וועגן זיין שטודירן די געזעצן פון מצרים איז פון היסטאָרישער וויכטיקייט. זי צייגט אויף די טיפע פאַרבינדונגען, אויף דעם איינפלוס פון דער עגיפּטישער ציוויליזאַציע אויף דער גריכישער.

וועגן פּיפאַגאָרן, דעם עלטסטן, גרעסטן מאַטעמאַטיקער און פילאָזאָף פון גריכענלאַנד, וואָס זיין נאָמען איז באַוואוסט צו יעדן שילער פון געאָמעטריע, אַלס אַנטדעקער פון אַ וויכטיקן מאַטעמאַטישן געזעץ אין געאָמעטריע, ווערט אויך דערציילט, אז ער האָט אַ לאַנגע צייט פאַרבראַכט אין מצרים און אז די פּריסטער פון מצרים האָבן אים מיטגעטיילט אַלע „געהיימניסן” פון זייער לערע. דאָס זעלבע ווערט דערציילט וועגן דעם שפּעטערדיקן, מער היסטאָרישן געזעצגעבער פון גריכענלאַנד—וועגן סאָלאָנען.

ווי עס זעט אויס, זענען די גריכן געוועזן גוט באַקאַנט מיט דעם לעבן פון דעם שטאַט מצרים. דער ערשטער גריכישער היסטאָריקער, וועלכער איז באַוואוסט אַלס דער פאָטער פון היסטאָריע, העראָדאָט, שרייבט: „די עגיפּטישע געזעלשאַפט ווערט צע-

טיילט אויף 7 קלאסן. דער ערשטער קלאס איז דער קלאס פון פריסטער; דער נעקסטער קלאס צו די פריסטער איז דער קלאס פון סאלדאטן; די איבעריקע 5 זענען: פאסטוכער פון אלערליי בהמות, פאסטוכער פון חזירים, קרעמערס, טאלמאטשעס און שיפער. דער גריכישער היסטאריקער דיאדארוס, דער צווייטער גריכישער היס־טאריקער נאך הערארדאטן, צעטיילט די עגיפטישע באפעלקערונג נאר אויף דריי קלאסן, נאר ער אויך שטעלט דעם פריסטער קלאס אויפן ערשטן פלאץ. דער גריכישער פילאזאף פלאטא רעכנט אוים 6 קלאסן אין עגיפטען, און צווישן זיי דעם פריסטער קלאס אלס דעם ערשטן. געווים ברויכן די גריכישע היסטאריקער דעם ווארט „קלאס" ווייט ניט אין דעם מארקסיסטישן זין פון די גרויסע געזעלשאפטלאכע עקאנאמישע קלאסן. סאציאליסטן אפילו ברויכן אויך אפט דעם ווארט „קלאס" אין דעם אלגעמיינעם אומ־באשטימטן זין פון יעדער סאציאלער גרופע מענטשן, וואס זע־נען אין א געווים זין ענלאך איינער צום צווייטן. דער פאקט אבער, וואס זיי אלע שטעלן דעם פריסטער קלאס אויפן ערשטן פלאץ, צייגט די גרויסע וויכטיקייט פון די פריסטער אין מצרים, אז די פריסטער זענען געוועזן דער הערשנדער קלאס. נאך איבער־צייגנדיקער זענען די עגיפטישע געזעצן וועגן דער דערוויילונג פון זייערע קעניגן אדער זייערע פרעה׳ס. דער קעניג פון מצרים האט געקענט דערווילט ווערן בלויז פון דעם קלאס פון פריסטער אדער פון דעם מיליטאריסטישן קלאס, דעם קלאס פון סאלדאטן, דאס הייסט פון די ערשטע 2 קלאסן פון הערארדאטס געשיכטע. אויב דער קעניג ווערט דערוויילט פון דעם מיליטאריסטישן קלאס, האט דער געזעץ שטריינג געפאדערט פון אים, ער זאל אריינטרעטן אין פריסטער קלאס און ער זאל קריגן דעם פולן אונטעררירכט אין דער „געהיימניספולער לערע" פון דעם פריסטערטום (ווילקינסאנס געשיכטע פון דעם אורלאטן עגיפטישן שטאט).

פון דעם געזעץ זעט מען דייטלאך, אז אין מצרים איז דער פריסטער קלאס געוועזן דער הערשנדיקער קלאס, אז די מלוכה־מאכט פון די סאלדאטן, מיטן קעניג אלס זייער הויפט־קאמאנדיר,

איז געווען אין די הענט פון דעם פריסטער קלאס. אויך צייגט דער געזעץ, אז אפריער איז דער פריסטער קלאס געווען דער אליין־הערשער פון דער מלוכה, און א פריסט, דערוויילט פון דעם פריסטער קלאס, איז געווען דער פירער און קאמאנדיר פון דער ארמיי. נאר שפעטער, ווען די מלוכה־הערשאפט איז צעטיילט געווארן צווישן דעם קעניג אלס הערשער פון דער ארמיי און דעם פריסטער קלאס, איז דער פריסטער קלאס אלץ פארבליבן דער הערשנדיקער קלאס, וואס האט געהאט דעם קעניג און, פאלגלאך, די ארמיי אונטער זיין קאנטראל.

צו ענטפערן אויף דער פראגע וועגן דער געשיכטלאכער אנט־וויקלונג פון דעם פריסטער קלאס, וואס איז די הויפט־אויפגאבע פון מיין ארבעט, און צו אנצייגן די געזעלשאפטלאכע כחות, דורך וועלכע דער פריסטער קלאס האט געקענט ווערן דער הערשנדיקער קלאס אין די אזיאטישע שטאטן, וועט געווים זיין פיל שווערער ווי צו ענטפערן אויף דער פראגע פון דער אנטשטייאונג פון די צוויי מאדערנע קלאסן: די קאפיטאליסטן און די פראלעטאריער, וואס זענען געבארן געווארן כמעט אויף אונזערע אויגן.

אויב אין אונזער איבערבליק איבער דער אייראפעאישער ציוויליזאציע איז אונז געלונגען צו קריגן א קלארן באגריף וועגן דער געשיכטלאכער אנטוויקלונג פון אייראפע מיט אירע מלוכות און אירע הערשנדיקע קלאסן, וואס האבן ארגאניזירט די מלוכות, אלס די נויטיקע וואפע אנצוהאלטן זייער הערשאפט איבער דער גרויסער מערהייט פון דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג, איז דאס אונז געלונגען נאר א דאנק דעם ריכטיקן שליסל, וואס מארקס האט געפונען ווי אזוי ארייננצודרינגען אין דעם קאמפליצירטן לא־בירינט פון דער געביידע פון דעם געזעלשאפטלאכן לעבן, א דאנק די פילע ארבעטן פון מארקסן זעלבסט, פון ענגעלס און זייערע נאכפאלגער איבער דער קלאסן־געשיכטע פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע און הויפטזאכלאך איבער דעם איבערגאנג פון דער פעאדאלער עפאכע צו דער היינטיקער, קאפיטאליסטישער עפאכע — ארבעטן, אין וועלכע זיי האבן קלאר און דייטלאך פעסטגע־

שטעלט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון אונזערע קאַפּיטאַליסטישע הערשער.

איידער מיר וועלן צוטרעטן צו דער פראַגע וועגן דעם פּריסטער קלאַס, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן צו צייגן די גרויסע וויכטיקייט פון מאַרקס'עס לערע, נישט אַזוי פאַר די פאָרשער פון דער מענטשלאַכער געשיכטע, ווי פאַר די קעמפער פון דער צוקונפטיקער רעוואָלוציע—די וויכטיקייט פון דער לערע, וואָס האָט אָנגעצייגט דעם ריכטיקן וועג צום זיג פון דעם פּראָלעטאַריער קלאַס איבער דעם הערשנדיקן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

.8

די אנטשטייאונג פון קאפיטאליסטישן קלאס. — די אנטדעקונג פון אמעריקע טראגט אריבער די גרויסע אייראפעאישע האנ־דעל'ס צענטרען פון איטאליע צו ענגלאנד און האלאנד.

אין וואס באשטייט די געניאלע אנטדעקונג פון קארל מארקס, וואס גיט דעם פארשער פון דער מענטשלאכער געשיכטע דעם ריכטיקן שליסל, ווי אזוי אריינצודרינגען אין די טיפסטע טי־פענישן פון דעם געזעלשאפטלאכן לעבן? אין וואס באשטייט אט־דער ריכטיקער שליסל צו דער געשיכטע פון דער מענטשהייט? קארל מארקס האט זיך גאנץ ווייניק אפגעגעבן מיט טעארעטישע באגרינדונגען און טעארעטישע אפהאנדלונגען פון זיינע אייגענע אנטדעקונגען. צום ביישפיל, דער ערשטער זאץ פון „קאמוניסטישן מאניפעסט“, אז „די געשיכטע פון דער מענטשלאכער געזעלשאפט איז אימער געווען, אזוי ווי זי איז איצט, די געשיכטע פון קלאסן־קאמף“, איז איינע פון די הויפט־אנטדעקונגען פון דער מארקסיס־טישער לערע, וואס האט אזוי שטארק געהאלפן צו באלויכטן דעם וועג פון דער מענטשלאכער געשיכטע. דאך האט קארל מארקס ניט איבערגעלאזט קיין איינציק באדייטנד ווערק, וואס זאל די־רעקט באהאנדלען אט־די אנטדעקונג פאר זיך אליין. קארל מארקס האט קיין צייט ניט געהאט צו שטעלן זיין געניע אין דינסט פון דער ריינער וויסנשאפט; די אויפגאבע צו איבערצייגן די וויסנ־שאפטסלייט, וואס באשעפטיקן זיך מיט שטודירן די געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווי קלאר און פארשטענדלאך עס וועלן ווערן פאר זיי די היסטארישע באוועגונגען, אויב זיי זאלן שטענדיק האבן אין זינען אט־די אנטדעקונג וועגן דער ראל פון קלאסן־קאמף אין דער מענטשלאכער געשיכטע, האט קארל מארקס אי־

בערגעלאַזן פאַר אַנדערע. ער אַליין האָט פאַר זיך געהאַט נאָר איין אויפגאַבע: צו באַלייכטן דעם וועג צום זיג פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַס, דעם מאָדערנעם קלאַס פון פּראָלעטאַריער. מאַרקס האָט פאָראויסגעזען, אַז אַט־דער קלאַס, וואָס איז דער־שינען ערשט ניט לאַנג אויף דעם האָריזאָנט פון דער געשיכטע צוזאַמען מיט דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן, אַז דער קלאַס, וואָס וואַקס אַלץ שטאַרקער צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון דער הערשאַפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציר־סיסטעם, איז באַרופן, לויט דעם נאַטירלאַכן גאַנג פון דער מענטשלאַכער געשיכטע, צו מאַכן אַ סוף צו דער הערשאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. מאַרקס האָט אויפגעוויזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט וועט מוזן אויסהאָדעווען אויף איר אייגענעם שוים איר צוקונפטיקן מלאך המות, ווייל דער הערשנדיקער קלאַס קען ניט עקזיסטירן אָן דעם קלאַס פון דעם פּראָלעטאַריער.

אין דעם זעלביקן יאָר 1848, ווען עס איז אַרויס פון דרוק דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“, האָבן אויסגעבראָכן בורזשואַ־רעוואָלוציעס כמעט אין אַלע לענדער פון אייראָפּע. נאָך אין יאַנואַר 1848 האָבן זיך אָנגעהויבן פאָלקס־אויפשטאַנדן אין סי־ציליע, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ איטאַליע. דעם 12טן יאַנואַר האָט דער פאָלקס־אויפשטאַנד אויסגעבראָכן אין דער סיצילישער שטאָט פּאַלערמאָ, די רעגירונג־סאָלדאַטן זענען אַרויס־געטריבן געוואָרן פון דער שטאָט, פּאַלערמאָ איז באָמבאַרדירט געוואָרן פון די רעגירונג־אַרמייען. ענדלאַך, נאָך אַ סך ביטערע שלאַכטן, וואָס האָבן געדויערט גאַנצע צוויי וואָכן, זענען די רע־גירונג־אַרמייען באַזיגט געוואָרן און אין פּאַלערמאָ איז דערוויילט געוואָרן אַ צייטווייליקע ליבעראַלע רעגירונג לויט דעם געוויינ־לאַכן מוסטער פון די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונגען פון ענגלאַנד, פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע, פון דער דעמאָקראַ־טישער שווייץ א. אַז. וו. צו פּאַלערמאָ זענען צוגעשטאַנען פילע שטעט פון סיציליע. דעם 27טן יאַנואַר האָט זיך פאַרשפּרייט דער רעוואָלוציאָנערער פייער פון סיציליע צו זיד־איטאַליע. עס איז

אויסגעבראָכן אַ פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד אין דער שטאָט נעאַפּאָל, אין זיד־איטאַליע. דער קעניג פון סיציליע און נעאַפּאָל, פערדי־נאַנד דער צווייטער, אויס שרעק פאר דער שנעל־וואַקסנדיקער רעוואָלוציע, האָט גלייך נאָכגעגעבן און פּראָקלאַמירט אַ ליבעראַלע קאָנסטיטוציע, און דעם 29טן פון דעם זעלבן מאָנאַט האָט ער צו־זאַמענגעשטעלט אַ ליבעראַלן מיניסטעריום. פון זיד־איטאַליע האָט זיך דער רעוואָלוציאָנערער פייער שנעל אַריבערגעטראָגן צו נאָרד־איטאַליע. פֿאָלקס־אויפשטאַנדן זענען אויסגעבראָכן אין מילאַן, אין פּאַדוע, אין לאָמבאַרדיע, אין פּיעמאָנט, אין רוים א. אַז. וו. אַ רעפּובליק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין ווענעדיק; דער פֿאָלקס־אויפשטאַנד אין טאָסקאַני האָט געצוואונגען דעם הערשער פון דער פּראָווינץ צו פּראָקלאַמירן אַ קאָנסטיטוציע א. אַז. וו.

אין איטאַליע, הייסט עס, האָבן זיך די פֿאָלקס־אויפשטאַנדן אָנגעהויבן אין דעם ערשטן חודש פון דעם יאָר 1848. אין דעם צווייטן חודש, אין פעברואר פון דעם זעלבן יאָר, אין דעם מאָנאַט, ווען דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז דערשינען, האָט אויס־געבראָכן אַ פיל וויכטיקערע רעוואָלוציע אין פּאַריז, אין פראַנק־רייך. פון פראַנקרייך האָט זיך די כוואַליע פון רעוואָלוציע שנעל פאַרשפּרייט כמעט איבער אַלע אייראָפּעאישע לענדער, ווי דייטש־לאַנד, עסטרייך, באָהעמיע, אָדער טשעכאָסלאָוואַקיע, און אונ־גאַרן.

דאָס יאָר 1848 האָט דערפאַר אַ באַזונדערס גרויסע באַדיי־טונג אין דער וועלט־געשיכטע. דורך די רעוואָלוציעס פון 1848, וואָס האָבן זיך אַזוי שנעל פאַרשפּרייט בלויז אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים פון דרום־איטאַליע צו צפון־איטאַליע און צו רוים נעגן דער מאַכט פון דעם פּאַפּסט, און פון פראַנקרייך צו דייטש־לאַנד, עסטרייך און אונגאַרן, איז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס געוואָרן דער הערשנדיקער קלאַס כמעט אין גאַנץ דרום און צפון־אייראָפּע. אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", וואָס איז אַרויס פון דרוק אין פעברואר פון יאָר 1848, ווערט אָנגעזאָגט דער וועלט וועגן דעם געזונטן און קרעפטיקן ניי־געבאָרענעם קינד,

דעם אנקומענדיקן קעמפער פאר א נייער ליכטיקער צוקונפט, און עם ווערט אנגעצייגט דער זיכערער וועג צום זיג איבער דעם לעצטן און מעכטיקסטן פון אלע פריערדיקע קלאסן, איבער דעם קאפיטאליסטישן קלאס, וואס האט זיך צוזאמענגעשמאלצן מיט אלע פריערדיקע הערשנדיקע קלאסן. ווען מיר נעמען די געשיכט־לאכע אנטוויקלונג פון דעם קלאס, זעען מיר, אז דער מעכטיקער קאפיטאליסטישער קלאס, ארייגרעכענענדיק שוין גאר די ערשטע יארן, ווען עס האבן זיך באוויזן די ערשטע אומבאדייטנדיקע שפורן זיינע אין געשטאלט פון געלט־מאגנאטן, איז ניט עלטער פון פיר אדער אם העכסטן פינף הונדערט יאר.

דער קאפיטאליסטישער קלאס, וואס איז געבארן געווארן אין די גרעסערע האנדלס־שטעט און איז אויסגעוואקסן פון די רייכערע סוחרים און שיף־קאמפאניעס, איז געווארן דער הערשער איבער אלע געביטן פון דער געזעלשאפטלאכער טעטיקייט, געווארן גענעראלן איבער די ארמייען פון מיליאנען „פרייע" ארבעטער פראלעטאריער, פרייע פון וועלכע עס איז אייגענע מיטלען אנצו־האלטן זייער לעבן און דעם לעבן פון זייערע קינדער, וואס מוזן, כדי צו עקזיסטירן, זיך שטעלן אין דינסט אונטער דער קאמאנדע פון די פראדוקציע־גענעראלן.

פון אלע אייראפעאישע לענדער האט זיך דער קאפיטאליס־טישער קלאס צום ערשטן מאל אנגעהויבן צו אנטוויקלען אין אי־טאליע. פאר דער אנטדעקונג פון אמעריקע זענען די איטאליעני־שע שטעט געווען די הויפט האנדלס־צענטרען אין אייראפע; אירע בליענדיקע רייכע שטעט, ווי ווענעדיק, פלארענץ, גענוא, מילאן, האבן דעמאלט געשפילט די זעלבע ראלע ווי היינט־צו־טאג שפילן ניו יארק, לאנדאן, פאריז און בערלין מיט זייערע ריזיקע האנדלס־באנקען. די דאזיקע ראל פון איטאליע האט ארויסגעדרונגען פון איר גינסטיקער געאגראפישער לאגע, אלס א האלב־אינזל, וואס איז כמעט פון אלע זייטן ארומגערינגלט מיט די וואסערן פון דעם מיטל־לענדישן ים; דער מיטל־לענדישער ים איז אין יענער צייט געווען דער איינציקער וואסער־וועג צווישן די דריי דעמאלט בא־

וואוסטע קאָנטינענטן פון אונזער ערד: צווישן אייראָפּע, אזיע און אפריקע. אויך זענען די איטאַליענישע שיף־קאָמפּאַניעס געווען פון די רייכסטע, און די אינדוסטריע פון שיף־בוי איז געווען איי־נע פון די בליענדיקסטע. די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס איז אָבער אין איטאַליע איבערגעריסן גע־וואָרן מיט דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע. די אַנטדעקונג פון אַמע־קע האָט געפירט דערצו, אַז די גרויסע צענטערן פון וועלט־האַנ־דעל זאָלן אַריבערגעטראָגן ווערן פון די לענדער, וואָס ליגן בּאַ די בּרעגן פון דעם מיטל־לענדישן ים, צו די לענדער, וואָס ליגן בּאַ די ברעגן פון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, דעם גרויסן וואַסער־וועג צווישן אייראָפּע און אַמעריקע. פון די לענדער, וואָס זענען באַוואַסערט פון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, ווי שפּאַניע, פראַנק־רייך, האָלאַנד און ענגלאַנד, איז ענגלאַנד שנעל געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון דעם וועלט־האַנדל; אין ענגלאַנד איז אויך שנעל און מעכטיק אויסגעוואַקסן דער נייער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס. ענגלאַנד איז געבויט אויף אינזלען, וואָס זיינען פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט די וואַסערן פון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. זייענדיק אַן אינזל, האָט ענגלאַנד ניט געקענט פירן אַנדערש אירע האַנדלס־באַציאונגען מיט די אַנדערע לענדער, ווי בלויז דורך שיפן. די קונסט פון שיף־בוי איז דאַריבער געווען שטאַרק אַנטוויקלט אין ענגלאַנד, וואָס איז אימער געווען רייך אין דערפאַרענע מאַטראָסן און שיפס־קאַפּיטאַנען.

ניט קוקנדיק דאַרויף, וואָס אַמעריקע איז אַנטדעקט גע־וואָרן פון אַן איטאַליענער מיט דער הילף פון שפּאַנישע שיפן, זענען די מערסטע קאָלאָניעס אין אַמעריקע געווען באַזעצט פון ענגלישע אימיגראַנטן, אונטער דער פירערשאַפט פון די ענגלישע שיף־קאָמפּאַניעס.

נאָך דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקע גייט דער געשיכטלא־כער אַנטוויקלונגס פּראָצעס פון דעם נייעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אין איטאַליע און אין ענגלאַנד אין צוויי אינגאַנצן קעגנגעזעצטע ריכטונגען. אין איטאַליע האָט זיך די קאַפּיטאַליסטישע פּראָ־

דוציר־סיסטעם אנגעהויבן צו אנטוויקלען פריער ווי אין אלע אנדערע אייראפעאישע לענדער. דער פויער, וואס האט זיך באפרייט פון יאך פון דעם פריץ, פון דעם גרויסן ערד־מאגנאט — און באפרייט איז אין איטאליע דער פויער אויך געווארן פריער ווי אין אלע אנדערע לענדער פון אייראפע — האט לייכט געפונען אין די בליענדע שטעט פאר זיך זיינע נייע הער־שער צווישן די רייכע געלט־מאגנאטן. צוזאמען מיט דעם נייעם קלאס פון קאפיטאליסטן איז אויף דעם אופן אויך געוואקסן אין איטאליע דער נייער קלאס פון פרייע פראלעטאריער — אט דער נייער מענטשן־מאטעריאל, וואס אן אים קאן די קאפי־טאליסטישע פראדוציר־סיסטעם ניט עקזיסטירן.

נאך דער איבערקערעניש, וואס די אנטדעקונג פון אמערי־קע האט געמאכט אין האנדלס־מארק פון דער וועלט, נאכדעם, ווען צפון־איטאליע האט אויפגעהערט צו שפילן די הויפט־ראל, האט זיך אין איטאליע אנגעהויבן א גוואלדיקער שטראם פון דעם נייעם, פרייען שטאטישן פראלעטאריאט צוריק אין דארף אריין, פון די שטאט אינדוסטריעס צוריק צו ערד־ארבעט; די ווייטערע אנטוויקלונג פון דער נייער קאפיטאליסטישער פרא־דוציר־סיסטעם האט זיך אין איטאליע אפגעשטעלט. איטאליע האט אויפגעהערט צו זיין בארימט מיט אירע פרייע בליענדיקע שטעט; אנשטאט דעם, איז איטאליע, צוליב דעם שטראם פון די שטאט־ארבעטער צוריק אין דארף צו לאנד־ארבעט, בארימט געווארן מיט אירע נייע פארמען פון קליינע סעדער און קליינע גערטנער פון גרינסן און בלומען.

אין ענגלאנד, פארקערט, האבן זיך נאך דער אנטדעקונג פון אמעריקע אנטוויקלט אזעלכע אומשטענדן, וואס זענען געווען אמגינסטיקסטן פאר דער אויפלעבונג און אויפבליאונג פון דער קאפיטאליסטישער פראדוציר־־סיסטעם און פאר דעם אויפוואוקס פון דעם נייעם קלאס פון געלט־מאגנאטן. ענגלאנדס גינסטיקע געאגראפישע לאגע ווי פון אן אינזל אויף דעם אטלאנטישן אקעאן, איר הויך־אנטוויקלטע אינדוסטריע פון שיף־בוי און איר

גרויסע צאָל פון רייכע שיף־קאָמפאַניעס, איר דערפאָלגרייכע קאָ־לאָניעס אויף אַמעריקעס ברעגן, איר נאַטירלאַכע רייכקייט אין רויע מאַטעריאַלן, ווי קוילן און אייזן, וואָס זענען נויטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר־סיסטעם אויפן גרויסן מאָסשטאַב — דאָס אַלץ האָט געמאַכט ענגלאַנד פאַר דעם בעסטן באָדן פאַר דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן.

9.

די בורזשואזע רעוואָלוציעס קעגן דער פעאָדאַלער אָרדנונג און די גרויסע געשיכטלאַכע באַדייטונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“. — מיט דער ערשיינונג פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ ווערט די קאָמוניסטישע באַוועגונג אַ פאַקטאָר, אַ טרייב־קראַפט אין דער וועלט־געשיכטע.

פילע פון די פריער אָנגעצייגטע געשיכטלאַכע אומשטענדן, וואָס האָבן ארויסגערופן די שנעלע אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין ענגלאַנד מער ווי אין די אַנדערע אייראָפּעאישע מלוכות. דער פאַקט, וואָס דער האַנדל מיט די קאָלאָניעס, וואָס האָבן אַמ־מייסטן געהערט צו ענגלאַנד, איז באַשטאַנען פון צושטעלן צו זיי די נויטיקסטע לעבנס־מיטלען און ניט לוקסוס־אַרטיקלען, דער פאַקט, וואָס די גרויסע נאָכפראַגע אויף וואָל און די הויכע פרייזן פון וואָלענע שטאָפן אויף דעם וועלט־מאַרק האָט פאַרורזאַכט אַ גוואַלדיקע איבערקערעניש אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די ענגלישע פויערים, גראַדע דערפאַר, וואָס אין ענגלאַנד איז געווען פילע גוטע שטרעקעס לאַנד פאַר שעפּס־פּאַשע. די טויזנטער ענגלישע פאַרמערס, ארויסגעוואָרפענע פון זייערע איינגעזעסענע ערטער, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר די שעפּסן, האָבן באַשאַפן אין ענגלאַנד אַ גרויסן טייל פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון די „פרייע“ אַרבעטער, אַרבעטער, וואָס זענען ניט פאַרבונדן אויפן גאַנצן לעבן צו איין פּריץ, נאָר זענען פריי פון וועלכע עס איז אייגענע פּראָדוציר־מיטלען. אַזעלכע אַרבעטער האָבן די פולע פרייהייט צו שטאַרבן פון הונגער, אויב זיי ווילן נישט פאַרקויפן זייער אַרבעטס־קראַפט. אָט־די פרייהייט צום שטאַרבן פון הונגער האָט עס געצוואונגען די אַרבעטער, כדי צו קע־

נען עקזיסטירן, זיך צו ווענדן צו די פארשיידענע גענעראלן פון אינדוסטריע און זיי האבן זיך געפילט גליקלאך, ווען מען האט זיי אריינגענומען אלס געדונגענע סאלדאטן אין דער ארמיי פון דער אינדוסטריע. אויך איז ענגלאנד ניט אפגעשטאנען פון דער אלגעמיינער באוועגונג קעגן דער מעכטיקער קאטוילישער קירך, וועלכע איז פארגעקומען אין דעם 16טן יארהונדערט אין אייראפע, די באוועגונג, וואס איז באוואוסט אין דער געשיכטע מיט דעם נאמען „רעפארמאציע“. א גאנץ באדייטנדער טייל פון לאנד אין ענגלאנד איז אין דעם פעריאד פון רעפארמאציע געווען דאס אייגנטום פון דער קאטוילישער קירכע, און ווען דער ענגלישער קעניג, הענרי דער 8טער, האט אין יאר 1536 באשלאסן אוועקצונעמען פון די קלויסטערס און צו קאנפיסקירן דאס ערד־אייגנטום פון דער קאטוילישער קירכע, האט ער דער־מיט פארוואנדלט די טויזנטער מאנאכן און די מאסע פויערים, וואס האבן זיך פון יארן איינגעלעבט מיט די מאנאסטירן, מיט דער קאטוילישער קירכע און מיט די קאטוילישע לאנד־מאגנאטן, אין אזעלכע „פרייע“־פראלעטאריער. אויך האבן אין אט דעם פעריאד פון דעם איבערגאנג פון דער פעאדאלער סיסטעם צו דער נייער קאפיטאליסטישער סיסטעם די גרויסע לאנד־מאגנאטן אנגעהויבן צו פאנאנדערלאזן די מאסע באדינטע און נאכשלעפערס, וואס פלעגן אנפילן זייערע הויפן. די דאזיקע נאכשלעפערס זענען באשטאנען פון גאנצע קאמפאניעס באוואפנטע ריטערס, זייערע ארימע קרובים מיט זייערע ארימע פאמיליעס.

צוליב אט־די אלע גינסטיקע אומשטענדן אין אלע הינזיכטן איז אין ענגלאנד נאך דער אנטדעקונג פון אמעריקע שנעל געוואקסן דער נייער קאפיטאליסטישער קלאס.

אין דעם יאר 1649, דאס הייסט ניט מער ווי 150 אדער 160 יאר נאך דער אנטדעקונג פון אמעריקע, איז דער וואקסנדיקער קאפיטאליסטישער קלאס געווארן אזוי מעכטיק אין ענגלאנד, אז ער האט, אונטער דער פירערשאפט פון קראמוועל, דורכ־

געפירט אַן ערפאָלגרייכע רעוואָלוציע קעגן דעם אַל־הערשנדיקן קלאַס פון די פעאָדאַלע לאַנד־מאַגנאַטן.

אין דעם מאָנאַט אויגוסט פונם יאָר 1648, האָט קראָמוועל, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי פון די „אינדעפּענדענטס“, צוקלאַפּט די אַרמיי פון די ראָיאַליסטן. אין דעם מאָנאַט יאַנו־אַר 1649 איז דער ענגלישער קעניג טשאַרלס דער ערשטער פאַר'משפט געוואָרן צום טויט פונם געריכט, פון וועלכן קראָמוועל איז געווען אַ מיטגליד. אין דעם מאָנאַט אַפּריל פונם יאָר 1653 לאָזט קראָמוועל פאַנאַנדער דעם אַלטן פּאַרלאַמענט, וואָס איז באַוואוסט אין דער געשיכטע מיט דעם נאָמען פון דעם „לאַנגן פּאַרלאַמענט“ און אַ נייער פּאַרלאַמענט ווערט ערוויילט. קראָמוועל זאָגט זיך אָפּ פון דעם טיטול קעניג, וואָס דער פּאַר־לאַמענט שלאָגט אים פאָר אָנצונעמען; ער נעמט אָן דעם טיטול פון „לאָרד פּראָטעקטאָר“ פון דעם גאַנצן לאַנד. מיט דעם נייעם פּאַרלאַמענט איז די רעגירונג־מאַכט אין ענגלאַנד אַרי־בער אין די הענט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס איז פאַרבליבן דער הערשנדיקער קלאַס פון ענגלאַנד, אפילו דאַמאָלט, ווען די קעניגן זענען אביסל שפּעטער נאָך קראָמוועלן צוריק אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף דעם ענגלישן טראָן.

אַזוי איז מיט קנאַפּע דריי הונדערט יאָר צוריק, אָדער, פּינקטלאַכער געזאָגט, מיט 279 יאָר צוריק (פון 1649—1928) זיגרייך ערשינען צום ערשטן מאָל אויף דעם האָריזאָנט פון דער מענטשלאַכער געשיכטע אין איין איינצלנעם לאַנד פון דער וועלט, אין ענגלאַנד, דער נייער הערשנדיקער קלאַס פון געלט־מאַגנאַטן, דער נייער קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן.

בשעת אין ענגלאַנד האָט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס זיך אַזוי שנעל אַנטוויקלט, אַז ער האָט געקאָנט אָנפירן ער־פאָלגרייכע שלאַכטן קעגן דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע, קעגן דעם הערשנדיקן קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן און צווינגען די מעכ־טיקע פעאָדאַלן אָפּצוגעבן די רעגירונגס מאַכט אין זייערע הענט, זענען נאָך די אַנדערע מלוכות פון אייראָפּע פאַרבליבן

אין די הענט פון די לאַנד־מאַגנאַטן. אין אייניקע פון די אייראָפּעאישע מלוכות, וואָס זייערע ברעגן זע־נען באַוואַסערט מיט דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, ווי פראַנקרייך, האָלאַנד, דענמאַרק, האָבן זיך אין יענע צייטן ערשט באַוויזן אומבאַדייטנדיקע שפּורן פון דעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. אין די אַנדערע טיפערע אינלענדישע שטאַטן פון אייראָפּע, ווייט פון די ברעגן פון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, איז דער פעאָדאַליזם געווען אין פולן גלאַנץ און פולער מאַכט; עס האָבן זיך דאָרטן ניט געצייגט אפילו די מינדעסטע שפּורן פון דעם נייעם קלאַס, ווען ס'איז באַשערט געווען צו פאַרשליג־גען דעם אַלטן איינגעפונדעוועטן קלאַס פון די לאַנד־מאַגנאַטן, פון די פעאָדאַלן.

ס'איז אַריבער אַן עפּאָכע פון צוויי הונדערט יאָר, פון 1648 ביז 1848, ווען דער נייער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז געוואָרן דער הערשנדיקער קלאַס כמעט אין אַלע גרויסע שטאַטן פון מערב אייראָפּע. עס האָט זיך געפאָדערט אַזאַ לאַנגער פּע־ריאָד ביז דער נייער קלאַס איז אויסגעוואַקסן אַזוי מעכטיק, אַז ער זאָל זיין בכח זיך ערפאָלגרייך צו שטעלן קעגן דער רעגירונגס־מאַכט פון די פעאָדאַלן, קעגן אַלע זייערע געזעצן און איינריכטונ־גען, וואָס האָבן געבונדן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און ניט גע־לאָזן אים האָבן די אומבאַשרענקטע פרייהייט צו עקספּלואַטירן די אַרבעטער אויף זיין נייעם קאַפּיטאַליסטישן שטייגער.

אין פראַנקרייך וואָס ליגט אויף דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן און האָט געגרינדעט פילע קאָלאָניעס אין דער אַנטדעקטער אמע־ריקע, איז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אויסגעוואַקסן אביסל שנעלער ווי אין די אַנדערע מלוכות פון אייראָפּע. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע קעגן די פּריווילעגירטע מעכטיקע קלאַסן פון די אַדעליגע און קעגן דער קירכע איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 1789, דאָס הייסט, 140 יאָר נאָך דער ענגלישער איבערקע־רעניש און מיט 60 יאָר פריער פון די אַנדערע שטאַטן פון מערב־אייראָפּע. די רעוואָלוציעס פון די אַנדערע אייראָפּעאישע

שטאטן אין דעם יאר 1848 זענען ווייט ניט געווען אזעלכע שטורמישע, ווי די פראנצויזישע רעוואלוציע; די הערשנדע פעאדאלע קלאסן האבן ניט ארויסגעוויזן אזא הארטנעקיגן ווי־דערשטאנד דעם נייעם קאפיטאליסטישן קלאס. דער ביישפיל פון ענגלאנד און פראנקרייך האט זיי באוויזן, אז די הערשונג פון קאפיטאליסטישן קלאס איז גאר ניט אזא געפערלאכע זאך פאר די פריווילעגירטע קלאסן פון די לאנד־מאגנאטן, אז זיי קענען זיך גאנץ גוט צוזאמענלעבן מיט דעם קאפיטאליסטישן קלאס, די רעוואלוציעס פון דעם יאר 1848 האבן זיך דעריבער שנעל געענדיקט מיט א קאמפראמיס צווישן די פעאדאלן און די געלט־מאגנאטן, די הערשאפט איבער דעם עקאנאמישן לעבן און די פינאנסן איז אריבער צו די געלט־מאגנאטן, פאר די פעאדאלן זענען אבער איבערגעלאזט געווארן די רעכט צו פאר־בלייבן די אייגנטימער פון די גרויסע שטרעקן לאנד און צו זיין די הערשער איבער די ארמייען אין דעם מיליטערישן לעבן פון די שטאטן.

נאך דעם יאר 1848, ווען דער קאפיטאליסטישער קלאס איז געווארן דער הערשנדיקער קלאס אין די מערסטע מלוכות פון מערב־אייראפע, איז אין פילע מלוכות, ווי צום ביישפיל אין יאפאן, דער איבערגאנג פון א ריינער פעאדאלער רעגירונג צו א געמיינשאפטלאכער רעגירונג פון פעאדאלן און קאפיטאליסטן פארגעקומען אן קיין שום גוואלדיקע רעוואלוציעס. די פע־אדאלן האבן געשטיצט און געהאלפן דער אנטוויקלונג פון דעם קאפיטאליסטישן קלאס.

אין דעם זעלבן יאר 1848, ווען דער נייער קאפיטאליסטי־שער קלאס איז געווארן דער הערשנדיקער קלאס אין אייראפע און, אין א קורצער צייט נאך דעם, דער הערשער איבער דער גאנצער מענטשהייט פון דער וועלט, האט זיך דאס אויך בא־וויזן אויפן האריזאנט פון דער מענטשלאכער געשיכטע דער „פייערדיקער זייל“ פון דער צוקונפטיקער רעוואלוציע, מארקס'עס „קאמוניסטישער מאניפעסט“, וואס האט מיט א קלארער ליכט

באַלויכטן דעם געשיכטלאַכן וועג פון דער אַנקומענדער מאַכט, וואָס וועט בייקומען אַט־דעם לעצטן געשיכטלאַכן קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטן.

די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז געוואָרן אַ פאַקטאָר, האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָל אין דער געשיכטע, אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלאַכן געזעלשאַפטלאַכן לעבן בלויז פון דעם יאָר 1848 מיט דער פאַרעפנטלאַכונג פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“. שריפטן, וואָס האָבן געמאָלן מיט גלענצענדיקע, באַצויבערנדיקע פאַרבן די מעגלאַכקייט פון אַ קאָמוניסטישן, גליקלאַכן, געזעלשאַפטלאַכן לעבן, זענען דערשינען נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק. אייניקע קריסטלאַכע סעקטן נאָך פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע האָבן געפּריידיקט דעם אידעאַל פון דעם קאָמוניסטישן לעבן און האָבן געזוכט איינצופירן צווישן זיך אַזאַ מין אָרדנונג, וואו אַלע זענען גלייך און לעבן צווישן זיך ווי געטרייע ברידער און שוועסטער. קומענדיק נעענטער צו אונזערע צייטן האָבן אונזערע מאָדערנע סאָציאַליסטן־קאָמוניסטן ווי אָוען אין ענגלאַנד, סען־סימאָן און פוריע אין פראַנקרייך און פילע אַנדערע נאָך אין אָנהויב פונם 19טן יאָרהונדערט, עטלאַכע יאָר נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע קלאָר איינגעזען, אַז די טיראַני פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס איז נאָך פיל ערגער פון דער טיראַני פון דעם אַלטן קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן. די גרויסע פאַרשפּרעכונגען, די שיינע לאָזונגען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט, מיט וואָס די בורזשואזיע, הויפּטזאַכלאַך פון פראַנקרייך, האָט באַצויבערט און באַגייסטערט די פראַנצויזישע מאַסן, זענען שנעל פאַרשוואונדן, ווי נאָר דער פראַנצויזישער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט געקראָגן די מלוכה־מאַכט אין זיינע הענט מיט דער הילף פון די מאַסן.

די דאָזיקע גרויסע פרייהייט־גייסטער האָבן באַוויזן פאַר דער גאַנצער וועלט די אמתע איבלען פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר־סיסטעם און האָבן מיט דער גאַנצער מאַכט, לאָגיק און פייער פון זייערע טיפע איבערצייגונגען אַפּעלירט צו

אלעמען, אַן אונטערשייד פון קלאַסן, אַפּצושאַפן די קאַפּיטאַ־ליסטישע פּראָדוציר־סיסטעם און איינפירן זייערע קלוג־אויסגע־ארבעטע פּראָדוציר־פּלענער אויף אַ געזעלשאַפטלאַך־קאָמוניס־טישן אָדער סאָציאַליסטישן שטייגער, דאָס אַלץ האָט אָבער קיין שום רושם נישט געמאַכט אויף דעם גאַנג פון דער געשיכטלאַ־כער אנטוויקלונג סיי פון ענגלאַנד, סיי פון פראַנקרייך, סיי פון וועלכע עס איז אַנדערע מלוכות. די געשיכטע פון די פאַר־גאַנגענע טויזנטער יאָרן איז זיך געגאַנגען מיט איר וועג, נים שיינקענדיק קיין ברעקל אויפמערקזאַמקייט אויף די פּלענער, אויף די איבערצייגונגען, און וויי־געשרייען פון די אַלטע נביאים און די מענטשן־ליבנדיקע פּריסטער און פרײַדיקער פון אַלע שאַטירונגען. אַזוי האָבן אויך די מאָדערנע מענטשן־ליבנדיקע פילאָזאָפן און דיינקער ניט געהאַט קיין ערפאָלג.

.10

די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקע אי־בערקערעניש אין דער מענטשלאַכער וועלט־געשיכטע דורך איר גלאָררייכן זיג אין רוסלאַנד. — די דריי גרויסע פעריאָדן אין דער וועלט־געשיכטע: 1) די פעריאָדע פונם פרימיטיוון קאָ־מוניסטישן לעבן, 2) די פעריאָדע פון אַ רייע קלאַסן־מלוכות לעבן, 3) די נייע פעריאָדע פון דעם באַוואוסטזיניקן קאָמו־ניסטישן לעבן.

די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט אָנגעהויבן ווערן אַ מאַכט אין דער מאָדערנער געשיכטע בלויז פונם יאָר 1848, פונם יאָר, ווען ס'איז דערשינען אין דער עפנטלאַכקייט דער „קאָמוניסטי־שער מאַניפעסט". דער קאָמוניסטישער בונד גופא, די קליינע גרופע פון אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטן, וואָס אויף זייער אויפ־טראַג איז פאַרפאַסט געוואָרן דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" פון מאַרקס און ענגעלס, איז אין קורצן צעשלאָגן געוואָרן פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה־מאַכט. די ערשטע ווירקלאַכע שלאַכט פונם פראָלעטאַריאַט פון פּאַריז קעגן דער בורזשואַזיע אין דעם מאָנאַט יוני פון דעם יאָר 1848, ניט מער ווי אַ האַלב יאָר נאָך דער פאַרעפנטלאַכונג פון דעם „קאָמוניסטישן מאַני־פעסט", האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולקאָמען זיג פאַר דער בורזשואַזיע.

אין עטלאַכע יאָר ארום האָט די פּרייסישע פּאָליציי אין קעלן, דייטשלאַנד, אַרעסטירט די מיטגלידער פון דעם קאָמו־ניסטישן בונד און האָט זיי אָפּגעהאַלטן אַרעסטירט 18 מאָנאַטן. נאָכדעם ווי דער באַוואוסטער געריכט איבער די קאָמוניסטן

אין קעלן האָט פאַר׳משפט דעם 12טן נאָוועמבער 1852 זיבן קאָמוניסטן פון דעם צענטראַל קאָמיטעט צו געפענגניש פון 3 ביז 6 יאָר, האָבן די פאַרבליבענע מיטגלידער פון דעם קאָמו־ניסטן־בונד פאָרמעל באַשלאָסן אויפצולייזן די אָרגאַניזאַציע. דער קאָמוניסטן־בונד איז אויפגעלייזט געוואָרן אין 1852, נאָר דער פייער־זייל פון מאַרקסעס און ענגעלס „קאָמוניסטישן מאַ־ניפעסט" איז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן. באם סוף פון 19טן יאָרהונדערט, דאָס הייסט ניט מער פון 50 יאָר נאָך דער דער־שיינונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", געפינען מיר שוין מיליאָ־נען פראָלעטאַריער אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין איטאַליע און אין פילע אַנדערע לענדער, אָרגאַ־ניזירט אין פעסטע פאַרטייען, וואָס זיינען באַשלאָסן צו מאַרשירן צו אַ זיכערן זיג איבער אַלע קלאַסן־מלוכות אויף דעם קלאָרן וועג, וואָס איז אָנגעצייגט געוואָרן אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". אין דעם משך פון די 50 יאָר האָבן די אָרגאַניזירטע פראָלעטאַ־ריער איבערצייגט זיך פון ביטערער דערפאַרונג, אַז יעדער טריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אָן אַ זייט פון דעם אָנגעצייגטן וועג, אַז יעדער טריט, וואָס ווערט געמאַכט מיט דעם אַבזיכט צו שליסן פרידן מיט דעם הערשנדיקן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, פירט און מוז פירן צו שרעקלאַכע נידערלאַגעס פון דעם פראָלעטאַריאַט.

פון דעם יאָר 1848, זינט די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט געמאַכט דעם ערשטן אַריינטריט אין דער וועלט־געשיכטע, אַלס אַ אמת׳ע מאַכט, אַ דאַנק דער לערע פון מאַרקס, וואָס האָט אַנט־דעקט די רעאַלע טרייב־קרעפטן פון די גרויסע געשיכטלאַכע איבערקערענישן, איז אַריבערגעגאַנגען ניט מער ווי 70 יאָר, ווען די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט אין יאָר 1917־1918, דורך איר גלאָררייכן זיג אין רוסלאַנד, געמאַכט אַ גוואַלדיקע איבערקערע־ניש אין דער מענטשלאַכער וועלט־געשיכטע.

ווען דער קאַמף צווישן די איינגעפונדעוועטע הערשנדיקע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן פון מערב־אייראָפּע פאַר פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט אונטער דער הערשאַפט פון דעם אָדער יענעם קאַ־

פיטאַליסטישן שטאַט האָט אַרויסגערופן אין דעם יאָר 1914 די שרעקלאַכסטע מלחמה אין דער מענטשלאַכער וועלט־געשיכטע, האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע שטאַטן פון מערב־אייראָפּע, ווי אויך פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, שטאַרק דערפרייט, ווען זיי איז געלונגען דורך דעם דיקן רויך פון זייערע קאַנאָנען צו פאַרטומלען דעם קלאָרן שיין פון דעם פייערדיקן זייל פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט"; ווען זיי איז געלונגען דורך דער שטאַרקער גוואַלד־מאַכט פון זייערע באַוואָפנטע סאָלדאַטן און פּאָליציי אונטער זייער קאָמאַנדע, דורך אָפּנאַרערישע זיסע פאַרשפּרעכונגען, דורך אונטערקויפן די פּראָלעטאַרישע פירער מיט הויכע פאַראַנטוואָרטלאַכע רעגירונג־פּאָסטן, צו פאַרטומלען די מוחות און די הערצער פון די קעמפנדיקע פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן געשלאָסן פרידן מיט זייערע אמת'ע שונאים, האָבן פאַרלאָזן דעם פריערדיקן ריכטיקן וועג, געשטעלט זיך אין דינסט און האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס פאַר די אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאַס פון זייערע שטאַטן. זייער פרייד איז אָבער שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שרעק, ווען די געשיכטע, וועלכע האָט אַזאַ לאַנגע צייט צוגעשמייכלט צו זיי אין אַלע זייערע קאַמפן, האָט מיטאַמאָל אַזוי אומדערוואַרטעט אָפּגעשפּילט זיי אַזאַ שרעקלאַכן שפּיצל.

אין מזרח־אייראָפּע, אין רוסלאַנד, וואו דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז געווען ניט מער ווי אַ קליין קינד אין אַ וויגעלע, און די גאַנצע שטאַט־מאַכט איז נאָך געלעגן אין די הענט פון די לאַנד־מאַגנאַטן מיט דעם גרעסטן פריץ, דעם צאַר, אָן דער שפּיץ, האָט די וועלט־מלחמה אין אָנפאַנג פון דעם יאָר 1917, דעם דריטן יאָר פון מלחמה, אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע רעוואָלוציאָנערע שטימונג צווישן די פויערים און דער אַרמיי געגן דער רעגירונג פון די לאַנד־באַזיצער, וועלכע האָבן אין פרידנס־צייטן געהערשט איבער זייערע לעבנס־מיטלען און אין דער מלחמה, אַלס אָפיצירן, גענעראַלן, געקאָמאַנדעוועט איבער זייערע לעבנס גופא.

נאָענט פון 80 פּראָצענט פון דער רוסישער באַפעלקערונג

באַשטייען פון פויערים און געוויינלעך איז די רוסישע אַרמיי ניט מער ווי די זעלביקע פויערים, וואָס די רעגירונג האָט באַוואָפנט און זיי געפירט אין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאַס פון די לאַנד־מאַגנאַטן. און ווען די באַוואָפנטע פויערים האָבן אומגעקערט די ביקסן פון דעם אָנגעצייגטן שונא אויף זייער אייגענעם שונא, אויף דעם קלאַס פון זייערע האַרן, די לאַנד־מאַגנאַטן, האָבן זיי שנעל צעשמעטערט די פעסטונג פון דער צאַרישער רעגירונג מיט אַ פיל לייכטערן פאַרלוסט פון זייערע לעבנס ווי דער פאַרלוסט, וואָס די רוסישע אַרמיי האָט געהאַט דורכשניטלעך יעדן טאָג אין די דריי יאָר פון דער וועלט־מלחמה. אַלע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען פון מערב־אייראָפּע און די גאַנצע אייראָפּעאישע פרעסע האָבן וואַרעם באַגריסט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. זיי האָבן זיך ערנסט דערפרייט מיט דער איבערקערעניש אין דער גרויסער צאַרישער מ[illegible], וואָס האָט נאָך זייערע ערפאַרונגען ניט געקענט האָבן קיין אַנדערע באַדייטונג ווי, אַז אין רוסלאַנד ווערט אויך דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס דער הערשענדיקער קלאַס, אַז רוסלאַנד טרעט אַריין אין דער פאַמיליע פון ריין־קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, אָדער קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונגען, וואָס באַקלאַמירן אין די קאָנסטיטוציעס די גלייכהייט און פרייהייט פון אַלעמען אויפן פּאַפּיר און גיבן איבער דיווירקלאַכע מאַכט פון דעם שטאַט אין די הענט פון די געלט־לאָרדן די אַלע צווייגן פון דער שטאַט־מאַכט: די געזעצגעבונג, די געריכטן, די אַרמיי, די פּאָליציי, וועלכע ווערן געשטעלט אין דינסט פון די דאָזיקע לאָרדן צו אונטערשטיצן זייער פרייע אומבאַשרענקטע רעכט צו עקספּלואַטירן די אַרבעטער פון שאָפּ און פון לאַנד און צו אונטערדריקן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער־מאַסן קעגן די ווירקלאַכע הערשער פון דער מלוכה.

די ערשטע 7 אָדער 8 מאָנאַטן נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע אין אָנפאַנג פון דעם יאָר 1917 האָט אויסגעזען, אַז די פרייד פון די מערב־אייראָפּעאישע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, וואָס האָבן

אין דער רוסישער רעוואָלוציע געזען אַ ווידערהאָלונג פון זייערע אייגענע רעוואָלוציעס, וואָס האָבן געמאַכט די קאַפּיטאַליסטן פאַר דעם הערשנדיקן קלאַס אין זייערע שטאַטן, איז געווען אַ גערעכטע פרייד. אַלץ איז אין רוסלאַנד אין דער קורצער פּעריאָדע נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע צוגעגאַנגען ווי אין די פריערדיקע בורזשואַזע רעוואָלוציעס אין מערב־אייראָפּע. די אידעאָלאָגישע וואָרטפירער פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט; די, פאַר וועמען די רעפּובליקאַנישע פאָרמע פון אַזעלכע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען ווי פראַנקרייך אָדער די פאַראייניקטע שטאַטן איז דער העכסטער אידעאַל פון דער מענטשהייט; אַזעלכע פּערזאָנען ווי לוואָוו, מיליוקאָוו און אַ ענדע קערענסקי האָבן זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער ציטווייליקער רעגירונג אין דער פאָרמע פון דער דומע, וועלכע האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען איינצוצאַמען די ברויזנדיקע כוואַליע פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג צווישן די פּויערים, דער אַרמיי און די אַרבעטער, ביז דער צוזאַמענפאָר פון די דערווײַלטע פון אַלע קלאַסן איבערן לאַנד וועט איינפירן אין רוסלאַנד אַ פעסטע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג נאָך דעם מוסטער פון די העכסט אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, ווי, צום בײַשפּיל, די רעפּובליקן פון פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

אָבער אין רוסלאַנד האָט זיך געפונען אַ צאָל טעטיקע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן טיף אײַנגעזאַפּט אין זיך, אין יעדן נערוו פון זייערע לעבעדיקע וועזנס די קלאָרע ליכט פון מאַרקס און ענגעלס לערע, די קלאָרע פאַרשטענדעניש פון די געשיכטלאַכע פאַסירונגען; סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אין זייער לאַנגיעריקער טעטיקייט אין די סאָציאַליסטישע רייען, צווישן די פאָרטגעשריטענע פּראָלעטאַריער, די קעמפער פאַר דער צוקונפטיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע, קיינמאָל ניט געוואַקלט זיך, ניט אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט פון דעם וועג צום זיג, ווי ער איז אָנגעצייגט אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“. די דאָזיקע סאָציאַליסטן האָבן אין די 7 אָדער 8 מאָנאַטן נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע אומדערמיד־

לאַך אַגיטירט צווישן די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן. זיי זענען געשטאַנען גלייך נאָך דער רעוואָלוציע אַלס פעסט־אָרגאַניזירטע מינאָריטעט אין די סאָוועטן פון די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן אויפן וואַך קעגן דער ציטווייליקער רעגירונג פון די בורזשואַזע וואָרט־פירער אין דער דומע, און ניט דערלאָזן די רעגירונג פון דער דומע צו מאַכן וועלכע עס איז שריט קעגן די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן. זיי האָבן געזען צו פאַרהיטן, אַז די רעוואָלוציאָנערע מאַסן זאָלן ניט פאַרכאַפּט ווערן דורך די הויך־קלינגענדיקע, הימלשע פראַזן פון די אידעאָלאָגן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע, פראַזן פון אַלגעמיינער פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלאַכקייט, פראַזן, מיט וועלכע עס איז זיי געלונגען אין פאַרגאַנגענע רעוואָלוציעס אין מערב־אייראָפּע צו פאַרבלענדן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן און פאַרבלענדעטערהייט זיי לייכט צו פאַרפירן אין דעם זומפּ פון דער הערשאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. זייער איינפלוס אויף די רעוואָלוציאָנערע מאַסן איז שנעל געוואַקסן, און אין אָקטאָבער פון דעם יאָר 1917 האָבן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן, אונטער דער פירערשאַפט פון די דאָזיקע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען שוין דאַן געוואָרן די מאַיאָריטעט אויף דעם צוזאַמענפאָר פון אַלע סאָוועטן, מיט גרויס דערפאָלג דורכגעפירט די גרעסטע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, די רעוואָלוציע, וועלכע דזשאָן ריד האָט ריכטיק אָנגערופן „די צען טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט“. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“, וואָס איז אין דעם יאָר 1848 אַריינגעטראָטן אין דער מענטשלאַכער־געשיכטע, אַלס אַ העל־קלאָרער ליכט אין די הענט פון עטלאַכע פאַקעל־טרעגער פון דער צוקונפטיקער רעוואָלוציע, איז אין קנאַפּע 70 יאָר, אין דעם יאָר 1917, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקן געשיכטלאַכן שטאַט פון איבער 140 מיליאָן מענטשן, אַ שטאַט, וואָס האַלט אין עלפטן יאָר נאָך דער גוואַלדיקער רעוואָלוציע אַלץ ווייטער אין באַפעסטיקן זיך שטאַרקער אויף איר נייעם געשיכטלאַכן וועג, וואָס פירט אַלץ זיכערער צו דער אָפּ־

שאַפונג פון דער לאַנגער 7 אָדער 8טויזנט־יאַריקער געשיכטע פון אַלע ציוויליזירטע שטאַטן, פון די אוראַלטע אַזיאַטישע ציוויליזאַציעס ביז דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע; ציוויליזאַציעס, וואָס זענען אַלע געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון דער הערשאַפט פון באַשטימטע געזעלשאַפטלאַכע קלאַסן.

דיווירקלאַכע גרויסע געשיכטלאַכע איבערקערעניש אין רוסלאַנד אונטער דער פירערשאַפט פון די טיף איבערצייגטע מאַרקסיסטן האָט באַוויזן דער וועלט פון בורזשואַזיע די גרויסע באַדייטונג פון דער מאַרקסיסטישער לערע, ווען זי האָט אין איר דערזען די ווירקלאַכע נאָענטע געפאַר פאַר זייער הערשאַפט אין זייערע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן. קען מען דען פאַרגלייכן די פיינטלאַכע שטעלונג פון דער בורזשואַזיע צו דער געפערלאַכער לערע פון מארקס און צו די קלענערע אָדער גרעסערע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט אויף זייער פּראָגראַם די אָפּשאַפונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, מיט דער ציטערניש און מיט דעם שרעק, וואָס די ערפאָלגרייכע רוסישע רעוואָלוציע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די קאַפּיטאַליסטישע הערשער?

אַוועק איז די פעסטע זיכערקייט פון די קאַפּיטאַליסטישע הערשער אין דער מאַכט פון זייערע שטאַטן צו דערשטיקן יעדן אויפשטאַנד פון זייערע אונטערדריקטע אַרבעטער־מאַסן, ווען אָנשטאָט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ איז פּלוצלונג דערשינען אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט פאַרכאַפּט אין אירע פעסטע הענט די שטאַט־מאַכט פון אַזאַ גרויסער מלוכה, ווי רוסלאַנד, מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער 140 מיליאָן מענטשן.

איצט קענען מיר מיט פולער רעכט צעטיילן די גאַנצע מענטשלאַכע געשיכטע אויף דריי גרויסע פּעריאָדן: די ערשטע פּעריאָדע איז די פּעריאָדע פון דעם פּרימיטיוון קאָמוניסטישן געזעלשאַפטלאַכן לעבן. זי האָט געדויערט פיל לענגער ווי די אַנדערע פּעריאָדן, ניט ווייניקער ווי הונדערט טויזנט יאָר, און פילייכט פיל מער פון עטלאַכע הונדערט טויזנט יאָר.

די דאָזיקע פּעריאָדע ווייסט ניט פון דער צעטיילונג פון די

געמיינדן אויף עקאנאמישע קלאסן. די מיטגלידער פון דער געמיינדע געניסן א פולקאמענע עקאנאמישע גלייכהייט. די עקאנאמישע טעטיקייט צו שאפן די נויטיקע לעבנס־מיטלען פון נארונג, קליידונג, בויען פון צעלטן אדער הייזער ווערט געפירט געמיינשאפטלאך. די ארבעט ווערט צעטיילט צווישן דער געמיינדע לויט פארשיידענע כללים, נעמענדיק אין אנבאטראכט דעם עלטער, דעם געשלעכט און די ארבעט־פייאיקייטן. זי ווערט צעטיילט צווישן די עלטערע און אינגערע מיטגלידער, צווישן די מענער און פרויען. אט־די געמיינשאפטלאכע פראדוצירונג פון די לעבנסמיטלען שאפט דעם ווירקלאכן אינערלאכן פארבאנד פון די דאזיקע פרימיטיווע געמיינדעס. אויסערלאך דריקן אויס די געמיינדע־מיטגלידער דעם פארבאנד צווישן זיך דורך דעם, וואס זיי שטאמען אלע פון די זעלבע אור־עלטערן, וואס זיי געהערן צו דער זעלביקער משפחה פון זין און טעכטער, פון ברידער און שוועסטער, פון אנקעלם און אור־אייניקלאך פון די אלטע זיידעס און באבעס פון דער געמיינדע. אין דעם לאנגן משך פון דער דאזיקער ערשטער פעריאדע איז געמאכט געווארן א גוואלדיקער פראגרעס אין אלע געביטן פון דעם מענטשלאכן לעבן, סיי אין דער טעכניק פון דער פרימיטיווער ארבעט, סיי אין דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון דעם מענטשן. עס זענען דערפונדן געווארן קינסטלאכע מיטלען צו מאכן גלאז, צו וועבן און פלעכטן. צוזאמען מיט דער שטופנווייזער אנטוויקלונג אין דער טעכניק איז אויך געוואקסן דער פראגרעס אין די געביטן פון וויסנשאפט און קונסט; דער פרימיטיווער מענטש האט אויסגעפונען מיטלען צו היילן קראנקהייטן, צו מאכן בילדער, צייכענונגען אויף עלעפאנט־ביין און אויף שטיין, שפילצייג פאר קינדער, מוזיקאלע אינסטרומענטן, ביז ער האט דערגרייכט די שטופע פון געשריבענער שפראך. די דאזיקע ערשטע עפאכע ווערט געווינלאך צעטיילט אויף פארשידענע קלענערע עפאכן, אויף העכערע און העכערע שטופן פון אנטוויקלונג אין די סאציאלע באציאונגען צווישן משפחה און פארבאנד פון משפחות, פון שבט און שבט, צווישן מאן און פרוי;

סאָציאַלע באַציאונגען, וואָס גייען האַנט אין האַנט מיט די הע־כערע שטופן פון דעם עקאָנאָמישן צוזאַמענלעבן. אָבער אין די אַלע שטופן פון דער ערשטער פּעריאָדע בלייבט דער פונדאַמענט פון עקאָנאָמישער גלייכהייט פון אַלע מיטגלידער פון דער געמיינדע.

די צווייטע אָפּטיילונג פון דער מענטשלאַכער געשיכטע איז די געשיכטע פון קלאַסן־געזעלשאַפטן. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם צייט־דויער פון דער צווייטער אָפּטיילונג, אָנהויבנדיק מיט די אַלטסטע אַזיאַטישע קלאַס־שטאַטן ביז איצט, איז זי פיל קירצער אין פאַר־גלייך מיט דעם צייט־דויער פון דער ערשטער געשיכטלאַכער אָפּ־טיילונג פון דער מענטשלאַכער ראַסע. נאָך אַלע רעכענונגען איז זי, די צווייטע אָפּטיילונג, ניט מער פון זיבן אָדער אַכט און אַ העכסטן צען טויזנט יאָר. זי האָט דערגרייכט די העכסטע שטו־פע פון אַנטוויקלונג אין דער איצטיקער פּערטער עפּאָכע, אין דער הערשאַפט פון דעם קלאַס פון געלט־מאַגנאַטן. די מעכטיקע קאַ־פּיטאַליסטישע מלוכות פון אייראָפּע און אַמעריקע האַלטן אין עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג ניט בלויז די גרעסטע מאַיאָריטעט פון זייערע אייגענע פעלקער, נאָר אויך כמעט די גאַנצע מענטש־לאַכע ראַסע פון אונזער ערד־קוגל.

די דריטע אָפּטיילונג פון דער מענטשלאַכער געשיכטע, וועל־כע האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין דעם יאָר 1917, איז די קירצסטע פון אַלע דריי אָפּטיילונגען פון דער געשיכטע פון דער מענטשלאַכער ראַסע. זי איז ניט מער ווי עלף יאָר אַלט. מיט איר וואונדערלאַכן וואוקס אונטער דער באַשלאָסענער ענערגיע פון רוסלאַנד׳ס פּאַרטגעשריי־טענע פּראָלעטאַריער און פּויערים צו באַפרייען די אַרבעטער־מאַסן פון דער טויזנט־יאָריקער פאַרשקלאַפונג צו די הערשנדיקע קלאַסן פון לאַנד־מאַגנאַטן און געלט־מאַגנאַטן, איז רוסלאַנד גע־וואָרן אַ מעכטיקער פאַקטאָר אין דער מענטשלאַכער געשיכטע, אַ מוסטער פאַר אַלע פאַרשקלאַפטע אַרבעטער פון דער וועלט, ווי צו באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט פון די הערשנדיקע קלאַסן און איינאָרדענען צוריק דעם עקאָנאָמישן לעבן פון אַלע געזעל־

שאפטן אויף דעם באוואוסטזיניקן קאמוניסטישן שטייגער.

דער קאמוניסטישער לעבן פון די פרימיטיווע מענטשן איז געווען דאס אומבאוואוסטזיניקע, נאטירלאכע צוזאמענלעבן פון דער מענטשלאכער ראסע, אקוראט ווי דאס ניי־געבארענע מענטשן־קינד לעבט און אטעמט און ווייסט ניט, אז ער לעבט און אטעמט; אזוי ווי די גראז־עסנדיקע פיר־פיסיקע חיות לעבן אפ זייער נאטירלאכן לעבן און דערנערן זיך מיט די פלאנצן אדער פרוכטן פון דער מוטער־ערד און די פלייש־עסנדיקע חיות האלטן אויף זייער לעבן מיט פארצוקן אנדערע חיות. זיי לעבן אזוי, ניט דערפאר וואס זיי ווייסן, אז די דאזיקע שפייזן זענען די בעסטע שפייזן פאר זיי, נאר דערפאר, וואס די געשיכטלאכע אנטוויקלונג פון די דאזיקע חיות האט זיי ארויסגעבראכט אויף דער וועלט מיט פארשידענע מאגנס און פארדייאונגס־ארגאנען, צוגעפאסט צו דער פארדייאונג פון פארשידענע נארונגס־מיטלען; די ניי־געבוירענע חיות דערשיינען אויף דער וועלט מיט איינגעבוירענע אינסטינקטיווע נייגונגען, וואס אנטשפרעכן די דאזיקע לעבנס־פראצעסן און זייערע פארשידענע ארגאנען; פונקט אזוי האט אויך דער פרימיטיווער מענטש, ווען ער האט זיך באוויזן אויף ערד, געהאט איינגעבארענע סאציאלע נייגונגען, וועלכע ער האט ווארשיינלאך גע׳ירשנ׳ט פון די געזעלשאפטלאכע חיות, וואס לעבן געוויינלאך אין סטאדעס, און ער האט אינסטינקטיוו איינגע־ארדנט זיין עקאנאמישן פרימיטיוון לעבן אויפן קאמוניסטישן שטייגער; ניט האט ער געקענט נאטירלאכערווייזע לעבן אנדערש, ניט האט ער געוואוסט, אז זיין לעבן איז א קאמוניסטישער. ווען עס האבן זיך באוויזן אין די פרימיטיווע געזעלשאפטן נאך צענ־דליקער טויזנטער יארן פון דער מענטשלאכער אנטוויקלונג די ערשטע אומבאדייטנדיקע שפראצן, וואס פון זיי איז עס שפעטער ארויסגעוואקסן דער ערשטער הערשנדיקער קלאס פון פריסטער, האט דער פרימיטיווער מענטש ניט געקענט פאראויסזען, ווי אזוי

עס וועלן שפעטער אויסוואקסן די מעכטיקע קלאסן, די מעכטיקע הערשער איבער אים.

גאנץ אנדערש וועט זיין דאס געזעלשאפטלאכע לעבן אויף דעם נייעם קאמוניסטישן שטייגער פון דער נייער אנקומענדיקער דריטער אפטיילונג פון דער מענטשלאכער געשיכטע, נאך דעם ווי די מענטשהייט האט איבערגעלעבט די צווייטע אפטיילונג פון קלאסן־געזעלשאפן. ניט אומזיסט איז אין אונזער סאציאליסטי־שער ליטעראטור באשאפן געווארן נאך מארקסן דער נייער טער־מין פון „קלאסנבאוואוסטער ארבעטער“. די ארבעטער, וואס האבן, א דאנק דער ליכט פון מארקס'עס לערע, דערזען אין דעם קלאסן־געבוי פון די געזעלשאפטן דעם איינציקן אמת'ן קוואל פון זייער צען־טויזנט־יאריקער פארשקלאפונג, וועלן געוויס מיט זייער גאנ־צער מאכט אפהיטן די נייע קאמוניסטישע ארדענונג, אז זי זאל ניט פארפעסטעט ווערן צוריק מיט דער מגפה פון קלאסן־רעגירונגען.

.11

דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון דער געזעלשאַפט איז דער פונדאַמענט פאַר דער אויסבילדונג פון קלאַסן. — דער כאַראַקטער פון דעם פריסטערטום אין אַלע אור־אַלטע אַזיאַטישע ציוויליזאַציעס איז פונדאַמענטאַל פאַרשידן פון דער קירכע אין אונזערע אייראָפּעאישע ציוויליזאַציעס.

וועגן דעם פונדאַמענט און די גרונט־געדאַנקען פון זיין לערע שרייבט מאַרקס אַם קלאָרסטן אין זיין פאָררעדע צו זיין בוך „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“. דאָס איז מאַרקס’עס ערשטע ווערק איבער דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע. שפּעטער האָט מאַרקס זיין עקאָנאָמישע לערע באַאַרבעט אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב אין די דריי גרויסע בענדער אונטער דעם נאָמען „קאַפּיטאַל“. דאָס בוך „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“ איז אַרויס פון דרוק אין דעם יאָר 1859, עלף יאָר נאָך דער פאַרעפנטלאַכונג פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“.

אין זיין פאָררעדע צו דעם בוך שרייבט מאַרקס: „מיינע אונטערזוכונגען נאָך אין 1844 האָבן מיך איבערצייגט, אַז עס איז אוממעגלאַך צו דערקלערן די פאַרשידענע רעגירונג־פאָרמען, די פאַרשידענע געזעלשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס, ווי אויך די געזעצן פון פאַרשידענע עפּאָכן, דורך וועלכע עס איז אידייען אָדער פּרינציפּן, וואָס ליגן אין די רעגירונגען, אין די אינסטיטוציעס און אין די געזעצן גופא; אויך קענען ניט דערקלערט ווערן די פאַרשידענע רעגירונגס־פאָרמען דורך דער אַזוי־גערופענער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלאַכן געדאַנק אָדער שכל. דערקלערן קען מען זיי בלויז דעמאָלט, ווען מיר זוכן די ענגע פאַרבינדונג צווישן זיי און די מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען פון די מענטשלאַכע געזעלשאַפטן. אָט אויף דעם באָדן פון דער פיזישער עקזיסטענץ פון דעם מענטשן, אויף דעם באָדן פון די מאַ־

טעריעלע לעבנס־באַדינגונגען פון די פאַרשידענע עפּאָכן, וואַקסן אויס אין דער מענטשלאַכער געשיכטע די פאַרשידענע פּאָליטישע פּאָרמען פון רעגירונגען, די געזעלשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס און די געזעצן".

אין דער זעלבער פּאָררעדע שרייבט מאַרקס ווייטער: „אין יעדער געזעלשאַפט מוז דער מענטש, כדי צו באַקומען די נויטיקע לעבנסמיטלען, כדי אויפצוהאַלטן זיין פיזישע עקזיסטענץ, אומאָפּהענגיק פון זיין ווילן, אריינטרעטן אין געוויסע באַשטימטע פאַרהעלטענישן מיט די אַנדערע מענטשן פון דער געזעלשאַפט, אין געוויסע עקאָנאָמישע אָדער אינדוסטריעלע פאַרהעלטענישן, וואָס זענען פאַרשידנאַרטיק, ווי פאַרשידנאַרטיק עס זענען די שטופן, וואָס די געזעלשאַפט האָט דורכגעמאַכט אין איר לעבן, אין דער אַנטוויקלונג פון אירע פּראָדוציר־כחות. די דאָזיקע עקאָנאָמישע אָדער אינדוסטריעלע פאַרהעלטענישן פון אַלע מענטשן צוזאַמענגענומען", זאָגט ווייטער מאַרקס, „פאָרמירן דעם עקאָנאָמישן געבוי פון דער געזעלשאַפט, דעם אמת'ן פונדאַמענט, וואָס אויף אים ווערן אויפגעבויט די פּאָליטישע און געזעצלאַכע, אָדער אידעאָלאָגישע פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן; מיט אַנדערע ווערטער באַדייט עס, אַז די אַרט און ווייזע פון פּראָדוצירן די מאַטעריעלע לעבנסמיטלען באַשטימט אין אַלגעמיין די געזעלשאַפטלאַכע, פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע לעבנס־פּראָצעסן; דאָס הייסט, אַז ניט דעם מענטשנ'ס באַוואוסטזיניקע פּראָצעסן באַשטימען זיין לעבן, נאָר גראַדע, פאַרקערט, די עקאָנאָמישע פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן באַשטימען דעם מענטשנס באַוואוסטזיניקע פּראָצעסן. מיט אַ באַדייטנדיקער איבערקערעניש אין דעם געזעלשאַפטלאַכן פונדאַמענט פון דעם עקאָנאָמישן לעבן קומען אימער פאָר, אַמאָל פריער און אַמאָל שפּעטער, רעוואָלוציעס אין די אידעאָלאָגישע פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן".

ווי מיר זעען, מוזן לויט דער מאַרקסיסטישער לערע די געזעלשאַפטלאַכע קלאַסן זיין עקאָנאָמישע קלאַסן, מענטשלאַכע

גרופן, וואס באשעפטיקן זיך דירעקט מיט די געזעלשאפטלאכע פראצעסן פון פראדוצירן און צושטעלן די נויטיקע לעבנס־מיט־לען. לערער, רעגירונגס־באאמטע, דאקטוירים, סאלדאטן אין דער ארמיי, פאליציי קען מען אין דעם מארקסיסטישן זין ניט אנרופן מיט דעם נאמען קלאס, ווייל זיי נעמען ניט קיין די־רעקטן אנטייל אין דעם עקאנאמישן פראצעס פון פראדוצירן און פאנאנדערטיילן די נויטיקע לעבנס־פראדוקטן. אין דער זעל־בער פאררעדע צו דעם בוך „צו דער קריטיק פון דער פאליטי־שער עקאנאמיע" זענען דא עטלאכע צייל̈ן, וואו מארקס זאגט: „די גרויסע פראגרעסיווע עפאכן אין דער געשיכטע פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג פון די מענטשלאכע געזעלשאפטן זע־נען די פאלגנדיקע: (1) די אזיאטישע, (2) דאס אלטערטום פון גריכנלאנד און רוים, (3) די פעאדאלע, און (4) די מאדערנע קאפיטאליסטישע פראדוציר־מעטאדע."

עס איז פריער באוויזן געווארן פון די גריכישע היסטאָרי־קער וועגן מצרים, אז די שטאט־מאכט אין מצרים, ווי אויך אין די אנדערע גרויסע אזיאטישע מלוכות, איז געלעגן אין די הענט פון די פריסטער, אז די פריסטער זענען געווען דער הערשנדיקער קלאס אין די אזיאטישע מלוכות אין דעם פולן מארקסיסטישן זין, דאס הייסט, זיי, די פריסטער, האבן אויך געמוזט זיין די הערשער פון דעם עקאנאמישן לעבן פון די דאזיקע שטאטן. ווי אזוי אבער האבן די פריסטער געקענט זיין די הערשער אין דעם עקאנאמישן לעבן? אורטיילנדיק לויט דער ראלע, וואס די רעליגיע, די קירכע און אירע גלחים שפילן אין אונזערע היינטיקע שטאטן, קענען מיר ניט באגרייפן, ווי אזוי א פריסטער־קלאס קען זיין דער הערשנדיקער אין די עקאנאמישע פראצעסן פון פראדוצירן און פאנאנדערטיילן די נויטיקע לעבנס־מיטלען. די גאנצע געשיכטע פון דער אייראָ־פעאישער ציוויליזאציע קען אונז ניט געבן קיין ברעקל אנונג וועגן אזא ראל פון די פריסטער.

אין דעם ערשטן פעריאד פון דער אייראפעאישער ציווילי־

זאציע, אין דעם אַלטערטום פון גריכנלאַנד און רוים, האָבן די פריסטער ניט געשפּילט וועלכע עס איז פּאָליטישע ראָל. נאָך דעם פאַלן פון רוים, אין דער פעאָדאַלער פּעריאָדע, האָט די קריסטלאַכע קירכע געשפּילט אַ גרויסע ראָל דורך איר מאַכט איבער די פינסטערע קריסטלאַכע מאַסן; די קאַטוילישע קירכע בראש מיט דעם רוימישן פּאַפּסט, האָט אין דעם פעאָדאַלן פּעריאָד דערגרייכט די גרעסטע מאַכט, וואָס די קירכע האָט געהאַט אין דער גאַנצער צייט פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, נאָר אפילו דאַמאָלט איז די קירכע ווייט ניט געוועזן דער הערשנדי־קער קלאַס, וואָס האָט די גאַנצע שטאַט־מאַכט אין אירע הענט. דער הערשנדיקער קלאַס איז אין דעם פעאָדאַלן פּעריאָד געוועזן אַזוי, ווי אין דעם אַלטן גריכנלאַנד און אין רוים, דער קלאַס פון די רייכערע לאַנד־מאַגנאַטן; פילע פאַרשטייער פון דער קריסטלאַכער קירכע זענען אַליין געוועזן גרויסע לאַנד־מאַגנאַטן און אַלס אַזעלכע האָבן זיי געהערט דירעקט צו דעם הערשנדיקן קלאַס פון די פעאָדאַלן; די קירכע אַלס גאַנצע האָט בלויז טריי געדינט דעם הערשנדיקן קלאַס פון די פעאָדאַלן אַלס איי־נע פון די וויכטיקסטע וואָפן צו האַלטן די פאַרשקלאַפטע מאַסן אין צאַם; דער צלם איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַזאַ וויכטיקע וואָפע, ווי דער שווערד, פיליכט נאָך אַ וויכטיקערער וואָפן.

אַזוי ווי די קירכע האָט קיינמאָל אין אייראָפּע ניט גע־נומען וועלכן עס איז דירעקטן אַנטייל אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער געזעלשאַפט, אין דער פּראָדוקטיווער עקאָנאָמי־שער לעבנס־טעטיקייט פון לאַנד, קאָנען מיר, לויט דער מאַרק־סיסטישער טערמינאָלאָגיע, דעם גאַנצן פּריסטערטום אפילו ניט אָנרופן מיט דעם נאָמען קלאַס, שוין אָפּגערעדט, דערפון צו באַטראַכטן אים ווי אַ הערשנדיקן קלאַס. אויב מיר מוזן, נאָך אַלע געשיכטלאַכע באַווייזן, דאָך אָנערקענען דאָס פּריסטער־טום פון עגיפּטן אַלס הערשנדיקן קלאַס, הייסט דאָס, אַז דער כאַראַקטער פון דעם עגיפּטישן פּריסטערטום אַזוי ווי דער כאַ־ראַקטער פון די פּריסטער אין אַלע אור־אַלטע אַזיאַטישע ציר־

וויליזאַציעס, איז אין גאַנצן פאַרשיידן פון די גלחים, פון דער קירכע אין אונזער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.

ווי פאַרשיידנאַרטיק עס איז דער כאַראַקטער פון די הערשנ־דע קלאַסן אין די דריי גרויסע עפּאָכן פון דער געשיכטע פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע—אין דער עפּאָכע פון איר אַלטערטום אין גריכנלאַנד און רוים, אין דער פעאָדאַלער עפּאָ־כע און אין דער היינטיקער עפּאָכע פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם—איז אָבער דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון די דאָ־זיקע הערשנדיקע קלאַסן אין די אַלע דריי עפּאָכן פון דער גאַנ־צער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, פון אָנהויב אָן ביז היינט, איינס און דער זעלבער; אַ מינאָריטעט פון די אַלע אַלטע גע־זעלשאַפטן, אַזוי ווי פון די איצטיקע עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפ־טען פון אייראָפּע, ווערט דער הערשנדיקער קלאַס דורך דעם, וואָס ער פאַרכאַפּט פאַר זיינע מיטגלידער די ערד מיט אירע אוצרות, די נאַטירלאַכע מיטלען, וואָס זענען נויטיק פאַר דעם מענטשנס לעבן. די מיטגלידער פון דעם קלאַס ווערן דורך דעם די הערשער פון דער געזעלשאַפט און די מאַסע פון דער איבעריקער באַפעלקערונג ווערט דאָס באַהערשטע פאָלק; די מאַסן אין פאַרשיידענע גראַדן שטייען אין דינסט צו דער דאָ־זיקער מינאָריטעט.

אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער אייראָפּעאישער צי־וויליזאַציע טראָגט די דאָזיקע מינאָריטעט פאַרשיידענע נעמען. „יופּאַטרידן"—אין גריכענלאַנד (יו אין גריכיש באַדייט די גוטע, די בעסטע), יופּאַטרידן, הייסט דאָס, די בעסטע משפחות, די יחסנים אָדער אַריסטאָקראַטן; אַריסטאָס אין גריכיש הייסט דאָס זעלביקע — דער בעסטער, יירסטאָקראַטיע, הייסט דאָס, די הערשונג פון די בעסטע פאַמיליען. אין רוים הייסן זיי פּאַטריציער, די דערוויילטע פון זיי שטעלן צוזאַמען די רע־גירנדיקע קערפּערשאַפט פון רוים, דעם סענאַט. דאָס וואָרט סענאַט, אָדער די רעגירנדע קערפּערשאַפט פון סענאַטאָרן שטאַמט פון דעם לאַטייניש שורש, סענעקס — דער אַלטער, סענאַ־

טאר — איינער פון די אלטע פאמיליען, וואס האבן פארכאפט אלס זייערע אייגנטום די ערד. פון דעם זעלבן שורש „סטאר"— אלט, שטאמען אין די סלאווישע געמיינדן די נעמען סטאראסטא, סטארשינא. די סלאווישע טיטלען פאר די מיטגלידער פון די הערשאפטן, ווי גאסודאר, סודאר זענען גאנץ ענלאך אין קלאנג צו די טיטלען פון סער אין ענגליש, סיניאר אין איטאליעניש, שר אין העברעאיש, האר אין דייטש, אלע באדייטן „מיין הער", ווי אין דער פראנצויזישער שפראך „מאסיע", „מאן" — מיין און „סיע" אדער „סער". אזוי אויך דער טיטל „בלאגאראדני" דער וואויל־געבארענער, די אדל־לייט, די נאביליטי, אדער דער רוסישער טיטל „באיארין" פון דעם שורש באלשאי, די בעסערע, די גרעסערע, די הערשנדע משפחות. דאס איז דער עקאנאמי־שער פונדאמענט פון דעם געזעלשאפטלאכן לעבן פון דער גאנצער אייראפעאישער ציוויליזאציע; די אלטע אריסטאקראטישע פא־מיליען, וואס האבן פארכאפט די ערד מיט אירע אוצרות אלס זייער פריוואט אייגנטום, וואס גייט איבער בירושה צו זייערע קינ־דער און קינדס־קינדער, שטעלן מיט זיך פאר דעם הערשנדיקן קלאס פון די אלע גרעסערע און קלענערע שטאטן פון אייראפע ביז דעם אויפקום פון דעם קלאס קאפיטאליסטן אדער געלט־מאגנאטן.

.12

דער עקאָנאָמישער כאַראַקטער פון די הערשנדיקע קלאַסן אין דער גאַנצער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

דער איצטיקער הערשנדיקער קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן, וואָס איז אַזוי שנעל אויסגעוואַקסן אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָר אין די אייראָפּעאישע שטאַטן, האָט דעם עקאָנאָמישן באָדן פון פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד און אירע נאַטירלאַכע אוצרות ניט אָפּגעשאַפט, פאַרקערט, ער האָט אָט דעם זעלביקן עקאָנאָמישן פונדאַמענט פון דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן געמאַכט פיל ברייטער. ער האָט איינגעאָרדנט דעם גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן ניט בלויז אויף דעם פונדאַמענט פון פּריוואַט־אייגנטום אין לאַנד, נאָר אויך אויף דעם פּריוואַט־אייגנטום פון אַלע פּראָדוציר־מיטלען: פּריוואַט־אייגנטום פון די פאַבריקן, פון די מאַשינען, פון די אייזנבאַנען, פון די טעלעגראַפן, פון די שיפן און פון די באַנקן. דער קאַפּיטאַליסטן קלאַס האָט בלויז אַרויסגעריסן די שטאַט־מאַכט פון די הענט פון די לאַנד־מאַגנאַטן, ער האָט אָבער אַריינגענומען צו זיך די לאַנד־באַזיצער אַלס שטילע שותפים.

אין די גרויסע פונדאַמענטאַלע אינדוסטריען, ווי שטאָל, אייזן, קופּער, זילבער, גאָלד, קוילן, געזאָלין, צוקער, אייזנבאַנען, זענען די געלט־מאַגנאַטן ניט בלויז די אייגנטימער פון דער מאַשינעריי, נאָר אויך די אייגנטימער פון שטרעקן לאַנד, אין וועלכע עס געפינען זיך אייזן, קופּער, קוילן; אייגנטימער פון די צור־

קער־פלאנטאציעס זענען צו דער זעלבער צייט אויך אייגנטימער פון גרויסע שטרעקן לאנד. דאס זעלביקע איז מיט די אייזנ־באנען; די אייגנטימער פון די אייזנבאנען זענען צו דער זעל־בער צייט אייגנטימער פון די שטרעקן לאנד, איבער וועלכע עס ציען זיך די אייזנבאנען. ..

די טויזנטער קלענערע אדער גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמער, וואס זענען ניט די אייגנטימער פון דעם שטיקל ערד, אמאל אויך ניט די אייגנטימער פון די געביידעס, אין וועלכע די אונטערנעמער פירן זייערע געשעפטן, צאלן א באַ־שטימטן טייל פון די פראפיטן פון זייערע אונטערנעמונגען צו די געזעצלאכע אייגנטימער פון די דאזיקע שטיקלאך ערד און געביידעס; אזוי ווערן די דאזיקע פאפירענע אייגנטימער פון די שטיקלאך ערד געמאכט פאר די שותפים פון די אינדוסטריע־לע אונטערנעמער; פון דער אנדער זייט ווערט גרויס־קאפיטאל אין די הויך אנטוויקלטע קאפיטאליסטישע לענדער, דורך דער סיסטעם פון באנק־קרעדיטן, א שותף פון די ערד און הייזער אייגנטימער.

אט לאמיר נעמען, צום ביישפיל, די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, וואס אירע קאלאניעס האבן עס געגעבן דעם הויפט־שטויס צו דער אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליכטישער פראדוציר־סיסטעם פון אייראפע. די געשיכטע פון די דאזיקע פאראייניקטע שטאטן ווייסט ניט פון קיינע אנדערע געזעלשאפט־לאכע פארמען פון דעם סאציאלן צוזאמענלעבן, פון קיינע אנ־דערע עקאנאמישע געזעלשאפטלאכע יסודות, אויסער די פאר־מען און יסודות פון דער קאפיטאליסטישער פראדוציר־סיסטעם. אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע געפינען מיר פון אנהויב פון איר געשיכטלאכער עקזיסטענץ ביז איצטער א ענג פארבונדענע צוזאמענשמעלצונג פון לאנד־אייגנטימער און געלט־מאגנאטן.

אין דער ערשטער פעריאדע פון זייער עקזיסטענץ זענען די שטאטן געווען ניט מער ווי קאלאניעס פון די אייראפעאישע

פעאָדאַלע רעגירונגען, אַם מייסטן פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, און נאַטירלאַכערווייזע זענען זיי געווען אונטערוואַרפן צו דעם הערשנדיקן קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן, פון די פעאָדאַלן אין איי־ראָפּע. די ערשטע זאָגענאַנטע „רעוואָלוציע" פון די קאָלאָניעס קעגן ענגלאַנד איז ניט געווען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע פון אַ נייעם, שטאַרק אויסגעוואַקסענעם עקאָנאָמישן קלאַס פון געלט־מאַגנאַטן, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן זייער אייגענעם הערשנדיקן קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן, כדי אַרויסרייסן פון אים די הערשנדע שטאַט־מאַכט, דאָס איז געווען אַ קאַמף פון די ענגלישע קאָלאָניעס צו ווערן זעלבסטשטענדיקע שטאַטן אומאָפּ־הענגיק פון ענגלאַנד.

אין דער קאָלאָניאַלער פעריאָדע וואַקסט שנעל אין אייראָפּע דער נייער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס און ער פילט זיך מעכטיק גענוג אין פראַנקרייך אַרויסצורייסן די רעגירונג־הערשאַפט פון די הענט פון זייערע לאַנד־מאַגנאַטן. די גרויסע פראַנצויזישע בורזשואַזע רעוואָלוציע קעגן די הערשנדיקע פעאָדאַלן ברעכט אויס אין 1789, ניט מער ווי דרייצן יאָר נאָך דעם, ווי די ענגלישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע זענען געוואָרן אַ זעלבסט־שטענדיקע מלוכה פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע. אין דער פּרינציפּן־דערקלערונג פון דער קאָנסטיטוציע פאַר־פאַסט פון דזשעפערסאָן, זעט זיך קלאָר אַרויס דער שטאַרקער איינפלוס פון די אידעאָלאָגן, פון די וואָרטס־פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע אין פראַנקרייך. אין דער וויי־טערדיקער אַנטוויקלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע־ריקע וואַקסט אַלץ שטאַרקער דער קאָנפליקט צווישן די נאָרדלאַ־כע שטאַטן, אין וועלכע עס ווערט אַלץ מעכטיקער דער קלאַס פון די מאָדערנע אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן און די זידלאַכע שטאַטן מיט זייערע לאַנד־מאַגנאַטן, צווישן דעם קלאַס פון געלט־מאַגנאַטן אין די נאָרדלאַכע שטאַטן, וואָס נויטיקט זיך אין „פרייע" פּראָלעטאַריער, און די לאַנד־מאַגנאַטן פון די זידלאַכע שטאַטן, וואָס האָבן זיך מער גענויטיקט

אין שקלאפן, ביז עס ברעכט אויס א מלחמה צווישן די נאָרדלאכע שטאַטן און די זידלאכע שטאַטן; די מלחמה ווערט געפירט כלומרשט אונטער דעם לאָזונג פון באפרייען די נעגער־שקלאפן פון די זידלאכע שטאַטן, אין דער אמתן איז די מלחמה אויסגעבראָכן דערפאר, וואָס א רעגירונג קען ניט דינען צו דער זעלבער צייט די אינטערעסן פון צוויי אָדער מער קלאַסען, וואָס זייערע אינטערעסן פאָדערן אין פילע הינזיכטן קעגנגעזעצטע פאָליסיס. נאָך דעם זיג פון די נאָרדלאכע שטאַטן איבער די זידלאכע שטאַטן ווערט דער קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן א רעגירונג אויסשליסלאך פון דעם הערשנדן קלאַס פון די געלט־מאַגנאַטן.

און די פאראייניקטע שטאַטן זענען געוואָרן נאָך דער שרעקלאכער וועלט־מלחמה צווישן די אויסגעוואקסענע קאפיטאליסטישע מלוכות פון אייראָפּע, דער מעכטיקסטער קאפיטאַליסטישער שטאַט פון אונזער וועלט. דער הערשנדיקער קלאַס איז טאַקע געוואָרן אויסשליסלאך דער קלאַס פון די גרויסע געלט־מאַגנאַטן, אָבער די שותפות פון די געלט־מאַגנאַטן מיט די לאַנד־אייגנטימער איז געבליבן. דאָ גיבן די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטן א טייל פון זייערע פראָפיטן צו די אייגנטימער פון לאַנד און הייזער, דאָ גיבן כמעט אַלע אייגנטימער פון לאַנד און הייזער אין די שטעט א טייל פון זייער רענט צו די אייגנטימער פון קאפיטאַל, ווייל זייער אייגנטום איז כמעט אין אַלע שטעט פאַרמאָרטגעדזשט צו גרויס־קאפיטאַל דורך די בענק און טראַסט־קאָמפּאַניעס. אינ׳ם שטאַט ניו יאָרק, וועלכער גיט אויס אויף בויען נאָענט פון א ביליאָן דאָלאַר, געפינען מיר, אז אין דער בּאָראָ מאַנהעטן פון דער שטאָט ניו יאָרק איז פאראיאָרן אין דעם יאָר 1927 אויסגעבויט געוואָרן ניט מער ווי פינף פריוואַטע הייזער, ניט פאַרמאָרטגעדזשטע צו די באַנקען. אזוי ווי כמעט אַלע פאַרמס זענען אויך אויף דעם זעלביקן אופן פאַרמאָרטגעדזשט צו גרויס־קאפיטאַל, מוזן די מיליאָנען אייגנטימער פון די גרעסערע און קלענערע פאַרמס אוועקגעבן א באַדייטנדן טייל

פון זייערע פארם־פראדוקטן צו די אייגנטימער פון קאפיטאל.

דער קורצער איבערבליק וועגן דעם כאראקטער פון אלע הערשנדיקע קלאסן אין די דריי גרויסע עפאכן פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע האט אונז באוויזן, אז דער עקאנאמישער באדן פון די דאזיקע אלע הערשנדיקע קלאסן, אפגעזען פון די פארשיידנארטיקע שאטירונגען אין אויסערלאכע פארמען, טראגט איין און דעם זעלביקן כאראקטער. די דאזיקע הערשנדיקע קלאסן אין אלע דריי עפאכן שטעלן פאר די אומבאדייטנדע מינדערהייט פון דער געזעלשאפט, וואס פארכאפט אלס זייער פ ר י ו ו א ט־א י י ג נ ט ו ם די נאטירלאכע און די געזעלשאפטלאך אויסגעארבעטע פראדוציר־מיטלען. אויף דעם גרונט פון אט דעם פונדאמענטאלן עקאנאמישן כאראקטער פון אלע הערשנדיקע קלאסן אין דער אייראפעאישער ציוויליזאציע הערשט דער באגריף ניט בלויז צווישן די סאציאליסטן, נאר אפילו צווישן די היסטאריקער, וואס באקעמפן די מארקסיסטישע אויפפאסונג פון דער געשיכטע און פון די געשיכטלאכע באוועגונגען, אז דער איבערגאנג פון פרימיטיווע קאמונעס צו די ציוויליזירטע געזעלשאפטן באשטייט אין דעם איבערגאנג פון די קאמונאלע פארמען פון אייגנטום צו די פארמען פון פריוואט־אייגנטום אויף ערד און אויף אנדערע מיטלען פון דער געזעלשאפטלאכער פראדוקטיווער ארבעט. פון דעם שטאמט דאס, וואס אין דער סאציאליסטישער געדאנקען־וועלט איז די אידייע פון געזעלשאפטלאכע קלאסן צוזאמענגעוואקסן מיט דער אידייע פון פריוואט־אייגנטום אויף די פראדוציר־מיטלען, און ווען דער סאציאליסט דענקט פון דעם אפשאפן די געזעלשאפטלאכע קלאסן הייסט דאס אפשאפן דאס רעכט פון פריוואט־אייגנטום אויף די פראדוציר־מיטלען.

די אנטדעקונג פון מארקסן וועגן דער גרויסער ראלע, וואס די עקאנאמישע קלאסן און זייערע קאנפליקטן שפילן אין דער געשיכטע פון „ציוויליזאציע" האט געהאלפן דייטלאך צו דערקלערן דורך דעם כאראקטער פון די געזעלשאפטלאכע קלאסן

אלע געשיכטלאכע פאסירונגען און באוועגונגען, ווי אויך די פארשיידנארטיקע פארמען פון די קולטורעלע דערגרייכונגען פון די לעצטע דריי עפאכן פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע: די עפאכע פון אלטערטום, מיטל-אלטער און מאדערנער קאפיטאליסטישער עפאכע.

וואס אנבאלאנגט אבער דער ערשטער עפאכע פון דער אזיאטישער ציוויליזאציע, דער עפאכע, וואס האט געדויערט פיל מער, ווי די אלע דריי עפאכן פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע, איז פאר איר כמעט גאר ניט געטאן געווארן אין אונזער גאנצער סאציאליסטישער ליטעראטור.

ניט מארקס אליין, און ניט זיינע סאציאליסטישע נאכפאלגער האבן ניט געמאכט קיינע פארזוכן צו דערקלערן דעם פונדאמענטאלן כאראקטער פון די עקאנאמישע קלאסן פון דער ערשטער עפאכע און דעם געשיכטלאכן גאנג פון דער דאזיקער לאנגער עפאכע. עס איז ניט געמאכט געווארן קיין פארזוך אנצוצייגן די גרויסע עקאנאמישע ענדערונגען, וואס האבן געמוזט פארקומען אין א משך פון אזא לאנגער צייט, ענדערונגען, וואס האבן ארויסגעבראכט די גרויסע רעוואלוציאנערע איבערקערעניש אין די אזיאטישע געזעלשאפטן, דעם איבערגאנג פון זייער קאמוניסטישער ארדענונג צו שטאט-רעגירונגען מיט די פריסטער אלס דער הערשנדיקער קלאס.

עס איז אייגנטלאך געווען א זאך דער אוממעגלאכקייט צו מאכן אזעלכע פארזוכן. אין דעם יאר 1848, ווען מארקס און ענגעלס האבן פארעפנטלאכט דעם „קאמוניסטישן מאניפעסט“, איז נאך ניט אויסגעפונען געווארן דער שליסל פון די היעראגליפישע שריפטן פון די אלטע אזיאטישע ציוויליזאציעס און די פארבליבענע געשיכטלאכע דאקומענטן זענען געווען ניט מער ווי שטומע עדות וועגן דעם צוויי טויזנט יאריקן טויט פון די גרעסטע אזיאטישע מלוכות, ווי מצרים, אשור און בבל.

אויך איז אין יענער צייט כמעט ווי גאר ניט געווען וועלכע עס איז באדייטנדע וויסנשאפטלאכע ארבעטן וועגן דעם

סאָציאַלן געבוי פון דעם פּרימיטיוון געזעלשאַפטלאַכן לעבן.

אין די לעצטע פופציק יאָר איז די קולטור־וועלט פון די אַלטע גרויסע אַזיאַטישע ציוויליזאַציעס אַנטדעקט געוואָרן און אַרוסגענומען געוואָרן פון די אַלטע קברים. דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דער וואונדערלאַכער אַרבעט פון שאַמפּאָליאָן און פילע אַנדערע נאָך אים, וואָס האָט אונז געגעבן דעם שליסל צו די היעראָגליפישע שריפטן פון מצרים און כמעט אַלע היעראָגליפישע געשיכטלאַכע דאָקומענטן זענען שוין איבערגעלעזן און איבערגע־זעצט געוואָרן אויף אונזערע אייראָפּעאישע שפּראַכן. דאָס זעלביקע איז געטאָן געוואָרן מיט די שריפטן פון אשור און בבל אַ דאַנק די אַרבעטן פון בורגוף, ראָלינסאָן און אַנדערע נאָך זיי. אין דעם יאָר 1858 איז אינדיע מיט איר באַפעלקערונג פון דריי הונדערט מיליאָן מענטשן געוואָרן די קרוין פון די ענגלישע קאָלאָניעס, און די אייראָפּעאישע געלערטע האָבן גע־קראָגן אַ נאָענטן, לייכטערן צוטריט צו דער קולטור־וועלט פון די אַלטע הינדוסן מיט זייער רייכער אַלטער ליטעראַטור, גע־שריבן אין זייער אַלטער סאַנסקריטישער שפּראַך. די שפּראַך־פאָרשונג פון די דאָזיקע אור־אַלטע ציוויליזאַציעס האָט פעסט־געשטעלט די ענלאַכקייט אין די אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן און אין דער קולטור פון די אַזוי גערופענע אַריער פעלקער: די אינדן, גריכן, די רוימער, די קעלטן, גערמאַנען און סלאַוון, דאָס הייסט, די מערסטע פעלקער פון אונזער אייראָפּעאישער ציוווי־ליזאַציע.

ווען מיר זוכן צו געפינען דעם עקאָנאָמישן כאַראַקטער פון דעם פּריסטער־קלאַס אין די מלוכות פון מאַרקס'עס ערשטער עפּאָכע, אין דער עפּאָכע פון דער אַזיאַטישער ציוויליזאַציע, קע־נען מיר שוין היינט געפינען גענוג מאַטעריאַל אין די איבער־געזעצטע געשיכטלאַכע דאָקומענטן פון מצרים, אשור און בבל, ווי אויך אין די פילע ווערק וועגן לעבן פון די מערער פּרימיטיווע פעלקער, וואָס עקזיסטירן איצט אין אַפריקע, אין אויסטראַליע, אויף די פילע אינזלען פון דעם שטילן אָקעאַן, אין פאַרוואָרפענע

ווינקלען אין סיביר, אין נאָרד־רוסלאַנד און אַנדערע פּלעצער. די פאַרשפּרייטונג פון דער מאַכט פון די אייראָפּעאישע שטאַטן איבער די קאָלאָניעס פון דער גאַנצער וועלט האָט אונז גע־געבן, דורך די מיסיאָנערן, דורך די פילע רייזנדיקע געלערנטע עטנאָלאָגן און סאָציאָלאָגן, דורך די אייראָפּייער, וואָס האָבן זיך באַזעצט צווישן די דאָזיקע העכסט פּרימיטיווע פעלקער, אַ מאַסע שטרענג וויסנשאַפטלאַכע אַרבעטן וועגן דעם פּרימיטיוון סאָציאַלן צוזאַמענלעבן און אויך טיכטיקע פאָרשונגען וועגן די ערשטע פאָרמען פון רעליגיע צווישן די דאָזיקע פעלקער, וועל־כע געפינען זיך אויף דער סאַמע נידעריקסטער שטופע פון אַנט־וויקלונג, פיל נידעריקער ווי די שטופן פון די אינדיאַנער, וואָס די אייראָפּייער האָבן געפונען אין אַמעריקע.

דער מאַטעריאַל וועט אונז איבערצייגן, אַז דער עקאָנאָ־מישער פונדאַמענט פון די ערשטע קלאַסן־געזעלשאַפטן אין דער מענטשלאַכער געשיכטע איז ניט געווען דאָס פּריוואַט־איי־גענטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען. אין די פּרימיטיווע קאָמונעס, וואו עס האָט נאָך פולשטענדיק געהערשט געמיינשאַפטלאַכע ווירטשאַפט, וואו די ערד מיט אַלע אירע נאַטירלאַכע אוצרות איז דורכאויס געווען דאָס געמיינשאַפטלאַכע אייגנטום פון די משפחות, פון די שבטים אָדער פון דעם פאַרבאַנד פון שבטים, געפינען מיר אומעטום די מענטשלאַכע גרופן, וואָס זענען שפּע־טער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם הערשנדיקן פּריסטער־קלאַס פון די הויך־אַנטוויקלטע אַזיאַטישע מלוכות.

עס ווערט דערציילט וועגן אַ געוויסן פילאָזאָף פון אַלטער־טום, אַז ווען זיין הויז האָט געברענט, איז ער געשטאַנען גאַנץ רואיק און קאַלטבלוטיק צוגעזען, ווי זיין הויז און זיין גאַנצער פאַרמעגן ווערט פאַרניכטעט פון פייער, און ווען מען האָט אים געפרעגט, ווי קען ער דאָס פאַרבלייבן אַזוי רואיק, האָט ער געענטפערט: „מיין גאַנצן פאַרמעגן טראָג איך מיט מיר“. מיר וועלן געפינען, אַז דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון דעם פּריס־

טער־קלאַס געהערט צו דעם מין אייגנטום פון דעם דאָזיקן פי־לאָזאָף.

נאָך דעם ווי מיר וועלן געפינען דעם עקאָנאָמישן פונדאַ־מענט פון דעם פריסטער־קלאַס אין די אזיאַטישע ציוויליזירטע מלוכות, וועלען מיר קריגן אַ קלאָרן בילד פון דעם געשיכטלאַכן אנטוויקלונגס־גאַנג פון אַלע הערשנדיקע קלאַסן אין די פיר עפּאָכן, דאָס הייסט אין דער גאַנצער געשיכטע פון קלאַסן־גע־זעלשאַפטן ביז דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. דורך דעם וועט אונז לייכט זיין צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַ־גע, וואָס מארקס האָט אָוועקגעשטעלט אין דעם לעצטן ניט גע־ענדיקטן קאַפּיטל פון דעם דריטן באַנד פון זיין „קאַפּיטאַל“: **וואָס איז אַ קלאַס?**

.18

פון וואַנען האָט זיך גענומען רעליגיע? — מאַקס מיללער'ס טעאָריע, אַז רעליגיע הויבט זיך אָן אין אַלע מענטשלאַכע געזעלשאַפטן מיט דער פאַרגעטערונג פון נאַטור־קראַפטן.

איידער מיר וועלן צוטרעטן צו דער אונטערזוכונג פון דעם געבורט פון דעם פריסטער קלאַס, וועלן מיר זיך אין קורצן אָפּ־שטעלן אויף די צוויי מער באַוואוסטע טעאָריעס וועגן דעם אור־שפּרונג פון רעליגיע.

די ערשטע טעאָריע, שטיצנדיק זיך אויף די רעליגיעזע לידער און תפילות פון דעם עלטסטן סאַנסקריטישן בוך „ריגוועדא“, איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער אָנפאַנג פון רעליגיע אין אַלע מענטש־לאַכע געזעלשאַפטן הויבט זיך אָן אומעטום מיט דער פאַרגעטערונג פון די נאַטור־קרעפטן: דעם דונער און בליץ, די זון, די שטערן, די שטורמען, די ערד־ציטערניש א. אז. וו. די ערשטע געטער זענען ניט אַנדערש, ווי די פאַנטאַסטישע מענטשלאַכע געשטאַלטן פון די מעכטיקע נאַטור־דערשיינונגען.

דער אָקספאָרדער פּראָפעסאָר מאַקס מילער אין ענגלאַנד איז געווען דער הויפּט־פאַרטרעטער פון דער דאָזיקער אַלגעמיין־אָנער־קענטער טעאָריע וועגן דעם אורשפּרונג פון רעליגיע אין די זעכ־ציקער יאָרן פון דעם 19טן יאָרהונדערט. מאַקס מילער איז געווען א גרויסער פילאָלאָג און אַ קענער פון דער אַלטער סאַנסקריטישער שפּראַך און פון דער אוראַלטער ליטעראַטור פון די הינדוסן.

אין אָנהויב פון דער מענטשלאַכער געשיכטע האָט מען זיך פאָרגעשטעלט דעם ווילדן באַרבאַרישן מענטשן, ווי ער האָט זיך

געפונען אין שטענדיקער ציטערניש פאַר דער גרויזאַמער מאַכט פון דער נאַטור, וואָס איז געווען אומפאַרשטענדלאַך און געהיימ־ניספול פאַר אים, ווי ער האָט געמוזט באַהערשט ווערן פון דעם געפיל פון זיין אייגענער שוואַכער נישטיקייט, הילפלאָזער אָפּ־הענדיקייט און אונטערוואָרפנקייט צו די גוואַלדיק גרויסע נאַטור־קרעפטן. דאָס האָט געפירט צו זיין פאַרגעטערונג און פאַרערונג פון די נאַטור־קרעפטן און צום פאַרזוך, דורך קניען און בעטן, דורך מתנות און קרבנות, צו באַגיטיקן זיי, כדי אָפּצואָווענדן פון זיך די דראָענדע געפאַרן פון דער מעכטיקער און גרויזאַמער נאַטור.

די דאָזיקע טעאָריע און דער אויטאָריטעט פון די סאַנסקריט־פאָרשער איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס מאַרקס און ענגעלס צו יענער צייט האָבן צוגעגעבן, אַז זייער מאַטעריאַליסטישע אויפ־פאַסונג פון דער געשיכטע, וועלכע ציינגט אונז, אַז אַלע מנטש־לאַכע אידייען וועגן רעליגיע, וועגן מאָראַל, וועגן געזעץ, אַז אַלע רעליגיעזע, פילאָזאָפישע, אינטעלעקטועלע, פּאָליטישע, עסטעטישע און מאָראַלישע אידעאָלאָגיען זענען פאַרבונדן מיט דעם עקאָנאָ־מישן געזעלשאַפטלאַכן לעבן, מיט דער אַרט און ווייזע, ווי עס איז אָרגאַניזירט דער געזעלשאַפטלאַכער פּראָצעס פון צעטיילן און פּראָדוצירן די טאָג־טעגלאַכע לעבנס־מיטלען—באַציט זיך נאָר אָף די פאַרהעלטעניסמעסיק העכערע שטופן פון דער געזעלשאַפטלאַ־כער אַנטוויקלונג, אָבער נאָר אין די ערשטע און די נידעריקסטע שטופן פון דער אַנטוויקלונג איז דער מענטש געווען מער אָפּהענ־גיק פון דער נאַטור, ווי פון זיינע געזעלשאַפטלאַכע לעבנס־באַדינגונגען.

ענגעלס, אין זיין קריטיק איבער דורינג׳ס בוך, דריקט אויס די אַנערקענונג פון דער דאָזיקער טעאָריע אין די עטלאַכע פאָלגנדיקע שורות: „אין די ערשטע שטופן פון דער געשיכטע זענען דאָס די נאַטור־קרעפטן, די גוואַלטיקע נאַטור־כחות, וואָס קריגן די רעלי־גיעזע אָפּשפּיגלונג אין די מוחות פון די מענטשן. דאָס איז באַ־וויזן געוואָרן אַמבעסטן דורך די אוראַלטע זאַגעס און שריפטן, דורך די פאַנטאַסטישע לעגענדעס אָדער מעשות, וואָס קלייבן זיך

און ארום דעם רעליגיעזן גלויבן פון די הינדוסן, גריכן, רוימער, גערמאנען און סלאוון. באלד אבער טרעטן ארויס אין די שפע־טערע צייטן אויך די געזעלשאפטלאכע עלעמענטן, די געזעלשאפט־לאכע כוחות, וואס זענען פאר די מענטשן גראדע אזוי פרעמד און אומפארשטענדלאך, און באהערשן אים מיט דער זעלביקער גע־היימניספולער מאכט ווי די נאטור־קרעפטן זעלבסט".

גאנץ שנעל האט זיך אבער ארויסגעוויזן, ווי אומריכטיק עס איז די דאזיקע טעאריע, אז יעדע רעליגיע האט זיך אנגעפאנגען מיט דער פארגעטערונג פון די שרעקלאכע נאטור־קרעפטן. אין אונזר ווייטערער אונטערזוכונג וועגן דער אנטוויקלונג פון דעם פריסטער־קלאס וועלן מיר זיך איבערצייגן, אז מארקס'עס לערע, די מאטעריאליסטישע אויפפאסונג פון דער מענטשלאכער געשיכ־טע, באציט זיך אויף אלע שטופן און אויסנאמע פון דער מענטש־לאכער געשיכטע, פון די גאר ערשטע פרימיטיווע געזעלשאפטן ביז די היינטיקע העכסט־אנטוויקלטע קלאסן־געזעלשאפטן.

וואס אנבאלאנגט די אוראלטע הינדוסן און די אנדערע אלטע אזיאטישע ציוויליזאציעס פון אשור, בבל, מצרים און פערסיע, זענען זיי זייער ווייט פון די פרימיטיווע נידעריקסטע שטופן פון דער מענטשלאכער געשיכטע. דאס זענען שוין העכסט־אנטוויקל־טע מלוכות, העכסט־אנטוויקלטע קלאסן־געזעלשאפטן, וואס זענען ארויסגעוואקסן ווייט פון די פרימיטיווע געזעלשאפטלאכע ארדנונגען.

מארגאן צעטיילט די גאנצע הונדערט־טויזנט־יאריקע גע־שיכטלאכע אנטוויקלונג פון די פרימיטיווע געזעלשאפטן אין צוויי גרויסע אפטיילונגען: די אפטיילונג פון ווילדן פרימיטיוון לעבן און די אפטיילונג פון דעם בארבארישן פרימיטיוון לעבן; אין יעדער פון די צוויי אפטיילונגען געפינט ער דריי שטופן פון אנטוויקלונג.

לויט מארגאנען, האבן מיר, הייסט עס, זעקס אלץ העכערע און העכערע שטופן פון דעם סאציאלן לעבן פון די פרימיטיווע מענטשן: די נידריקע, די מיטעלע און די הויכע שטופן פון דעם

ווילדן לעבן, און די נידריקע, די מיטעלע און די הויכע שטופן פון דעם באַרבאַרישן לעבן. די געשיכטלעכע דאָקומענטן, די איבער־געבליבענע ליטעראַטורן פון די אַזיאַטישע ציוויליזאַציעס, ווי אויך די אַלטע גריכישע היסטאָריקער, וואָס גיבן אונז וועלכע עס איז אינפאָרמאַציע וועגן די אַזיאַטישע שטאַטן, צייגן, אַז די דאָ־זיקע שטאַטן זענען שוין מיט טויזנטער יאָרן פאַר דעם אָנהויב פון דער אוראַלטער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע פון די גריכן אַריבערגעגאַנגען פון דעם פּרימיטיוון קאָמוניסטישן לעבן און אויס־געוואַקסן אין גרויסע מלוכות פון קלאַסן־געזעלשאַפטן. זייערע רעליגיעס מיט אַ מעכטיקן קלאַס פון פּריסטער קען מען בשום אופן ניט אָנרופן רעליגיעס פון די נידעריקסטע שטופן פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

אויסער דעם האָבן די גענויע פאָרשונגען פון דעם סאָציאַלן לעבן פון די פּרימיטיווע שבטים און פּרימיטיווע פעלקער, וואָס עקזיסטירן נאָך איצט אויף דעם ערד־קוגל, באַוויזן די פאַלשקייט פון דער טעאָריע פון נאַטור־פאַרגעטערונג ביי די געזעלשאַפטן, וואָס געפינען זיך אויף דער נידעריקסטער שטופע פון אַנטוויקלונג.

די איצט עקזיסטירנדיקע, לעבעדיקע, פּרימיטיווע געזעל־שאַפטן געפינען זיך אין פאַרשידענע שטופן פון דער אַנטוויקלונג פון דעם פּרימיטיוון לעבן. פילע פון זיי געפינען זיך נאָך אין דעם צושטאַנד, וואָס מאָרגאַן האָט אָנגערופן די ערשטע אָפּטיילונג פון דעם פּרימיטיוון לעבן, אין דעם צושטאַנד פון דעם ווילדן פּרימי־טיוון לעבן.

די רעזולטאַטן פון דער מאַסע אונטערזוכונגען און פאָרשונ־גען פון זייער לעבן און פון זייער גלויבן האָבן געצוואונגען אַלעמען אוועקצוואַרפן די טעאָריע פון נאַטור־קולט, אַלס דעם אור־שפּרונג פון רעליגיע, ווייל מען האָט ערגעץ ניט געפונען צווישן די גאָר נידעריקע שטופן פון די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן די פאַר־געטערונג פון מעכטיקע נאַטור־דערשיינונגען.

צווייטנס, באַטראַכטנדיק די רעליגיע פון די אוראַלטע אַזיאַ־טישע ציוויליזאַציעס, וואו די פאַרגעטערונג פון די נאַטור־קרעפטן

שפּילט טאַקע די הויפּט־ראָלע, וועלן מיר געפינען, ווי פאַלש עס איז אויך די פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג, אַז שרעק און ציטערניש פאַר די גרויזאַמע נאַטור־קרעפטן האָבן געפירט דעם הילפלאָזן מענטשן צו דער פאַרגעטערונג פון דער נאַטור.

אין די סאַמע עלטסטע שריפטן פון דעם שטאַט פון בבל, געפינען מיר, אַז די אידייע פון גאָט ווערט אויסגעדריקט מיט דעם צייכן פון אַ שטערן; און אין אייניקע פון די היעראָגלי־פישע שריפטן אין מצרים ווערן אויך געברויכט דריי שטערן, ווי אַ צייכן פון געטער. פון אַלע נאַטור־דערשיינונגען האָט זיך דער מענטש ניט געקענט שרעקן אָדער ציטערן פאַר די שטערן אין הימל. געווים געהערן ניט די שטערן צו די גרויזאַמע דער־שיינונגען פון דער נאַטור. פון אַלע פאַרגעטערטע נאַטור־קראַפ־טען פאַרנעמט די פאַרגעטערונג פון דער זון דעם ערשטן פּלאַץ אין די רעליגיעס פון די אור־אַלטע אַזיאַטישע ציוויליזאַציעס, די גרעסטע טעמפּלען אין מצרים זענען געבויט פאַר דעם גאָט — ראַ, — דעם זון גאָט. און די זון איז דאָך אויך ניט פון די גרויזאַמסטע נאַטור־דערשיינונגען.

די רעליגיעזע הימנען (פּאָעטישע רעליגיעזע לויב־געזאַנגען) פון די הינדוסן, ווי מיר געפינען זיי אין די סאַנסקריטישע „ווערדאַס“, באַזינגען ניט די פייערדיקע שטונדן, ווען די זון ברענט שרעקלאַך, נאָר אַם מייסטן באַזינגען זיי די זון־אויפגאַנג און די זון־אונטערגאַנג. אָט זענען אַ פּאָר אַזעלכע הימנען, וואָס באַזינגען פּאָעטיש די זון:

„זי שיינט אויף אונז, ווי אַ יונג־פרוי, וואָס וועקט אויף יעדן לעבעדיקן צו גיין צו זיין אַרבעט, זי האָט פאַרטריבן די פינסטערניש און באַגאָסן אַלץ מיט איר שיינענדיק ליכט“.

אַן אַנדערע הימנע זינגט וועגן דער זון:

„זי איז אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן אומע־טום; וואָס מער זי האָט זיך באַוועגט, אַלץ העלער און ליכטיקער איז זי געוואָרן, אָנגעטאָן אין אירע בליצנדיקע קליידער; עס איז אָנטציקונג אויף איר צו קוקן“.

מיר געפינען דאָ ניט קיין שפּראַך פון שרעק און ציטערניש. אין אַלגעמיין קען מען שטאַרק צווייפלען, אויב די געפילן פון שרעק און ציטערניש קענען אָנגענומען ווערן אַלס די גרונט־געפילן, וואָס פירן צו פאַרגעטערונג פון זאַכן און פּערזאָנען, וואָס רופן אַרויס בײַ דעם מענטשן אַזעלכע געפילן.

= =

.14

עדוואַרד טיילאָרס טעאָריע, אַז רעליגיע הויבט זיך אָן מיט דעם גלויבן פון דעם ווילדן מענטשן אין גייסטער, רוחות, שדים און נשמות. — טיילאָר'ס טעאָריע איז פעסט באַשטעטיקט געוואָרן פון פילע פאָרשונגען און אַרבעטן וועגן דעם לעבן פון די איצט עקזיסטירנדיקע פרימיטיווע געזעלשאַפטן.

שוין אין דעם יאָר 1871, דאָס הייסט מיט 57 יאָר צוריק, איז דערשינען אין ענגלאַנד אַ גרויס ווערק אין צוויי בענד פון עדוואַרד בורנעט טיילאָר, וואָס טרעט ארויס קעגן דער דאַמאָלסט הערשנדיקער טעאָריע, אַז די ערשטע שטופן פון דער רעליגיע־אַנטוויקלונג באַשטייען אין דער פאַרגעטערונג פון די גרויזאַמע מעכטיקע נאַטור־דערשיינונגען. און אויף דעם גרונט פון די נייע עטנאָלאָגישע פאָרשונגען, וועגן די ווירקלאַכע גלויבענס־פאָרמען פון די איצט עקזיסטירנדע פעלקער אויף דער נידריקסטער שטופע פון אַנטוויקלונג, רופט ער אָן די גאָר ערשטע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען פון דעם מענטשן מיט דעם נאָמען „אַנימיזם“ (אנימוס אין דער לאַטיינישער שפראַך, הייסט די נשמה). טיילאָרס טעאָריע פון דעם „אנימיזם“, אָדער ווי אַנדערע רופן עס אָן „דעמאָניזם“, באַשטייט אין דעם, אַז רעליגיע הויבט זיך אָן מיט דעם גלויבן פון דעם ווילדן מענטשן אין גייסטער, אין רוחות, אין שדים, און נשמות. די נאַטירלאַכע פאָרשטעלונג־קראַפט פון דעם ווילדן מענטשן, וואָס לעבט אָפּ זיין גאַנצן לעבן אין קליינע גרופּן פון זיינע מיטמענטשן—אָס מערסטן זיינען די גרופּן, וואָס פירן זייער אָפּגעזונדערטן, געמיינזאַמען לעבן, גאַנץ קליינע, ניט מער

ווי פון 60 אדער 70 מענטשן—פילט אן ניט דעם הימל, נאר די ארומיקע סביבה דא אויף דער ערד מיט גייסטער.

טיילארס טעאריע פון דעם „אנימוס" איז פיל ברייטער אויסגעארבעט געווארן פון זיינע נאכפאלגער, ווי הערבערט ספענסער און אנדריו לאנג אין ענגלאנד און נאך מער פון דעם דייטשן געלערטן ליפערט, וואס האט ארויסגעלאזט פילע גרויסע ווערק אין די 80טע יארן פון דעם 19טן יארהונדערט, שטיצנדיק זיך אויף טיילאר׳ס טעאריע פון דעם נשמה־קולט, אדער גייסטער־קולט, ווי דעם אנהויב פון אנטוויקלונג פון רעליגיע. די דאזיקע טעאריע האט פעסטגעשטעלט דעם אמת, אז ניט די געוואלדיקע נאטור־דערשיינונגען האבן אם ערשטן ארויסגערופן געפילן אין דעם ווילדן מענטשן פון זיין הילפלאזער אפהענגיקייט פון דער נאטור, אז ניט דער בליץ און דונער, ניט די ערד־ציטערנישן און די שטורמען; נאר די דערשיינונגען פון זיין אייגענעם לעבן, זיין געבוירן ווערן, הויפטזאכלאך זיין קראנק ווערן און זיין טויט, זענען דאס געווען די געהיימניספולע פאסירונגען, וואס האבן אם שטארקסטן געווירקט אויף די געפילן פון דעם פרימיטיוון מענטשן, און האבן געהאלפן צו באשאפן אין זיין פאנטאזיע די איינבילדונג וועגן די גייסטער.

צווישן דעם באגריף, וואס מיר האבן פון א גייסט, און דעם באגריף פון דעם ווילדן מענטשן וועגן די גייסטער איז א גרויסער אונטערשייד. לויט דעם באגריף פון אלע אונז באקאנטע ווילדע, פרימיטיווע מענטשן, עקזיסטירן אין דעם מענטשן צוויי פארשיידנארטיקע באשעפענישן: איין באשעפעניש איז דער מענטשלאכער קערפער, וואס איז אליין ניט פעאיק אויף קיינע באוועגונגען אדער האנדלונגען, און די צווייטע באשעפעניש—דאס לעבן, די נשמה, וואס איז א טעטיקע באשעפעניש, הגם מען קאן דאס ניט זען. די דאזיקע באשעפינש איז דאס דער גייסט, ווען דער גייסט ציט זיך אריין אין דעם קערפער, ווערט דער קערפער א לעבעדיקער מענטש, גייט דער גייסט ארויס און ציט זיך ניט א לענגערע צייט צוריק צו אים, בלייבט

דער קערפער טויט, נאָר זיין גייסט עקזיסטירט ווי פריער און באזיצט די אַלע לעבנס אָדער גייסטיקע קרעפטן און טעטיקייטן פון דעם נאָר־וואָס געשטאָרבענעם קערפער. אַלע לעבנס־דערפאַרונגען פון דעם ווילדן מענטשן באַפעסטיקן אים אין זיין גלויבן אין דער ווירקלאַכער עקזיסטענץ פון זיין אייגענעם לעבנס־גייסט, און פון די לעבנס־גייסטער פון זיינע פאַרשטאָרבענע קרובים און מיט־מענטשן. ביי דעם פרימיטיוון מענטשן זענען די חלומות ווירקלאַכע פאַסירונגען און ניט אַ שפּיל פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע, און ווען ער זעט אין חלום אַ מת, איז ער זיכער, אַז דער וואַנדערדיקער גייסט פון דעם פאַרשטאָרבענעם מענטשן האָט אים באַזוכט.

האַוויט אין זיין בוך וועגן די שבטים אין אויסטראַליע דערציילט, ווי איינער פון דעם שבט קורנאַ האָט אים אַזוי דערקלערט, ווען ער האָט מיט אים געהאַט אַ געשפּרעך וועגן זיין גלויבן אין גייסטער: „עס איז דאָך זיכער אַזוי; ווען איך שלאָף, גיי איך אַוועק אין ווייטע לענדער, איך זע זיך מיט אַנדערע מענטשן, איך זע זיך און רייד אויך מיט די מענטשן, וואָס זענען שוין לאַנג טויט".

חלומ'ט ער וועגן זיך זעלבסט, דערקלערט דאָס דער פרימיטיווער מענטש גאַנץ איינפאַך מיט דעם, וואָס זיין נשמה האָט אין דער צייט פון זיין שלאָף אַרויסגעוואַנדערט פון זיין קערפער און האָט דורכגעפירט ערגעץ אַנדערש־וואו די האַנדלונגען, ווי ער האָט דאָס געזען אין חלום.

דערפון שטאַמט אויך דער מנהג, אַז מען טאָר ניט אויפוועקן אַ טיף־שלאָפנדיקן מענטשן, ווייל פיליכט וואַנדערט אַרום זיין גייסט און ער וועט ניט האָבן גענוג צייט צוריקצוקערן זיך צו זיין קערפער. עס פאַסירט גאַנץ אָפט מיט דעם פרימיטיוון מענטשן, אַז ער פאַלט אַריין פאַר אַ קירצערער אָדער לענגערער צייט אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד, צי פון אַ גרויסן בלוט־פאַרלוסט, צי פון אַ שטאַרקן קלאַפּ אין קאָפּ, צי פון פאַרגיפטונג, צי פון הונגער; ווען ער קומט צוריק צו זיך, מיינט ער, אַז זיין נשמה האָט אים

פאַרלאָזן און איז ענדלאַך צוריקגעקומען צו אים, אַמאָל פון איר אייגענעם ווילן, אַמאָל ווייל זי איז געצוואונגען געווען צו קומען צוריק דורך די צויבער־מיטלען פון מעדיצין־מענער, אָדער צויבערער. אויב עס איז מעגלאַך פאַר דער נשמה צוריקצוקערן זיך צו איר קערפּער נאָך דעם ווי זי האָט אים פאַרלאָזן שוין עטלאַכע טעג, גלויבט דער פּרימיטיווער מענטש, אַז אין יעדן פאַל פון טויט געפינט זיך די נשמה די ערשטע צייט נאָענט צו דעם טויטן קערפּער, און דערפון שטאַמט דער אַלגעמיינער מנהג אויפצוהאַלטן דעם פאַרשטאָרבענעם אַ לאַנגע צייט איידער מען באַגראָבט אָדער מען פאַרברענט אים. דאָס הייסט, צו געבן דעם גייסט די מעגלאַכקייט צוריקצוקערן זיך צו דעם טויטן. אין פילע שבטים ווענדעט מען אָן פאַרשידענע מיטלען, ווי איינוויקלען דעם טויטן, אָדער באַשמירן אים מיט פאַרשידענע שטאָפן, כדי אויפצוהאַלטן אַ לענגערע צייט דעם קערפּער פון פוילן, כדי אַז ווען דער גייסט באַשליסט אַריינצוטרעטן צוריק אין זיין קערפּער, זאָל ער געפינען דעם קערפּער אין אַ געזונטן, ניט פאַרפוילטן צושטאַנד.

די אינפאָרמאַציעס פון די צופעליקע טוריסטן, וואָס רייזן אַרום איבער דער וועלט און שטעלן זיך אָפּ אויף אַ קורצער ווילע דאָ און דאָרט צו באַאָבאַכטן דעם לעבנס־שטייגער פון די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן, האָבן אַ גאַנץ קנאַפּן ווערט. געוויינטלאַך איז אַזאַ טוריסט אַ מיטגליד פון די העכסט־אַנטוויקלטע קלאַסן־געזעלשאַפטן פון אונזער צייט, אַ מענטש, וואָס מוז אויף אַלץ קוקן מיט די קולטור־ברילן פון זיין סביבה, אַ מענטש, וואָס אַלע זיינע מיי־בונגען, אַלע זיינע נייגונגען, מאָטיוון, געפילן, אורטיילן שפּיגלען אָפּ דעם געזעלשאַפטלאַכן אַרט לעבן, אין וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן. ער קען ניט האָבן די מינדסטע פאַרשטענדעניש וועגן דעם פאַרשידנאַרטיקן פּסיכישן לעבן, וועגן די געפילן און געדאַנקען, וואָס וואַקסן אויס אויף דעם באָדן פון דער פאַרשידנאַרטיקער סביבה פון דעם פּרימיטיוון נאַטור־מענטשן. צו אַזאַ פאַרשטענדעניש קענען נאָר קומען אַזעלכע פאָרשער, ווי מאָרגאַן, וועלכע האָבן פאַרבראַכט ניט עטלאַכע טעג, אַפילו ניט עטלאַכע מאָנאַטן,

נאָר יאָרן־לאַנג פון זייער לעבן צווישן די געמיינדעס פון די פּרי־מיטיווע געזעלשאַפטן. און אַזעלכע פאַרשער זענען טאַקע אַלע כמעט אָן אויסנאַם געקומען צו דער פאַרשטענדעניש און האָבן איינגעזען די ענגע פאַרבינדונג פון דעם סאָציאַלן לעבן מיט דער פּסיכיק פון דעם פּרימיטיוון מענטשן. איך וועל זיך באַנוגענען מיט עטלעכע ביישפּילן:

פילע באַדייטנדיקע פאָרשער ברענגען אַ מערקווירדיקן פאַקט, אַז די פּרימיטיווע מענטשן גלויבן ניט אין דעם, אַז מענטשן מוזן שטאַרבן. אין זיין בוך „די איינגעבוירנע שבטים פון צענטראַל אויסטראַליע“ שרייבט באָלדווין ספּענסער: „ווי אַלט און שוואַך אַ מאַן אָדער אַ פרוי זאָל ניט זיין, ווען זיי שטאַרבן, דערקלערט מען דעם אומגליק מיט דעם, וואָס דאָס האָט געמוזט פּאַסירן דורך דער צויבער־קראַפט פון זיין שונא; פון נאַטירלעכן טויט ווייסן זיי גאָר ניט“. דאָס זעלביקע זאָגט פרייזער אין זיין בוך „די איינגעבוירענע ווילדע שבטים פון ניי־זיד־וויילס“. קאַרל שטיין אין זיין בוך „אונטער די נאַטור־פעלקער פון צענטראַל־בראַזיליען“ דערציילט, אַז ווען ער האָט אין זיין געשפּרעך מיט זיי אויסגע־דריקט אונזער געוויינטלעכע פראַזע: „אַלע מענטשן מוזן דאָך שטאַרבן“, פלעגן זיי שטעלן זיך קעגן דעם זאַץ. איינער האָט אים אַזוי געענטפערט: „עס איז ריכטיק, אַז אַ מענטש קען אַמאָל שטאַרבן, אָבער פון מוזן שטאַרבן ווייסן זיי דאָ קיינער ניט“.

פאַר אונז, וואָס לעבן אין אַזוינע גרויסע געזעלשאַפטן, וואָס הערן אַזוי אָפט דעם געשפּרעך וועגן שטאַרבן, וואָס האָבן פון קינדווייז אויף, אויב אפילו זיי האָבן ניט געהאַט די געלעגנהייט אַלס קליינע קינדער בייצוּוואוינען אַ טויטן־פאַל פון אַ מיטגליד פון זייער אייגענער פאַמיליע, האָבן דאָך באַזוכט די בית־עולמים אין באַגלייט פון זייערע פאָטערס און מוטערס; מיר, וואָס האָבן געלערנט געשיכטע און האָבן ביי דער באַשרייבונג פון יעדער גע־שיכטלעכער פערזאָן געלערנט, אַז דער און דער איז געבוירן גע־וואָרן אין דעם יאָר און געשטאָרבן אין דעם יאָר, זעט אויס זאָנ־דערבאַר, כמעט ווי משוגעת, צו לייקענען דעם פאַקט, אַז דער

מענטש מוז שטארבן. פאר דעם אבער, וואס איז גוט באקאנט מיט דעם לעבן פון דעם ווילדן, איז דאס גאנץ לייכט צו פארשטיין. דעם פרימיטיוון ווילדן מענטשן, וואס קען אם העכסטן ציילן ביז 20, וואס לעבט אפ זיין גאנץ לעבן אין א קלייניקער אפגעזונדערטער געמיינדע פון 50 אדער 60 פערזאנען, קומט זייער זעלטן פאר א פאל פון נאטירלאכן טויט פון עלטער און שוואכקייט. אם מייסטן פארלירן זיינע מיטגלידער זייערע לעבנס אין קאמף מיט די אנדערע פיינטלאכע שבטים, אדער אין יאגד אויף די ווילדע חיות; ער שטארבט פון אפענע בלוטיקע וואונדן, ער ווערט דער׳הרג׳עט. דאס זענען די געוויינטלאכע לעבנס־פאסירונגען. נאר דער געוויינטלאכער טויט איז פאר אים א געהיימעניש, א כשוף. ווי וואלט פאר אונז, שטעלט זיך פאר, קלינגען דער זאץ, אז „יעדער מענטש מוז דער׳הרג׳עט ווערן“?

אזוי איז דאך דער גדאנק, אז אין יעדער לעבעדיקער באשעפעניש ווירקט א גייסט, אויך געבוירן געווארן ביי דעם ווילדן מענטשן פון זיינע געוויינטלאכע לעבנס־דערפארונגען, ווען ער זעט אין חלום, ווי ער אליין וואנדערט ארום אין פארשידענע פלעצער און האנדלט און וואנדלט, ווי ער אליין וואלט עס געטאן, אין דער צייט ווען ער איז זיכער געשלאפן אויף זיין פלאץ.

אדער נעמט נאך א ביישפיל פון דעם, ווי אזוי עס ענטפערן די פארשידענע שבטים אויף דער פראגע: „אין וועלכן טייל פון דעם מענטשלאכן קערפער געפינט זיך דאס די לעבעדיקע באשעפעניש, דער גייסט?“ און מיר וועלן אם מייסטן געפינען, אז די פארשידענע ענטפערס אויף דער דאזיקער פראגע הייננען אפ פון דעם ארט און וייזע פון דעם ארויסקריגן פון דער נאטור זייערע לעבנס־מיטלען. ביי די יעגער־פעלקער, אדער פאסטוך־פעלקער, וואס ברויכן די פי אם מייסטן צום שלאכט און גאנץ ווייניק פאר די מילך־פראדוקטן, איז פארשפרייט דער גדאנק, אז די לעבנס־באשעפעניש זיצט אין דעם בלוט.

ווען דער ווילדער יעגער דער׳הרג׳עט א חיה אויף דער יאגד, אדער ער טויט זיין קעגנער אין קאמף, זעט ער, ווי דאס ווארימע, רויטע בלוט רינט ארויס און ווערט קאלט און פארגליווערט, און

דער קערפּער ווערט אויך קאַלט און טויט; איז דאָך קלאָר, אַז די לעבנס־באַשעפעניש האַלט זיך אויף אין דעם בלוט, און ווען דאָס גייט אַרויס פון דעם בלוט, ווערט דער קערפּער לעבנסלאָז. ביי די פעלקער, וואָס לעבן אויף אינזלען און אויף די ים־ברעגעס, וואו עס זענען ניטאָ קיין יאַגד־חיות, און זייער נאַרונג באַשטייט אָס מייסטן פון פיש, זשאַבעס, יאַשצערעס און אַנדערע קריכנ־דיקע חיות, וואָס האָבן ניט קיין וואַרימע בלוט, ווי ביי די יאַגד־חיות, איז מער פאַרשפּרייט דער געדאַנק, אַז דער לעבנס־גייסט זיצט אין דער ברוסט און די נשמה גייט אַרויס פון דעם קערפּער צוזאַמען מיט דעם לעצטן אָטעם.

צווישן די שבטים פון אַ העכערער שטופע פון אַנטוויקלונג, ווי צווישן די שבטים אויף די סאַלאָמאָן־אינזלען, אין נײַ־קאַלע־דאָניע און אויף פילע פון די פּאָלינעזישע אינזלען, איז מער פאַר־שפּרייט דער גלויבן, אַז די מענטשלאַכע נשמה, אָדער דער מענטש־לאַכער לעבנס־גייסט, האַלט זיך אויף אין שאַרבן, אָס מייסטן אין די אויגן, אָדער אַביסל טיפער אין שאַרבן, הינטער די אויגן. געוויס, איז דער גלויבן ניט באַגרינדעט אויף דער דערקענטעניש, אַז דער מענטשלאַכער לעבנס־גייסט איז פאַרבונדן מיט די פונק־ציעס פון די נערוון, אָדער פון דעם קאָפּ־מאַרך אין שאַרבן. נאָר דאָס איז אַן אויסדרוק פון זייערע באַאָבאַכטונגען, אַז אין דעם מענטשנס געזיכט, דערהויפּט אין זיינע אויגן, שפּיגלען זיך אָפּ די מענטשלאַכע געפילן און זיינע פאַרשידנאַרטיקע שטימונגען. ווען דער מענטש איז טויט, בלייבט ער מיט פאַרשטאַרטע אויגן. עס איז אָפּגעשטאָרבן זייער לעבעדיקער שפּיל, דער אויסדרוק פון דעם מענטשנס לעבן. ניט אומזיסט ווערן די באַזונדער פון די דאָ־זיקע אינזלען אַזוי איבעראַשט פון די שטורמישע אויסדרוקן פון זייערע שטימונגען, וועלכע בייטן זיך אַזוי שנעל: אָט פּלאַצט ער אויס מיט אַ פריילאַכן געלעכטער, ווי אַ קליין קינד, און אָט ברעכט ער אויס אין יאָמער און געוויין, ווי פון טויט־שרעק. דאָס זענען ברויזנדיקע שטימונגען פון אַ מענטשן, וואָס לעבט אונטער די זוניקע בלויע הימלען פון די פּאָלינעזישע אינזלען.

.15

פון וואַנעט קומען די גלחים, די רעליגיע־פאַרשטייער? — אין וואָס באַשטייט דער כח פון די פריסטער, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר אַ הערשנדיקן קלאַס? — יולי צעזאַר וועגן די אָרגאַניזירטע פריסטער פון גאַלליאַ, די דרואידן.

ווען מיר קומען אָבער צו אונזער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם פריסטער־קלאַס אין דער מענטשלאַכער געשיכטע, וועלן מיר אומזיסט זוכן אַן ענטפער אויף דער פראַגע אין די אַנגעצייגטע לערן וועגן דעם אורשפּרונג פון רעליגיע. ווען מיר שטעלן די פראַגע ניט „פון וואַנעט נעמט זיך רעליגיע?“, נאָר פון וואַנעט האָבן זיך גענומען די גלחים, די פריסטער, די פירער און פאַרשטייער, די טרעגער און היטער פון רעליגיע, און פון די פאַרשידנאַרטיקע געזעלשאַפטלאַכע רעליגיעזע קולטן, — געפינען מיר ניט ביי מאַקס מילער'ן מיט זיין טעאָריע וועגן דעם רעליגיעזן קולט פון די שרעקלאַכע, מעכטיקע נאַטור־קרעפטן, אויך ניט ביי בענעט טיילאָר'ן מיט זיין לערע וועגן דעם רעליגיע־קולט פון די לעבעדיקע גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע מענטשן קיין מינדסטן פאַרזוך צו ענטפערן אויף אָט־דער פראַגע.

אין די פרימיטיווע געמיינדן, אין וועלכע עס האָט געהערשט — אַ דאַנק זייער פרימיטיוון קאָמוניסטישן אַרט לעבן — אַ פולקאָמענע גלייכהייט פון אַלע מיטגלידער אָן אויסנאַם, — וואָס זענען די אורזאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אין זיי אַ צעטיילונג פון זייערע מיטגלידער אויף פריסטער און ניט־פריסטער? וואָס פאַר אַ שייכות סען דאָ זיין צווישן דער פאַרגעטערונג פון די

שרעקלאכע נאטור־קרעפטן, וואס זייער שרעקלאכע ווירקונג איז דאך געוויס גלייך אויף אלע מענטשן, מיט דעם גלויבן, אז עס געפינען זיך צווישן זייערע מיטגלידער אייניקע מענטשן פון א זעלטענעם סארט, וואס האבן א מאכט איבער די פארגעטערטע גוואלדיקע נאטור־קרעפטן? וואס פאר א שייכות צווישן דעם גלויבן אין גייסטער פון די פארשטארבענע מענטשן און דעם גלויבן אין זייערע לעבעדיקע גייסטלאכע מיטגלידער? צווישן דעם גלויבן אין געטער אדער אין גייסטער—מיט דעם גלויבן, אז צווישן זייערע לעבעדיקע מיטגלידער געפינען זיך א העכערער סארט מענטשן, וואס האבן א פארבינדונג מיט די געטער אדער מיט די גייסטער? פון וואנען איז געקומען דער גלויבן, אז נאר אייניקע פון זיי האבן אזא זעלטענעם כח און ניט אלע? די מעכטיקע נאטור־קרעפטן ווירקן דאך אויף אלעמען גלייך, די גייסטער פון די פארשטאר־בענע קומען דאך אין חלום צו אלעמען?

גראדע ווי עס איז נויטיק פאר דעם, וואס וויל האבן א קלארן באגריף וועגן דער מאכט פון דעם היינטיקן הערשנדיקן קלאס פון די קאפיטאליסטן, צו אונטערזוכן די עקאנאמישע פעס־טונגען פון דעם קלאס: די באנקען, די גרויסע בירזשעס פון לאנ־דאן, בערלין אדער ניו יארק, די גרויסע פאבריקן; גראדע אזוי ווי דער היסטאריקער, וואס וויל דייטלאך פארשטיין דאס לעבן פון אלטערטום און פון דער פעאדאלער עפאכע, מוז זיך ווענדן צו אונטערזוכן דאס לעבן אין די גרויסע הויפן פון די פריצים, אין די רייכע מאיאנטקעס פון די לאנד־מאגנאטן, אזוי וועלן מיר דעם ענטפער אויף אונזער פראגע—אין וואס באשטייט דער כח פון די פריסטער, וואס האט זיי געמאכט פאר דעם הערשנדיקן קלאס?—מוזן זוכן אין די פעסטונגען פון דעם פריסטער־קלאס, אין די טעמפלען פון די אזיאטישע ציוויליזאציעס, ווי ווייט די ניט לאנג אויסגעגראבענע געשיכטלאכע דאקומענטן וועלן אונז געבן די מעגלאכקייט דאס צו טאן; אין די איבערעבליבענע גע־שיכטן פון די אלטע גריכן און רוימער וועגן די דאזיקע אלטע אזיאטישע שטאטן; אויך אין די פארפאסונגען פון די מאדערנע

פאַרשער פון דעם סאָציאַלן לעבן פון די עקזיסטירנדיקע פרימי־טיווע געזעלשאַפטן, אין וועלכע מיר געפינען די ערשטע שפּראָצונגען פון דעם פריסטער־קלאַס.

יולי צעזאַר, אין זיין בוך „דע בעלאָ גאַליקאָ" (וועגן די מלחמות אין גאַליע, וועלכע ער האָט געפירט אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוימישער אַרמיי) באַשרייבט אין עטלאַכע קאַפּיטלען דעם סאָציאַלן לעבן פון די פעלקער און שבטים פון גאַליע און אויך פון די גערמאַנצעס. אין דער קורצער באַשרייבונג גיט ער אָפּ אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ דעם העכסטן באַשטאַנד צווישן די פעל־קער אין גאַליע, דעם באַשטאַנד פון די דרואידן, די אָרגאַניזירטע פריסטער פון גאַליע. עטלאַכע צייַלן, אין וועלכע צעזאַר באַשרייבט די פריסטער־דרואידן אין דער ראָלע פון לערער, וועלן אונז העלפן צו געפינען דעם ריכטיקן ענטפער אויף אונזער פראַגע, וואָס איז אפילו ניט אָנגערירט געוואָרן פון די אָנגעצייגטע טעאָריעס פון מאַקס מילער און בענעט טיילאָר וועגן דעם אורשפּרונג פון רעלי־גיע אין אַלגעמיין.

דער באַוואוסטער רוימישער גענעראַל יולי צעזאַר האָט אָנ־געהויבן אין פרילינג פון דעם יאָר 58 פאַר דער קריסטלאַכער יאָר־ציילונג, דאָס הייסט מיט 58 און 1928—מיט 1986 יאָר—צוריק, זיינע באַרימטע מלחמות מיט די פעלקער פון גאַליע. אין אַ קור־צער צייט פון אייניקע חדשים, פון פרילינג ביז ווינטער פון דעם זעלביקן יאָר, האָט ער באַזיגט די העלוועטן, דאָס איז אַ פאָלק פון גאַליע, וואָס האָט געלעבט אין דער היינטיקער שווייצאַריע, און צעשלאָגן די אַרמיי פון אָריאָוויסטוס, דעם פירער פון אַ דייטשן פאָלק, וואָס האָט זיך באַזעצט אין גאַליע. די רוימער האָבן מיט דעם נאָמען גאַליע אָנגערופן אַ גרויסע שטרעקע לאַנד אין דרום און מערב אייראָפּע. אַ טייל פון דער שטרעקע, דער טייל פון גאַליע, וואָס געפינט זיך אין דרום פון די אַלפּן־בערג, געהערט איצט צו איטאַליע; דער גרעסטער טייל פון גאַליע צום צפון פון די אַלפּן־בערג געהערט איצט צו בעלגיען, שווייצאַריע און פראַנק־רייך. אין דער צייט פון צעזאַר'ס מלחמות אין גאַליע זענען איי־

גיקע דייטשע שבטים אַריבערגעגאַנגען דעם טייך ריין און באַזעצט זיך אין גאַליע. די גריכן האָבן אָנגערופן די פעלקער פון גאַליע, וואָס איז דרום פון די אַלפּן־בערג, מיט דעם נאָמען קעלטן. די שפּראַכן פון די דאָזיקע אַלטע איינוואוינער פון גאַליע טראָגן דערפאַר דעם גריכישן נאָמען „די קעלטישע שפּראַכן". די דאָזיקע פּרימיטיווע שבטים פון די קעלטן אָדער גאַלן, ווי עס זעט אויס, זענען אין דעם אַלטערטום פון אייראָפּע געווען שטאַרק פאַרשפּרייט: אין אירלאַנדיע, אין שאָטלאַנדיע, אין ענגלאַנד, אין דער פּראַנצויזישער פּראָווינץ ברעטאַניע. וואַרשיינלאַך האָבן קעלטישע שבטים עמיגרירט פון ענגלאַנד אין נאָרד־פראַנקרייך, אין בעלגיען, אין שווייצאַריע, אין נאָרד פון שפּאַניע, אין נאָרד פון איטאַליע, וואָס זייערע קעלטישע שפּראַכן זענען כמעט אַלע פאַרשוואונדן פון אייראָפּע. זיי זענען נאָר פאַרבליבן צווישן די איצט עקזיסטירנדיקע באַפעלקערונג פון אירלאַנדיע, שאָטלאַנדיע, אין דער פּראַנצויזישער ברעטאַניע און אין דער ענגלישער פּראָווינץ פון וויילס. די באַפעלקערונג פון אירלאַנדיע רופן זייער אַלטע קעלטישע שפּראַך מיט דעם נאָמען גאַעליק, וואָס שטאַמט פון דעם רוימישן נאָמען גאַליע.

איך וועל דאָ ברענגען נאָר עטלאַכע קורצע אויסצוגן פון צעזאַר'ס בוך איבער די דרואידן. צעזאַר הויבט אָן די אָנגעצייגטע קאַפּיטלען מיט די ווערטער: „אין גאַליע זענען דאָ צוויי באַשטאַנדן, וואָס שטייען העכער איבער אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג... דער ערשטער העכסטער באַשטאַנד איז דער באַשטאַנד פון די דרואידן. זיי זענען די פירער אין אַלע אָנגעלעגנהייטן פון רעליגיע... זיי זענען אויך די ריכטער אין אַלע ציווילע סכסוכים און קרימינעלע פאַרברעכענס. זיי באַשטימען די באַצאָלונגען און באַשטראָפונגען. ווער עס אונטערוואַרפט זיך ניט זייער באַשלוס, ווערט פון די דרואידן אַריינגעלעגט אין חרם, אויסגעשלאָסן פון דער געמיינדע. און דאָס איז ביי די גאַלן די שווערסטע באַשטראָפונג. אַלע קערן זיך אָפּ פון זיי, ווי פון אומריינע און געפערלאַכע מענטשן, זיי קענען ניט אָנטיילנעמען אין

קיינע געזעלשאַפטלעכע פייערונגען, זיי קענען זיך ניט ווענדן אין געריכט צו באַקלאָגן זיך אויף וועלכער עס איז אומגערעכטיקייט. די מיטגלידער אַנטלויפן פון זיי ווי פון אַ פעסט... די דרואידן דערוויילן אַן אויבער־פּריסטער, וועלכער באַזיצט די גרעסטע אויטאָריטעט איבער אַלע דרואידן אין גאַליע. ווען דער כהן־גדול פון די דרואידן שטאַרבט און עס געפינט זיך צווישן זיי איינער, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע אויסערגעוויינטלאַכע פעאיגקייטן, ווערט ער דער אויבער־פּריסטער. אויב ניט, קומען זיך די דרואידן צוזאַמען אין געוויסע באַשטימטע הייליקע פּלעצער אין דער טעריטאָריע פון די קאַרנוטן, וואָס געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון גאַנץ גאַליע, צו דערוויילן זייער העכסטן פּריסטער. (מערקט אייך, קיינער פון פאָלק, נאָר די דרואידן אַליין קענען שטימען פאַר דעם וואַל פון זייער כהן־גדול).... די דרואידן צאָלן ניט קיין צינזן, זיי זענען פריי פון מיליטער־דינסט, זיי גייען ניט אַלס קריגער אין די שלאַכטן. די דאָזיקע פּריווילעגיעס פון די פּריסטער און זייער הויך־געשעצטע סאָציאַלע לאַגע מאַכט געוויס זייער אָנציענד די פּראָפעסיע פון די דרואידן. עלטערן, קרובים שעצן זיך גליקלאַך, ווען די דרואידן נעמען אַריין צו זיך, אין די שולן אָדער קאַלעדזשעס, זייערס אַ קינד, אָדער וועמען עס איז פון זייער משפּחה.

פילע עלטערן אָדער נאָענטע קרובים פון די רייכערע שיכן פּרייווילק זייערע קינדער און קרובים אין די פּריסטלאַכע קאַלעדזשעס פון די דרואידן. אייניקע פאַרבלייבן צוואַנציק יאָר אונטער אונטערריכט אין די דאָזיקע פּריסטלאַכע שולן, וואו מען לערנט אַלע וויסנשאַפטן: די וויסנשאַפט איבער די שטערן און זייערע באַוועגונגען, די וויסנשאַפט פון דער וועלט, פון אונזער ערד און פון דער גאַנצער נאַטור, די וויסנשאַפט פון רעליגיע און די געטער. די שילער האָבן געמוזט אַלץ לערנען אויף אויסווייניק, עס איז שטרענג פאַרבאָטן צו פאַרשרייבן וואָס עס איז פון דעם, וואָס זיי האָבן דאָרטן געלערנט, אין דער זעלבער צייט, ווען אויסער די קאַלעדזשעס ווערן איבעראַל

געברויכט שריפטלאַכע דאָקומענטן אין אַלע, סיי פּריוואַטע, סיי געזעלשאַפטלאַכע פאַרהאַנדלונגען. איינע פון די אורזאַכן פאַר דעם פאַרבאָט צו פאַרשרייבן זייערע לערן איז, דאָס זיי זעען צו פאַרהיטן, אַז זייער לערע זאָל זיך ניט פאַרשפּרייטן צווישן די אומוויסנדע מאַסן פון פאָלק".

פילע שרייבער נאָך צעזאַרס צייטן באַשטעטיקן צעזאַרס באָאָבאַכטונגען וועגן די דרואידן, די פּריסטער פון גאַליא, אַז דאָס איז געווען אַ וואויל־אָרגאַניזירטע געשלאָסענע קערפּערשאַפט פון פּריסטער, וואָס האָבן געהאַט די גרעסטע מאַכט איבערן פאָלק דורך דעם, וואָס זיי האָבן געזען, אַז אַלע וויסנשאַפטן וועגן הימל און ערד, רעליגיע און אַרבעט זאָלן פאַרבלייבן אַלס זייער אייגנטום, אַלס אַ געהיימניס פאַר אַלע אַנדערע שיכטן.

קריזאַסטאָם, אַ באַרימטער גריכישער שרייבער און פּריידי־גער (קריסאָשטאָם אין גריכיש הייסט — דער גאָלדענער מויל און אין רוסיש רופט ער זיך טאַקע זלאַטאָאוסט), וועלכער האָט געלעבט בא 300 יאָר נאָך צעזאַרן, שרייבט וועגן די דרואידן: „זיי, אַלס ריכטער אין אַלע וויכטיקע ציווילע און קרימינעלע אַנגעלעגנהייטן, אַלס פּריסטער אין אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס, אַלס לערער פון די רייכערע קינדער ניט נאָר אין די געהיימניס פון רעליגיע, נאָר אויך אין די טעאָריעס פון פּאָליטיק, רעגירונג און אַלע נאַטור־וויסנשאַפטן האָבן דערוואָרבן אַ גרענעצלאָזן איינפלוס אויף דעם פאָלק. אין דער ווירקלאַכ־קייט זענען זיי די רעגירער פון דעם פאָלק. די קעניגע זיצן אויף גאָלדענע טראָנען, זיי לעבן אין פּראַכטפולע פּאַלאַצן, און מאַכן קאָסטבאַרע באַנקעטן, אָבער זיי רעגירן ניט דאָס לאַנד, זיי שטייען נאָר צו דינסט פאַר די דרואידן". פון די דאָזיקע באַשרייבונגען וועגן די דרואידן פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט פאַרבראַכט אין גאַליא און ענדלאַך פאַרוואַנדלט גאַנץ גאַליא אין אַ רוימישע קאָלאָניע, קען מען זען, אַז דאָ [illegible]
איז שוין אַרויסגעוואַקסן פון דעם פּרימיטיוון צושטאַנד און איז

אַריינגעטראָטן אין דעם צושטאַנד פון אַ קלאַסן־געזעלשאַפט מיט די דרואידן, אַלס זייער הערשנדער פּריסטער־קלאַס, ענלאַך צו די הערשנדע פּריסטער־קלאַסן אין די אוראַלטע אַזיאַטישע שטאַטן. ליידער איז אָבער פון די קעלטן מיט זייערע פּריסטער־דרואידן כמעט ווי גאָר ניט פאַרבליבן וועלכע עס איז געשיכט־לאַכע דאָקומענטן פון די קעלטן זעלבסט, פון זייער אייגענעם לעבן, און עס איז אוממעגלאַך צו קריגן אַ קלאָרן בילד פון זייער עקאָנאָמישן לעבן און זייער קולטורעלן צושטאַנד; עס איז נאָר פון די פרעמדע שרייבער פון רוים און גריכנלאַנד, וואָס מיר האָבן געקראָגן די געשיכטלאַכע אינפאָרמאַציעס וועגן דער גרויסער ראָלע פון דער פּריסטער־קערפערשאַפט פון די דרואידן, ווייל פאַר די רוימער און גריכן, וואָס זענען געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט די קעלטן, איז די דאָזיקע מאַכט פון די פּריסטער, אין פאַרגלייך מיט די פּריסטער אין אייראָפּעאישע פעלקער, געווען אַ גרויסע איבעררעשונג.

גאַנץ אַנדערש איז דער פאַל פון די אוראַלטע אַזיאַטישע ציוויליזאַציעס. נאָכדעם ווי מען האָט אין דער צווייטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט באַקומען די מעגלאַכקייט צו לעזן די היעראָגליפישע שריפטן, איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אַ מאַסע געשיכטלאַכע דאָקומענטן וועגן זייער לעבן און זייערע ציוויליזאַ־ציעס. די אויסגראָבונגען אין די פּיראַמידן זעלבסט פון מצרים שטעלן מיט זיך פאַר זעלטענע, רייכע געשיכטלאַכע מאַטעריאַלן. אָט די מאַטעריאַלן האָבן מיר געגעבן אַ קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי קענען מיר באַגרייפן אין דעם מאַרקסיסטישן זין דעם פּריסטערטום אַלס אַ הערשנדן קלאַס און איך וועל זיך שפּעטער אָפּשטעלן אויף דער אור־אַלטער ציוויליזאַציע פון מצרים אַלס אַ מוסטער פון אַ שטאַט, וואו דער פּריסטערטום איז געווען דער הערשנדער קלאַס. אין די העכסטע שטופן פון אַנטוויקלונג פון די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן, ווי די אַצטעקן אין דער אַלטער מעקסיקאַ אָדער די דרואידן פון די קעלטישע פעלקער אין אייראָפּע, האָבן מיר אַ הויך־אַנטוויקלטע שטאַרק־

אָרגאַניזירטע גרופּע פּריסטער, היטער פון רעליגיע און וויסנ־שאַפט, זיי היטן דאָס פאָלק, עס זאָל ניט אָפּטרעטן פון די רעליגיעזע טראַדיציעס, פון דעם גלויבן פון די אור־אַלטע פאָ־טערס, פון די רעליגיעזע צערעמאָניעס, די רעליגיעזע יום־טובים, און היטן דאָס פאָלק עס זאָל ניט צוטרעטן צו דעם שאַץ פון די אָנגעקליבענע וויסנשאַפטן, וועלכן זיי האַלטן אַלס זייער אייגנ־טום. אין די געשיכטלאַכע דאָקומענטן פון די אורלאַטע ציוויליזאַציעס געפינען מיר שטענדיק דעם אויסדרוק „די געהיימניסע פון דער לערע פון דעם פּריסטערטום". מיר האָבן געזען, אַז דרו־אידן האָבן פאַרבאָטן די שילער צו פאַרשרייבן די לערע מיט דעם אויסדריקלאַכן אבזיכט, זי זאָל זיך ניט פאַרשפּרייטן צווישן די מאַסן. און אויסגעוואַקסן איז די דאָזיקע שטאַרקע קערפּערשאַפט פון פּריסטער, פון די מעדיצין־מענער, די מכשפות און מכשפים פון די גאָר נידעריקע שטופן פון דעם פּרימיטיוון לעבן פון די ווילדע שבטים.

פון די זעקס שטופן, אין וועלכע מאָרגאַן צעטיילט דעם אַנטוויקלונג־גאַנג פון דעם פּרימיטיוון מענטשן, איז גאָר די ערשטע שטופע, וועלכע האָט געוויס געדויערט פילע צענדליקער טויזנטער יאָרן, אונז באַקאַנט נאָר פון די געפונענע מענטשלאַכע סקעלעטן פון יענער צייט. פון די איצט עקזיסטירנדיקע ווילדע געזעלשאַפטן געפינט זיך ניט קיינע אין דער שטופע, ווען דער מענטש האָט נאָך ניט געוואוסט פון מאַכן קינסטלאַכן פייער. אין דער ערשטער שטופע האָט דער ערשטער מין מענטש־חיה וואַר־שיינלאַך געלעבט אין די וועלדער פון די טראָפּישע און וואַרימע געגנטן. די נאַרונג איז באַשטאַנען פון פרוכטן, ניס, פלאַנצן, וואָרצלען. זיין פייאיקייט צו קלעטערן שנעל אויף די ביימער האָט אים געגעבן די מעגלאַכקייט צו רעטן זיך פון די שטאַרקע ווילדע חיות, די הויכע ביימער האָבן אים אויך געדינט אַלס זיין רו־פּלאַץ אין די פינסטערע נעכט. אין דער לאַנגער פּעריאָדע האָט דער מענטש דערוואָרבן דאָס, וואָס טיילט אים אָפּ פון אַלע אַנדערע חיות — די קונסט פון שפּראַך. ער איז געוואָרן דער העכסטער מין

פון געזעלשאַפטלאַכע חיות דורך דעם, וואָס ער האָט געקענט מיט־טיילן זיינע געפילן, זיינע דערפאַרונגען און זיינע געדאַנקען צו די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געלעבט צוזאַמען.

מיט דער אַנטדעקונג פון פייער הויבט זיך אָן די צווייטע שטופע פון דעם ווילדן לעבן. דאָס האָט געגעבן די מעגלאַכקייט צו ברויכן געקאָכטע אָדער געבאַקטע פיש, ראַקעס און אַנדערע וואַסער־חיות אַלס אַ גוטע נאַרונג, און די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן ביי די ברעגעס פון די טייכן, אָזיערעס און ימים. אין אָט־דער שטופע האָט דער מענטש אָנגעהויבן מאַכן פאַרשידענע ווערק־געצייג פון שטיין. פון דער צווייטער שטופע ביז דער דריטער הויכער שטופע פון באַרבאַרישן לעבן האָבן מיר אי די איצט עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטן, וועלכע לעבן נאָך איצט אין די דאָזיקע פאַרשידענע שטופן, אי געשיכטלאַכע דאָקו־מענטן פון די אַלטע אויסגעשטאָרבענע פּרימיטיווע געזעלשאַפטן.

.16

די וואַקסנדע, צוזאַמענגעשלאָסענע קערפּערשאַפט פון די ערשטע וויסנשאַפטס־מענער פון די מכשפים—מעדיצין־מענער. — די אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט פון די מעדיצין־מענער ווערט אַן אָפּגעזונדערטע גרופּע, וואָס האַלט דאָס אַנגעקליבענע וויסן שטרענג אין געהיימניס פון פאָלק.

די ערשטע פון אַלע וויסנשאַפטן, די מעדיצין און די ערשטע פאָרמען פון גלויבן אין גייסטער, זיינען ביידע אויסגע־וואַקסן אין דער זעלבער צייט פון די באַגריפן, פון די געפילן, פון די געדאַנקען, וואָס זענען ענג פאַרבונדן מיט דעם אַרט־לעבן פון דעם פּרימיטיוון מענטשן. גראַדע אזוי ווי דער ווילד־דער מענטש קאָן ניט באַגרייפן דעם נאַטירלאַכן טויט, קען ער אויך ניט באַגרייפן, ווי אזוי ווערט אַ מענטש פּלוצלונג קראַנק און פילט אינערלאַכע שמערצן אַן אַ אויסערלאַכע אור־זאַכע. און ער ערקלערט דאָס אַלעס מיט זיין גלויבן אין די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע מענטשן, וועלכע באַזיצן אַלע לעבנס־טעטיקייטן און אַלע לעבנס פייאיקייטן פון דעם מענטשן, מיט זיין גלויבן, אז די אַלע פאַר אים אומפאַרשטענדלאַכע קראַנקהייטן און טויט־פאַלן זענען די אויפטואונגען פון די פיינט־לאַכע גייסטער. דער צויבערער, וועלכער איז גערופן צו אַרויס־טרייבן די קראַנקייט, גלויבט אזוי גוט ווי די אַלע אנדערע מיט־גלידער אין די גייסטער און זייערע כחות און ער ווענדעט אַן אַלע מיטלען וועלכע ער האָט געקראָגן בסוד פון זיינע לערער בייצוקומען דעם פיינטלאַכן גייסט און צווינגען אים צו פאַרלאָזן

דעם קראנקן. ער ווייס ניט פון קיין אונטערשייד צווישן די ווירקלאכע הייל־מיטלען און די משונהדיקע געשרייען פון פארשווערונגען, צווישן דעם ווילדן גערויש פון דעם כשוף־פויק און דעם עפענען פון א בלוט אדער. אין זיינע אויגן זענען דאס אלץ מיטלען פון דעם זעלביקן ווערט, ווייל זיי אלע זענען נויטיק צו באהערשן דעם גייסט.

דער צויבערער האט אויך צווישן זיינע אויפגאבן צו אנשיקן קראנקייטן און טויטן דורך כשוף זיינע שונאים. לאמיר נעמען נאר צוויי מיטלען פון די פילע מעטאדן, וואס דער צויבערער ווענדט אן אום צו שעדיקן, קראנק מאכן אדער טויטן זיין שונא. איין מעטאדע, וועלכע איז באשריבן בא דעם עטנאלאג העדאן, באשטייט אין פאלגענדן: דער צויבערער מאכט זיך קליינינקע מענטשן פיגורקעלאך פון האלץ און באדעקט זיי מיט וואקס, אדער ער מאכט זיי אינגאנצן פון וואקס. ווען ער נעמט זיך צו באצויבערן וועמען עס איז, באדעקט ער פריער די פיגורקעלע מיט דעם נאמען פון זיין געגנער. ווען ער נעמט אראפ א האנט, א פוס, אדער וועלכן עס איז ביין פון דער פיגורקע, דאן קריגט דער באצויבערטער געגנער זיינער שטארקע שמערצן אין דעם אנטשפרעכנדן ארגאן, און ער שטארבט אין א טאג ארום, אויב דער צויבערער קערט ניט אום צוריק דער פיגורקע די האנט, די פוס אדער דעם ביין. אין אייניקע אויסטראלישע שבטים ברויכן די צויבערער אן אנדער מיטל. זיי מאכן א שפיציקן צויבער־פייל, באם מאכן פון דעם פייל געווינלאך, באצויבערט ער אים מיט פארשיידענע צויבער־שפרוכן, דאן שטעקט ער ארייַן דעם צויבער־פייל אין די ווייכע פלייש פון א מת, און לאזט אים דארט שטעקן א לענגערע צייט, ביז דער פלייש־שפיץ ווערט שווארץ. דאן זוכט ער א געלעגנהייט ווען זיין שונא שלאפט שטארק, און גיט א גאנץ קליינעם שטאך מיט דעם שפיץ פון דעם צויבער־פייל. געוויס וועט פון דעם צווייטן מיטל דער שונא קראנק ווערן און שטארבן פון בלוטפארגיפטונג. דער צויבערער אבער, וואס ווענדט אן דעם מיטל,

ווייס ניט פון דער בלוט־פאַרגיפטיגונג דורך דעם פייל, וואָס האָט זיך באַדעקט מיט די פוילנדע זאַפטן פון דעם מת. פאַר אים איז דאָס איינער פון די מיטלען צו ווירקן אויף דעם גייסט פון דעם שונא דורך דעם גייסט פון דעם מת. ווען די שבטים, וואו די צויבערער ברויכן דעם מיטל, ווען אויסוואַקסן און פאַראייניקן זיך מיט די אַנדערע אַרומיקע שבטים, וועט דער מיטל פאַרשפּרייטן זיך צווישן די צויבערער פון די אַנדערע שבטים, ווייל ער איז דאָך אימער ערפאָלגרייך. אייניקע פאָר־שער פון דעם לעבן פון די ווילדע געזעלשאַפטן רעכענען די צווי־בערער פאַר באַוואוסטזיניקע בעטריגער. דאָס איז ניט ריכטיק. צווישן זיי געפינען זיך אייניקע באַוואוסטזיניקע פּאָקוסניקעס. אָבער אין אַלגעמיין, א זון, וואָס האָט פון קינדווייז־אויף גע־קראָגן פון זיין פאָטער די קונסט פון היילן קראַנקע, פון דעם צויבערערס מאַכט איבער די גייסטער, גלויבט אין יעדן שפּרוך, אין יעדן מיטל, וואָס דער פאָטער האָט אים געלערנט. ווען אַ צויבערער אַליין ווערט קראַנק, רופט ער אָן אַנדער צויבערער צו זיך, ער וואָלט דאָך דאָס ניט טאָן, אויב זיי וואָלטן געווען באַוואוסטזיניקע באַטריגער.

אַלזאָ, אין דער ערשיינונג פון די צויבערער אָדער די מעדיצין־מענער, ווי אונזערע אייראָפּעער האָבן אָנגערופן די צווי־בערער צווישן די אינדיאַנער שבטים פון אַמעריקע, גאָר אין די נידעריקסטע שטופן פון דעם אונז באַוואוסטן ווילדן פּרימיטיוון לעבן געפינען מיר די ערשטע שפּאַלטונג אין די געמיינדען, וואָס האָבן אַלע געפירט דעם נאַטירלאַכן קאָמוניסטישן פּרימיטיוון לעבן. דער עקאָנאָמישער לעבן פון דער געמיינדע, דאָס שאַפן פון לעבנס מיטלען פאַר דער געמיינדע, ווייסט ניט פון פּריוואַטן אייגנטום. די ערד און די ארבעט־געצייג געהערן צו דער געמיינדע, אַלע מיטגלידער פירן אָן אם מייסטן זייער פּראָדוקטיווע אַרבעט אין אָפענע געמיינשאַפט, אַלע מיטגלידער זענען גלייך, זייער גלייכהייט איז אַ ווירקלאַכע אמתע גלייכהייט, ניט די פאַפּירענע גלייכהייט פון אונזערע ליבעראַלע קאָנסטיטוציעס. אויב

וועלכער עס איז מיטגליד פון דער געמיינדע איז פון דער נאַ־טור באַגאַבט מיט בעסערע ערפינדערישע פייאיקייטן און ער געפינט אוים וועלכע עס איז פאַרבעסערונגען אין די ארבעט־געצייג, אָדער אין דער אָרגאַניזאַציאָן פון דער געמיינשאַפטלאַכער פּראָדוקציאָן־ארבעט, ווערן זיינע פאַרבעסערונגען אָנגענומען פון דער געמיינדע, און אַנדערש קען דאָס ניט זיין, אזוי לאַנג די ארבעט בלייבט אַ אָפענע פונקציאָן פון דער גאַנצער געמיינדע. און דערפאַר איז די ערשטע צושפּאַלטונג צווישן די מיטגלידער פאָרגעקומען ניט אויף דעם געביט פון דער פּראָדוקטיווער ארבעט, נאָר אויף דעם געביט פון דעם לעבן פון דעם פּראָדוצירער זעלבסט. ווען די שווערע ליידן פון דער פרוי, וואָס דאַרף ווערן מוטער, ווען די געהיימניספולע, אומפאַרשטענדלאַכע קראַנקייטן אָדער טויטן־פאַלן מאַכן די מיטגלידער אומפעהיג אַנטיילצונעמען אין דער געמיינשאַפטלאַכער פּראָדוקציאָן ארבעט. די מיטגלידער וואָס האָבן אויסגעפונען מיטלען ווי צו פאַרהיטן דעם לעבן, ווי צו אויסהיילן די קראַנקע, ווי צו העלפן די מוטערס באַם קינד־געבורט, פאַרהאַלטן די אויסגעפונענע מיטלען פאַר זיך בסוד אום צו קריגן אַ מאַכט איבער די אַנדערע מיטגלידער דורך די דאָזיקע געהיימניספולע מיטלען. ווי עס איז פריער אָנגע־צייגט, אַז אין די אַלטע שריפטן ווען זיי דערמאַנען די לערע פון דעם פּריסטערטום ווערט כמעט אימער געברויכט דער אויס־דרוק די געהיימניספולע לערע פון די פּריסטער. וואָס גרעסער דער ערפאָלג פון זייערע מיטלען צו פאַרטרייבן די קראַנקייטן אָדער צו אָנשיקן אַ קראַנקייט אויף זייערן אַ געגנער, אַלץ מער וואַקסט דער גלויבן פון דער געמיינדע אין דעם צויבערערס וואונדערלאַכע מאַכט צו ווירקן אויף די גייסטער, אויך וואַקסט דעם צויבערערס גלויבן אין זיינע אייגענע כחות. אַלס פאַר־מיטלער צווישן די גייסטער און דעם מענטשן אין די ווייטער־דיקע אַנטוויקלונג טרעטן ארוים די צויבערער אָדער מעדיצין־מענער אין פילע אַנדערע אנגעלעגנהייטן אויסער קראַנקייטן און טויט־פאַלן. מען גלויבט, אַז זיי קענען דורך זייער כשוף אַראָפּ־

ברייננגען א רעגן, איינשטילן א שטורם, זיי קענען פארזיכערן דעם ערפאָלג פון א שלאכט, דעם ערפאָלג פון אנדערע אונטער־נעמונגען. זיי קענען פאָרויסזאָגן די צוקונפטיקע פאסירונגען, אלץ דורך זייער אנערקענטע אויסערגעוויינלאכע פייאיקייט צו ווירקן אויף די גייסטער.

אין דער דייטשער שפראכע איז נאָך ביז איצט פארבליבן דער נאָמען א „גייסטלאכער", דאָס זעלביקע אין דער רוסישער שפראך „דוכאָווני" פון דעם שורש „דוך" אָדער „גייסט", מיט וועלכן מען רופט אָן די גלחים, די פאסטאָרס. אלזאָ, די ערשטע און די אלטסטע פון אלע וויסנשאפטן, די מעדיצינישע וויסנשאפט, האָט באשאפן אין די ערשטע געמיינדן א קליינע גרופע מענטשן, וואָס זייער מאכט איז געוואקסן אלץ גרעסער און גרעסער דורך דעם, וואָס זיי זענען געוואָרן די געהיימניספולע באזיצער פון דער אָנגעקליבענער וויסנשאפט פון מעדיצין, וועלכער זיי היטן שטארק אָפּ, זי זאָל ניט ווערן דאָס אייגנטום פון אלע מיטגלי־דער פון דער געמיינדע. אין די ערשטע קליינע אָבגעזונדערטע פרימיטיווע קאָמונעס, וואו די צאָל מיטגלידער דערגרייכט זעלטן ווען א הונדערט מענטשן, מוזן די עטלאכע צוויבערער אָנטייל נעמען אין דעם פראָדוקטיוון עקאָנאָמישן לעבן פון דער געמיינדע גלייך מיט אלע אנדערע ארבעט־פייאיקע מיטגלידער. די ספעציעלע הילף פון די צוויבערער אין קראנקהייט־פאלן ווערט זעלטן ווען פארלאנגט, דאָס זיי זאָלן קענען לעבן פון דער פריווילעגיער בעלוינונג פאר זייערע דינסטן. אין דער ווייטערדיקער טויזנט־יאָריקער אנטוויקלונג פון דעם פרימיטיוון קאָמוניסטישן לעבן, ווען די קליינע אָבגעזונדערטע קאָמונעס פון משפחות וואקסן אויס אין גרעסערע שטאמען אָדער שבטים, וואָס זענען ענג פארבונדן אין זייער עקאָנאָמישן לעבן דורך זייער אָבשטאמונג פון די זעלביקע אוראלטע פאָטערס און אוראלטע מוטערס, און די שבטים שמעלצן זיך צוזאמען אין ברידערשאפטן, און די ברידערשאפטן אין איין פאָלק, אין א פארבאנד פון פעלקער, געפינען מיר די מעדיצין־מענער אָרגאניזירט אין פעסט־געשלאָ־

סענע קערפערשאפטן. זייערע מיטגלידער לעבן א אבגעזונדערטן לעבן פון די אנדערע מיטגלידער פון די געמיינדן, זיי נעמען ניט קיין דירעקטן אנטייל אין די פראדוקטיווע ארבעטן פון דער געמיינדע. זיי ווערן באטראכט אלס א העכערער סארט מענטשן, וואס שטייען אין נאענטע באציאונגען מיט די גייסטער, און די באלוינונגען און מתנות וואס זיי קריגן פאר די ערפאלגרייכע אפעראציעס און באהאנדלונגען פון די קראנקע גיבן זיי די מעג־לאכקייט צו לעבן א רייכערן לעבן. אבער ניט אין רייכקייט ליגט דער קוואל פון זייער כח, פון זייער הויכער, פריווילעגירטער סאציאלער לאגע.

איך האב פריער געבראכט די מעשה וועגן דעם גריכישן פילאזאף, וואס האט געענטפערט: „מיין גאנצן פארמעגן טראג איך אין מיר". דער זעלביקער מין פריוואטער אייגנטום פון די מעדיצין־מענער, וואס בלייבט בא דעם באזיצער אזוי לאנג ער אליין לעבט, נוטיקט זיך ניט אין באוואפנטע סאלדאטן און פא־ליציי צו באשיצן אים פון רויבערישע אנפאלן. די ערוויילטע הויפט־מענער פון די שבטים, ווי צום ביישפיל, די צוויי הויפט־מענער, וואס יעדע משפחה פון דעם שבט סענעקא קלייבט אויס, (זעט דעם ארטיקל „די פרימיטיווע געזעלשאפט און די ציוווי־ליזירטע געזעלשאפט") האבן אויך ניט געהאט אונטער זיך קיין סאלדאטן, קיין זשאנדארמען, זיי האבן אויך ניט געהאט קיין פיזישע מאכט צו צווינגען וועמען עס איז. זייער מאראלישע מאכט אין דער געמיינדע איז אבער באשטאנען אין דעם, וואס זיי זענען די ערוויילטע פארשטייער פון דער גאנצער משפחה. דער משפחה־ראט קען צו יעדער צייט צוריקרופן די פארשטייער און ערוויילן אנדערע. די מיטגלידער פון דער געמיינדע, ניט נאר קענען גוט און שעצן זייערע ערוויילטע, נאר זיי פארשטייען די ספעציעלע אייגנשאפטן אדער קענטניסע, וועלכע די ערוויילטע באזיצן אין א העכערן גראד פון די אייגנשאפטן און קענטניסע וואס יעדער איינער פון זיי באזיצט. דער ערוויילטער קריגס־פירער ברויכט די זעלביקע קריגס־וואפן, באנוצט זיך מיט די

זעלביקע מעטאָדן וואָס אַלע ברויכן. ער איז נאָר זייער פירער אין די אָפטערע מלחמות מיט די אַנדערע שבטים און פעלקער, ווייל ער איז פון אַלעמען אַנערקענט אלס דער פאַסענדער פירער דורך זיין העכסטן גראַד פון שטאַרקייט, קאַמפּסלוסטיקייט, דורך זיין באַוואוסטער פורכטלאָזער העלדישקייט און מוטיקער גע־וואַגטקייט. דאָס זעלביקע איז אויך דער פאַל מיט די ערוויילטע פאָרשטייער פון זייער פרידלאַכן לעבן, די סעטשעמס פון די אינ־דיאַנער שבטים פון נאָרד אַמעריקע.

די מעדיצין־מענער, וואָס זייער עקזיסטענץ איז פון אַנפאַנג אָן געוועזן אייננג פאַרבונדן מיט די רעליגיעזע פּרימיטיווע אַנשוי־אונגען וועגן די גייסטער, אָדער די טעטיקע לעבנס־וועזנס פון די פאַרשטאָרבענע מיטגלידער, זענען אימער פאַרבליבן די פאָר־שטייער פון רעליגיאָן אין אַלע אַלץ העכער און העכער אנטוויקלטע שטופן פון דעם רעליגיעזן קולט פון די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן, אָבער זיי זענען ניט ערוויילט פון די מיטגלידער פון דער געמיינדע, וואו זיי פונקציאָנירן אימער אַלס פּריסטער אָדער פירער אין אַלע רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, אין אַלע רעליגיעזע פייערונגען און אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס. ווי האָט ער געקענט ערוויילן מענטשן, וואָס זייער אַרבעט און אַלע זייערע האַנדלונגען זענען אים אומפאַרשטענדלאַך? וואָס זייערע מיטלען זענען פאַר אים וואונדערלאַכע געהיימניסע? אַזוי ווי ער ערקלערט אַלע אויסער־געוויינלאַכע לעבנס־פּאַסירונגען, ווי אויסערגעוויינלאַכע אומפאַר־שטענדלאַכע קראַנקייטן מיט זיין גלויבן אין גייסטער, ערקלערט ער אויך מיט דעם זעלבן גלויבן די ערשיינונג פון די דאָזיקע אויסערגעוויינלאַכע וואונדערלאַכע כשוף־מאַכערס, וועלכע ער באַ־טראַכט אַלס מענטשן, וואָס זייערע לעבנס־גייסטער געהערן צו אַ זלטענעם, אויסערגעוויינלאַך פיינעם מין גייסטער, וואָס קלייבן אויס דעם צוויבערערס קערפּער אַלס זייער שטענדיקן וואוינונג־פּלאַץ און גיבן דעם צוויבערער זיין אויסערגעוויינלאַכע מאַכט אי־בער אַלע אַנדערע גייסטער. אַזוי איז אין דער דאָזיקער אַטמאָס־פערע פון דעם איבעראַל פאַרשפּרייטן גלויבן אין גייסטער אַלץ

מער און מער אויסגעוואַקסן אַ אָבגעזונדערטע, איינג צוזאַמענ־געשלאָסענע קערפּערשאַפט פון די ערשטע וויסנשאַפטס־מענער, די צויבערער, די מעדיצין־מענער, אַ קערפּערשאַפט וואָס פירט איר אייגענעם סאָרט לעבן, וואָס אירע מיטגלידער נעמען ניט קיין אַנטייל אין די עקאָנאָמישע פּראָדוצירנדע טעטיקייטן פון דער געמיינדע. זיי נעמען אריין נייע מיטגלידער נאָר נאָך אַ לענ־גערע צייט פון אונטעריכט אין די אָנגעקליבענע אוצרות פון וויסנ־שאַפט, וואָס געפינט זיך אויסשליסלאַך אין זייערע הענט. זיי ערוויילן זייערע אייגענע פירער. אין די העכערע שטופן פון די פרימיטיווע געזעלשאַפטן, וואו די מכשפים־דאָקטוירים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין שטאַרקע קערפּערשאַפטן, ווערט דער יונגער דור אונטעררעכטעט אין שולן פון די עלטערע דאָקטוירים; וואו עס עקזיסטירט נאָך ניט אַזאַ פעסטע אָרגאַניזאַציע פון דאָקטוירים אָדער פּריסטער, לערנען די עלטערן זייערע אייגענע קינדער און אויסער דעם נעמען זיי אַמאָל אריין קינדער פון די אַנדערע מיטגלידער פון דער געמיינדע. זיי לערנען די שילער, ווי אויס־צוגעפינען די מעדיצינישע גראָזן און פלאַנצן, ווי צו פאַרפער־טיקן די מעדיצינען אָדער די הייל־מיטלען פון די גראָזען און פלאַנצן. זיי נעמען די עלטערע שילער מיט זיך אַלס העלפער אין זייערע צויבערישע באַהאַנדלונגען. אין פילע שבטים מוזן די שילער אויסהאַלטן אַ סאָרט מעדיצינישן עקזאַמען, איידער זיי ווערן אַנערקענט פון די עלטערע דאָקטוירים אַלס פולבארעכ־טיקטע, זעלבסטשטענדיקע קאָלעגן.

17.

דאָס פּריסטערטום פון מצרים אַלס דער העכסט אָרגאַניזירטער הערשנדיקער פּריסטער־קלאַס פון אַלע אוראַלטע אַזיאַטישע שטאַטן. — די באַלוינונג און באַשטראַפונג פון די מעדיצין־מענער.

די באַלוינונג פון די מעדיצין־מענער פאַר זייערע דינסטן איז אַ סך מאָל אפילו גאַנץ גרויס, ווען זייער באַהאַנדלונג ברייננגט ערפאָלגרייכע רעזולטאַטן. אין פאַל אָבער די באַהאַנדלונג ענדיקט זיך אומגליקלאַכערווייזע, שטייט דעם דאָקטאָרס לעבן אין גע־פאַר, סיידן עס געלינגט דעם דאָקטאָר צו איבערצייגן די קרובים און פריינט פון דעם פאַרשטאָרבענעם, אז אין דעם פאַרשטאָר־בענעמס טויט איז שולדיק דער בייזער מכשף פון אַ פיינטלאַכן שבט. אין די גאָר הויכע שטופן פון אנטוויקלונג, ווען דאָס פּרימיטיווע לעבן איז איבערגעגאַנגען אין די ערשטע ציוויליזירטע מלוכות, און די דאָזיקע צויבערער־דאָקטוירים זענען אויסגעוואקסן אין דעם הערשנדן קלאַס פון פּריסטער, וועלכע לעבן אין די פּראַכטפולע טעמפּלען, אַלס צענטרען פון וויסנשאַפט און רע־ליגיע, זענען די פּריסטער־דאָקטוירים אינגאַנצן פריי פון וועלכע עס איז פאַראַנטוואָרטלאַכקייט אין פאַלן, ווען זייער קוראַציע ענדיקט זיך שלעכט; יעדער מיסערפאָלג, יעדער אומגליקלאַכער פאַל ווערט איבעראַל אָנגענומען אַלס אַן אויסדרוק פון דעם ווילן פון די מעכטיקע געטער, קעגן וועלכן אפילו די הייליקע פּריסטער מיט זייער גאַנצער געטלאַכער מאַכט און זייער גאַנצער וויסנ־שאַפט זענען הילפלאָז.

אין מעסאפאטאמיען, וואו עס האבן מיט פינף, זעקס טויזנט יאר צוריק געבליט די גרויסע אוראלטע מלוכות פון אשור און בבל, האט מען געפונען צווישן די טויזנטער אנדערע היסטא־רישע שריפטן א גאנץ גרויסן בוך „די געזעצן פון האמוראבי“. די היסטאריקער פון די אוראלטע אזיאטישע ציוויליזאציעס רע־כענען, אז דער האמוראבי האט געהערשט אונגעפער מיט 4,100 יאהר צוריק. אין דעם בוך געפינען מיר אויך באשטימטע גע־זעצן וועגן די פריסטער־דאקטוירים. פון די דאזיקע געזעצן אליין קענען מיר זען, אז דא האבן מיר פאר אונז א פעסט־ארגאניזירטע קלאסן־געזעלשאפט, מיט א קלאס פון שקלאפן און פון באפרייטע שקלאפן. איך וועל דא נאר ברייינגען אייניקע געזעצן פון דעם בוך וואס באשטימען פינקטליך די בעלוינונגען, ווי אויך די שטראפען פאר די באהאנדלונגען פון דעם הערשנדן קלאס פון די פריסטער־דאקטוירים.

„ווען דער דאקטאר מאכט א שווערע וואונד־אפעראציע מיט זיין אפעראציע־מעסער פון בראנזע און דער קראנקער איז אויסגעהיילט, אדער ווען דער דאקטאר היילט אויס און רעטעט א קראנקן אויג דורך אן אפעראציע מיט א בראנזע מעסער, דארף דער דאקטאר קריגן באצאלט צען זילבערנע שעקעלס. אויב דער קראנקער איז א באפרייטער שקלאף, מוז דער דאקטאר קריגן א באלוינונג פון פינף שעקעלס. אויב דער קראנקער איז א שקלאף דארף דער אייגנטימער פון דעם שקלאף געבן דעם דאקטאר צוויי זילבערנע שעקעלס. ווען א דאקטאר היילט אויס א צובראכענעם ביין אדער קראנקע געדערים, דארף דער קראנ־קער באצאלן דעם דאקטאר פינף זילבערנע שעקעלס. אויב דער דאקטאר מאכט אין דער אפעראציע א שווערע וואונד מיט זיין בראנזע מעסער און דער קראנקער שטארבט, אדער ער עפנט אן אויג מיט זיין אפעראציע בראנזע מעסער און דער קראנקער פארלירט דעם אויג, דארפן דעם דאקטארס הענט אפגעשניטן ווערן. ווען דער דאקטאר מאכט א שווערע וואונד מיט זיין בראנזע מעסער אויף דעם קערפער פון א שקלאף, וואס געהערט

צו א באפרייטן שקלאף, און דער שקלאף איז טויט, מוז דער דאקטאר צושטעלן דעם אייגנטימער אן אנדער שקלאף".

דאס זענען די פינקטלאכע ווערטער פון האמוראבים געזעצן איבער דעם ענין פון בעלוינונג און שטראף פאר דאקטוירים.

אין דער אורעלטער אזיאטישער מלוכה פון מצרים, וואו דער הערשנדער פריסטער קלאס האט ווארשיינלאך דערגרייכט די העכסטע שטופע פון א פעסט געשלאסענע ארגאניזאציע, זענען די פריסטער־דאקטוירים פריי פון וועלכע עס איז באשטראפונגען אין פאל, ווען זייערע מעדיצינישע באהאנדלונגען ענדיקן זיך שלעכט, אויב דער פריסטער־דאקטאר האט באהאנדלט דעם קראנקן שטרענג נאך די רעגעלן פון דער מעדיצינישער וויסנשאפט, וואס איז אין די הענט פון דעם פריסטער־קלאס. דיאדארוס, דער גריכישער היסטאריקער, וועלכער האט געלעבט אומגעפער צוויי טויזנט יאר צוריק, אין זיין באשרייבונג פון די פריסטער־דאקטוירים פון מצרים, גיט אן פילע איינצלהייטן וועגן דער מעדיצינישער פראקטיק פון דעם הערשנדן פריסטער־קלאס. ער צייגט אויך אן אויף דעם פאקט, אז די פריסטער־דאקטוירים זענען פריי פון באשולדיקונגען און באשטראפונגען פאר דעם מיסערפאלג פון זייערע באהאנדלונגען. אויב אבער דער דאקטאר איז אפגעטראטן פון די טראדיציאנעלע וועגן פון דער מעדיצינישער וויסנשאפט פון די הייליקע מעדיצינישע ביכער פון דעם פריסטער־קלאס און האט געברויכט זיינע אייגענע הייל־מיטלען, ווערט ער באשטראפט מיט טויט אין פאל ווען דער קראנקער שטארבט.

קלעמענס פון אלעקסאנדריא, מצרים, א פאסטאר פון די ערשטע קריסטלאכע סעקטן, וועלכע די ערשטע רוימישע אימפעראטארן האבן פארפאלגט איידער דער אימפעראטאר קאנסטאנטין האט דערקלערט די קריסטלאכע רעליגיע אלס די רעליגיע פון דער רוימישער אימפעריע, דערציילט אין זיינע שריפטן, אז דער הערשנדער פריסטער־קלאס פון מצרים האט געשעפט זייער מעדיצינישע לערע פון די איין־און־פערציק מעדיצינישע בי־

כער, וואס זענען פארפאסט געווארן, ווי די פריסטער באהויפטן, פון דעם גאט טהאט אליין. דער גאט טהאט איז דער גאט פון דער לבנה. אזוי ווי רא איז דער גאט פון דער זון.

אלע אנדערע ווי אויך די אויסגעגראבענע געשיכטלאכע דאקומענטן, סיי די איבערגעזעצטע שריפטן, סיי די געגויערע אונטערזוכונגען פון די פארבליבענע פיראמידן און טעמפלען איבערציינן דעם פארשער פון די אוראלטע אזיאטישע שטאטן, אז מצרים פארנעמט צווישן די אוראלטע אזיאטישע ציוויליזאציאנען דעם ערשטן פלאץ אין איר העכסטער פארמע פון אנטוויקלונג פון דעם פריסטערטום אלס דעם הערשנדיקן קלאס, גראדע אזוי ווי ענגלאנד פארנעמט דעם ערשטן פלאץ אין דער אנטוויקלונג פון דעם קאפיטאליסטישן קלאס.

מצרים איז דאס קלאסישע לאנד פון דער הערשאפט פון דעם פריסטער־קלאס, אזוי ווי ענגלאנד איז דאס קלאסישע לאנד פון דעם קאפיטאליסטישן קלאס אין דער העכסטער שטופע פון זיין אנטוויקלונג צום אימפעריאליזם, צו דער הערשאפט איבער דער גאנצער וועלט. אפילו פון די געזעצן אליין וועגן דער באצאלונג און באשטראפונג פון די פריסטער דאקטוירים, ווען מען פארגלייכט די געזעצן פון האמוראבי אין בבל מיט די געזעצן אין מצרים, קען מען זען ווי שטארקער עס איז די ארגאניזירטע מאכט פון דעם פריסטערטום אין מצרים אין פארגלייך מיט דעם הערשנדיקן קלאס פון פריסטער אין בבל. אין די געזעצן פון מצרים ווערט ווייניק געזאגט וועגן די באשטימטע באצאלונגען פאר די פארשיידענע אפעראציעס פון די פריסטער־דאקטוירים. די פריסטער־דאקטוירים פון מצרים קריגן זייער געהאלט פון די טעמפל־פאנדן. די פריסטער־דאקטוירים, זאגט דער גריכישער היסטאריקער דיאדארוס, זענען פארפליכטעט צו באהאנדלען די סאלדאטן אומזיסט. די פריסטער־דאקטוירים זענען פריי פון וועלכע עס איז באשטראפונגען אין פאל ווען זייער באהאנדלונג ענדיקט זיך שלעכט.

שטרענג באשטראפט צום טויט ווערן נאר די דאקטוירים,

וואס ווארפן זיך ניט אונטער צו דער שטרענגער דיסציפלין פון דעם ארגאניזירטן פריסטערטום, און וואגן צו באהאנדלען די קראנקע ניט נאך די מעטאדן און רעגלען, וואס זענען פעסט־געשטעלט פון דער ארגאניזירטער קערפערשאפט פון די פריס־טער. דאס פריסטערטום פון מצרים שטעלט מיט זיך פאר די העכסטע שטופע פון דער אנטוויקלונג פון דעם פריסטער־קלאס, אלס דעם הערשנדן קלאס פון אלע אוראלטע אזיאטישע שטאטן. פארגלייכנדיק דעם פריסטער־קלאס מיט דעם קאפיטאליסטישן קלאס, וואס זיינע אנטוויקלונגס שטופן זענען אונז פיל קלארער און בעסער באוואוסט, קענען מיר מיט פולן רעכט באהויפטן, אז דער פריסטער־קלאס פון מצרים האט דערגרייכט די שטופע פון א וואונדערלאך פעסט ארגאניזירטן טראסט, וואס האט אי־בער דעם גאנצן שטאט פון מצרים פעסט געהאלטן אין זיינע הענט אלס זיין אייגנטום די פון דורות אנגעקליבענע וויסנשאפטן פון מעדיצין, פון אסטראנאמיע, פון געאמעטריע, פון אריטמע־מעטיק, אויך די וויסנשאפט און קונסט פון שרייבן און בויען. דערפאר האב איך אויסגעקליבן מצרים אלס א מוסטער פון די גרויסע אוראלטע אזיאטישע שטאטן און איך וועל זיך ספע־ציעל אפשטעלן אויף דעם עקאנאמישן לעבן פון מצרים צו באוויי־זן ווי אזוי דער עקאנאמישער לעבן פון מצרים האט ארויס־גערופן די נויטווענדיקייט פון דער וויסנשאפט פון אסטראנאמיע, ווי אזוי דער רעליגיעזער אינהאלט פון די פרימיטיווע פעלקער מיט זייער גלויבן אין די לעבנס פייאיקייטן פון די גייסטער פון די פארשטארבענע מיטגלידער, און זייער פארגעטערונג פון די אוראלטע פאטערס און מוטערס, איז אין מצרים אזוי גוט ווי אין אלע אנדערע אוראלטע אזיאטישע שטאטן פארגרעסערט געווארן מיט דער פארגעטערונג פון דער זון, פון דער לבנה, פון די שטערן, פון דער ערד, א. ז. וו., און ווי אזוי דער פריסטער־קלאס מיט זייער וויסנשאפט פון אסטראנאמיע, וואס זיי בא־האלטן פאר זיך אין געהיימניס, איז געווארן דער הערשער פון דעם עקאנאמישן לעבן פון לאנד.

געאָגראַפיש אייגנטלאך איז מצרים ניט אן אזיאַטישער שטאַט, נאָר אן אפריקאַנישער, נאָר אזוי ווי דער הויפּט כאַ־ראַקטער־שטריך, וואָס אונטערשיידעט די אוראַלטע אזיאַטישע ציוויליזאַציאָנען פון אונזער אייראָפּעאישער, איז אם בולטסטן און שטאַרקסטן אויסגעדריקט אין דעם אפריקאַנישן שטאַט, אַלס דעם טיפּישן ביישפּיל פון די אוראַלטע אזיאַטישע שטאַטן. און דער הויפּטשטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט די שטאַט־הערשאַפט פון דעם פּריסטער־קלאַס, פון וועלכן די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציאָנען ווייסן ניט, באַשטייט אין דעם וואָס די טעמפּלען, — אויסער דעם וואָס זיי זענען געווען די ווירקלאַכע פעסטונגען פון דעם הערשנדן קלאַס פון די פּריסטער גראַדע אזוי, ווי די באַנקען און די בירזשעס זענען איצט די פעסטונגען פון דעם איצטיקן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, אָדער ווי די הויפן פון די קע־ניגן, פּרינצן, באַראָנען און גראַפן זענען געווען די פעסטונגען פון דעם הערשנדן קלאַס פון די לאַנד־מאַגנאַטן, — זענען צו דער זעלבער צייט אויך געווען די צענטערן, וואו עס האָבן זיך אַנטוויקלט די אַלע פאָרמען פון קולטור, וועלכע די אידעאָלאָ־גישע פּאַרטיידיקער פון די קלאַסן־געזעלשאַפטן רופן אָן מיט שטאָלץ די גלאָררייכע דערגרייכונגען פון אונזערע ציוויליזירטע שטאַטן.

אין דער העכסטער שטופע פון זייער אַנטוויקלונג, אין וועלכער מיר געפינען די טעמפּלען אין די אַלטע פּריסטער־שטאַטן, זענען די טעמפּלען געווען אי האָספּיטעלער פאַר קראַנקע, אי שולן פאַר די קינדער, אי אוניווערסיטעטן פאַר די אויסגעקליבע־נע, אי אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריען פאַר די פּריסטער. אונ־טער דעם ווייט און ברייט פאַרשפּרייטן רעליגיעזן מאַנטעל פון די פּריסטער האָבן הארמאָניש געאַרבעט טויזנטער באַגאַבטע מענטשן אין אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און קונסט, אַלע האָבנדיק איין ציל: צו באַצויבערן די מאַסן פון פאָלק מיט זייער געהיימניספולער מאַכט פון וויסן און קונסט. די פּריסטער דאָקטוירים, די פּריסטער אַסטראָנאָמען, די פּריסטער ארכיטעקטאָרן, די וואָס שאַפן די

פלענער און פירן דורך דאס בויען פון די פראכטפולע טעמפלען, פריסטער קינסטלער פון מאלעריי, פון סקולפטור, פון מוזיק, פון טאנצן, פריסטער דיכטער, פריסטער נביאים, אדער ווי זיי הייסן אין דער אלטער עגיפטישער שפראך—די פריסטער־נאבים, די פריסטער שרייבער פון די הייליקע ביכער א. אז. וו.

אט־די דאזיקע הארמאנישע אייניקייט פון גלויבן און אבער־גלויבן, פון וויסנשאפט און חכמה איז דער גרונד כאראקטער־שטריך, וואס אונטערשיידט די קולטור פון די אריענטאלע ציווי־ליזאציעס, וואו דער הערשנדיקער קלאס איז דער פריסטערטום, פון דער קולטור פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע, וואו דער הערשנדיקער קלאס איז דער קלאס פון די לאנד־מאגנאטן.

אין די מכשפים און מעדיצין־מענער פון די ערשטע ווילדע פרימיטיווע געזעלשאפטן, אין די ערשטע שפראצן, פון וועלכע עס איז אין דעם משך פון הונדערט טויזנט יאר פון דער פרימיטיוון לעבן אליץ מעכטיקער און מעכטיקער אויסגעוואקסן דער הערשנ־דיקער קלאס פון פריסטער אין די אריענטאלע מלוכות, געפינען מיר דעם ארגאנישן צוזאמענוואקסן פון די צוויי עלעמענטן: פון דעם אמת׳ן וויסן און פון דעם פאנטאסטישן גלויבן אין גייסטער, פון וויסנשאפט און רעליגיע.

דאס אנגעקליבענע וויסן פון ווירקלאכע נאטירלאכע מיטלען, וועלכע די מכשפים האבן אויסגעפונען, האט זיי געגעבן די מעג־לאכקייט צו צייגן וואונדערלאכע רעזולטאטן אין באהאנדלען קראנקע. און דער איבעראל פארשפרייטער גלויבן אין גייסטער האט געהאלפן די מכשפים צו אנערקענט ווערן אלס א באזונדער קלאס פון אויסדערוויילטע גייסטער, גרעסערע און מעכטיקערע פון די גייסטער פון די אנדערע מיטגלידער פון דער פרימיטיווער געמיינדע. די מכשפים אליין האבן ווארשיינלאך געגלויבט אין זייער אויסערגעוויינטלאכן כח איבער די גייסטער. זיי האבן אליין געגלויבט, אז די גייסטער האבן זיי געהאלפן אויסצוגעפינען די מיטלען, און אז די וואונדערלאכע רעזולטאטן, וואס זיי דערגרייכן דורך די מיט גרויס מי אויסגעפונענע מיטלען, האבן זיי צו פאר־

דאנקען ניט נאר די נאטור־מיטלען, נאר אויך די גייסטער. און ווען אפילו די מכשפים וואלטן אליין ניט געגלויבט אין די גייס־טער, וואלטן זיי דאך מיט אלע מעגלאכקייטן געזוכט אויפצוהאלטן דעם גלויבן צווישן די איבעריקע מיטגלידער, ווייל דער גלויבן באפעסטיקט זיי אין דער גינסטיקער סאציאלער לאגע פון א הע־כערן קלאס, א קלאס, וואס שטייט אין נאענטע באציאונגען מיט די גייסטער, א קלאס, וואס האט דורך דעם א געוואלדיקן כח איבער דעם לעבן און טויט פון זייערע מיט־מענטשן.

.18

די רעאַלע מאַכט פון דעם פּריסטער־קלאַס ליגט אין די אויס־געפונענע נאַטירלאַכע היילמיטלען און אין די אַנטדעקטע גיפטיקע שטאָפן, וואָס געפינען זיך אין געוויסע סאָרטן גראָזן און פלאַנצן.

לאָמיר נעמען אייניקע ביישפּילן פון די אויסגעפונענע מיט־לען, וואָס זענען באַוואוסט געווען די מכשפים פון די ערשטע פרימיטיווע ווילדע שבטים.

אייניקע פון די אינדיאַנער שבטים פון אַמעריקע ברויכן אין זייערע שלאַכטן מיט די אַנדערע פיינטלאַכע שבטים פאַרגיפטע־טע פיילן. זייערע מכשפים אָדער מעדיצין־מענער האָבן אויסגע־פונען דעם גיפט קוראַרע, מיט וועלכן זיי באַשמירן די שפּיצן פון די פיילן. דער גיפט איז אַן עקסטראַקט פון דער שוואַרצלאַ־כער סמאָלע פון די ביימער, וועלכע זענען איצט באַוואוסט אין באָטאַניקע מיט דעם נאָמען „סטריכנאָס טאָקסיפעראַ“, און וועלכע וואַקסן אין זיד־אַמעריקע. די איינגעבוירענע ווילדע פון דעם געגנט, וואו דיזער סאָרט ביימער וואַקסן, רופן דעם בוים וואוראַלי אָדער וואוראַרי. מיט אונזערע גענויע מיטלען פון אונטערזוכונג ווייסן מיר, אַז דער גיפט קוראַרע פּאַראַליזירט די נערוועז, וואָס קאָנטראָלירן די באַוועגונג פון די מוסקולן, און ער טויטעט דעם מענטשן מיט דעם, וואָס ער פּאַראַליזירט די נער־ווען און די באַוועגונג פון די מוסקולן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם פּראָצעס פון אָטעמען; דער מענטש הערט אויף צו אָטעמען און ער שטאַרבט, אַזוי ווי עס שטאַרבט איינער, וואָס ווערט דערוואָרגן.

געוויס ווייסן ניט די מכשפים פון נערוועז, פון דעם פינקטלאכן אויסגעפארשטן וועג, ווי אזוי דער גיפטיקער שטאף ווירקט אויף דעם ארגאניזם פון דעם מענטשן, אבער זיי ווייסן, אז זיי האבן אין דעם שטאף א זיכערן מיטל צו טויטן דעם פיינט פון דער געמיינדע. די ווירקונג פון דעם טויטלאכן גיפט קוראַרע וועט זיך אויף א האר ניט ענדערן פון דעם, צי דער מכשף גלויבט אין די גייסטער, אלס די אורזאכע פון דער וואונדערלאכער ארבעט פון דעם גיפט, צי ער גלויבט ניט; אבער די סאציאלע פארהעלטענישן צווישן דער געמיינדע און די מכשפים, וואס האבן באשמירט די פייל־שפיצן מיט דעם גיפט, וועלן זיין גאנץ אנדערע, ווען אין דער געמיינדע הערשט דער גלויבן אין גייסטער און זיי באגרייפן די וואונדערלאכע ארבעט פון דעם גיפט אלס א שפיל פון די גייסטער, וואס האבן געגעבן די מכשפים דעם אויסערגעוויינטלאכן כח צו צייגן אזעלכע וואונדערס.

אין דער לעצטער גרעסטער מלחמה, וואס האט אויסגעבראכן צווישן אונזערע העכסט אנטוויקלטע קאפיטאליסטישע שטאטן פון אייראפע, האבן אונזערע וויסנשאפטסמענער, און מער פון אלעמען די וויסנשאפטסמענער פון דייטשלאנד, אונזערע מעדיצין־מענער, אונזערע טעכנאלאגן און כעמיקער, באוויזן פיל גרעסערע וואונדער אין דער קונסט פון טויטן אין מאסן די קעמפנדיקע מענטשן־ארמייען, וואס קעגן זיי זענען די גיפטיקע פיילן פון די פרימיטיווע מכשפים א קינדערשע שפילצייג. אבער דער קאפיטאליסטישער קלאס פון אונזערע אייראפעאישע שטאטן נויטיקט זיך ניט, כדי אויפצוהאלטן זייער פריווילעגירטע סאציאלע לאגע, אין קיינע פאנטאסטישע רעליגיעזע מאנטלען, אין קיינע גלויבנס אין די איבערנאטירלאכע כחות פון געטער אדער גייסטער; אין דעם האט זיך אויך ניט גענויטיקט דער הערשנדיקער קלאס פון די לאנד־מאגנאטן אין די שטאטן פון דעם אייראפעאישן אלטערטום, אין די אלטע שטאטן פון גריכנלאנד און רוים, אויך ניט אין די שטאטן פון דער אייראפעאישער פעאדאלער עפאכע.

דער אמת'ער קוואַל פון דער רעאַלער מאַכט פון די דאָזיקע צוויי קלאַסן, דעם קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן און דעם קלאַס פון די לאַנד־מאַגנאַטן, איז אָפן, קלאָר און פאַרשטענדלאַך פאַר אַלע־מען. די פאַרשקלאַפטע מאַסן זעען גאַנץ קלאָר, אַז דער קוואַל, וואָס מאַכט די הייפעלע מענטשן פאַר הערשער איבער זיי, באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך אַלס זייער פּריוואַט־אייגנטום די גאַנצע ערד און אַלע אַנדערע מיטלען פון פּראָדוקציע, און האָבן אָרגאַניזירט אַן אָפענע רעאַלע מאַכט פון שטאַט מיט זייערע געזעצן, געריכטן, באַוואָפנטע אַרמייען און פּאָליציי צו באַשיצן זייער רעכט אויף די פאַרכאַפּטע מיטלען פון אַרבעט. אין די מעכטיקע, ווייט־שיסנדיקע קאַנאָנען, וואָס הער קרופּ, דער דייטשער קעניג פון שטאָל און אייזן, האָט צוגעשטעלט דער דייטשער אַרמיי, ווי אויך אין די אַנדערע וואונדערבאַרע, ניי־ערפונדענע קריגס־מיטלען פון טויט און פאַרניכטונג: די סובמאַרי־נען, די עראָפּלאַנען, די גוואַלדיקע אויפריים־מיטלען, די פאַרשי־דענע כעמישע גיפט־גאַזן — זעט קיינער ניט קיין געהיימניספולע כשוף־מאַכעריי. די פאַרשקלאַפטע אַרבעטער־מאַסן ווייסן גאַנץ קלאָר, אַז די אַלע שרעקלאַכע קריגס־כלים זענען באַשאַפן געוואָרן פון זייערע אייגענע הענט אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, וואו זיי באַשאַפן געוויינטלאַך אַלע אַנדערע נויטיקע לעבנס־פּראָדוקטן פאַר דעם הערשנדיקן קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטן, די אייגנטימער פון די דאָזיקע פאַבריקן און זאַוואָדן. זיי ווייסן, אַז די פּלענער פון די קריגס־מאַשינען און די נייע פאַרניכטונגס־מיטלען זענען אויסגעאַרבעט און ערפונדן געוואָרן פון די זעלביקע טעכנאָלאָגן, אינזשינירן, פיזיקער און כעמיקער, וואָס שטייען געוויינטלאַך אין דינסט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, און וואָס העלפן זיי אימער צו פאַרפעסטיקן זייער מאַכט איבער די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט דורך דער נייער מאַשינערי און די נייע מיטלען צו אָרגאַניזירן די אַרבעט אין די פאַבריקן און זאַוואָדן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב.

זיי ווייסן, אַז די דאָזיקע וויסנשאַפטס־מענער, די דאָזיקע

פּיאיקע טעכניקער האָבן ניט קיין ספּעציעלע פאַרבינדונגען מיט די גייסטער, אַז זיי זענען ניט פון די גטער אויסדערוויילטע מענ־טשען; זיי ווייסן, אַז זיי זענען באַצאָלטע, פּריווילעגירטע דינער פון דעם הערשנדיקן קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטן, פון די גענעראַלן פון דער עקאָנאָמישער פּראָדוקטיווער טעטיקייט פון לאַנד.

די מכשפים פון די ערשטע פּרימיטיווע ווילדע שבטים האָבן אויסגעפונען אַ מאַסע נאַטירלאַכע הייל־מיטלען, און צווישן זיי האָבן די גרעסטע ראָלע געשפּילט די גיפטישע שטאָפן, וואָס גע־פינען זיך אין געוויסע סאָרטן גראָזן און פלאַנצען.

דער אַנגעצייגטער גיפט קוראַרע, מיט וועלכן אייניקע ווילדע שבטים באַשמירן זייערע פייל־שפּיצן, ווערט אויסשליסלאַך באַ־נוצט אין די שלאַכטן אַלס אַ זיכערערע טויטלאַכע וואָפע. אָבער אַ גרויסער טייל פון די אַנדערע גיפטיקע שטאָפן ווערן באַנוצט אי אַלס טויטלאַכע שטאָפן, אי אַלס הייל־מיטלען; די ווירקונג פון די דאָזיקע גיפט־שטאָפן אויף דעם מענטשלאַכן אָרגאַניזם איז גאַנץ פאַרשידנאַרטיק, אָפּהענגיק פון דער דאָזע. אין געוויסע, גאַנץ קליינע דאָזן ווירקן זיי אַלס זיכערע הייל־מיטלען, און די זעלביקע שטאָפן אין גרויסע דאָזן זענען שרעקלאַכע טויט־מיטלען. צום ביישפּיל, די גיפטן פון אָפּיום און קאַנאַבים, וועלכע זענען לאַנג באַוואוסט געוועזן די מעדיצין־מענער פון די פּרימיטיווע געזעל־שאַפטן. אָפּיום איז אַ גאַנץ געדיכטע ווייסלאַך־ברוינע מאַטעריע, וואָס פליסט אַרויס, ווען מען שניידט איין די יונגע, ניט פאַר־טיקע קעפּלאַך פון אַ פלאַנץ, וועלכע הייסט די ווייסע פּאַפּי, אָדער אין דער באָטאַניקע הייסט די פלאַנץ „פּאַפּאַווער סאָמניפערום“. דאָס איז אַ מין פלאַנץ, פון וועלכן מיר קריגן אונזער מאָן. דער באָטאַנישער נאָמען הייסט אין איבערזעצונג די פלאַנץ פּאַפּאַווער, וואָס פאַרשלעפערט. דיזער סאָרט פּאַפּאַווער איז אַם ערשטן גע־פונען געוואָרן אין קליין־אַזיע. איצט ווערט ער קולטיווירט אין פילע אַנדערע ערטער. אָפּיום ווירקט פאַרשידנאַרטיק אויף די נערוון פון דעם מאַרך אין קאָפּ. ער רייצט אויף די נערוון פון דעם רוקן־מאַרך צו אַ העפטיקער טעטיקייט און באַרואיקט אָדער

פארשלעפערט די טעטיקייט פון די נערוון און דעם מארך פון קאפ.

אין די נידעריקע חיות, ביי וועלכע דער קאפ־מארך איז גאנץ ווייניק אנטוויקלט, ווי צום ביישפיל, א זשאבע (א ליאגושקע), פאראורזאכט דער אפיום, ווען מען גיט דער זשאבע א פולע דאזע פון אפיום, גוואלדיקע קאנוואולסיען, אלס א רעזולטאט פון דער אויפרייצנוג פון דעם רוקן־מארך. אין די חיות, וואס שטייען אין דער אנטוויקלונג פון דעם קאפ־מארך צווישן דער זשאבע און דעם מענטשן, ווי צום ביישפיל, א הונט, פאראורזאכט די זעלביקע דאזע פון אפיום אמאל אי קאנוואולסיען, אי פארשלעפערונג, און אמאל פארשלעפערונג אן קאנוואולסיען. אין דעם מענטשן, ביי וועמען דער קאפ־מארך איז אנטוויקלט אם העכסטן, פאראורזאכט דער אפיום א טיפע פארשלעפערונג. אויך איז גוואלדיק פארשידן די ווירקונג פון אפיום אין קליינע דאזעס און גרויסע דאזעס. אין קליינע דאזעס פארשטארקט אפיום די הארץ־מוסקולן, אין די גרויסע דאזעס ווערט דער פולס לאנגזאם; קליינע דאזעס האבן א גאנץ קנאפע ווירקונג אויף די מארך־צענטרען, וואס קאנטראלירן דעם פראצעס פון אטעמען, אבער אין גרויסע דאזעס איז אפיום איינער פון די שטארקסטע מיטלען, וואס פאראליזירן די דאזיקע נערוועו־צענטרען פון אטעמען און פאראורזאכן שנעלן טויט דורך דעם. פון קליינע דאזעס ווערט די טעמפעראטור פון קערפער געהעכערט, פון גרויסע דאזעס פאלט די טעמפעראטור. אין קליינע דאזעס איז אפיום איינער פון די זיכערסטע מיטלען צו שטילן די קערפערלאכע שמערצן, צו בארואיקן די צערייצטע נערוועו, צו שטילן פילע פראצעסן פון אנצינדונגען אין קערפער, צו ברענגען א רואיקן שלאף, אבער אין גאנץ גרויסע דאזעס איז אפיום איינער פון די זיכערסטע טויטלאכע גיפטן.

דער צווייטער גיפטיקער שטאף, וואס איז איצט באוואוסט אין מעדיצין מיט דעם נאמען „קאנאבים אינדיקא“, און וועלכער איז אויך שוין לאנג באוואוסט געווען די מעדיצין־מענער פון די פרימיטיווע געזעלשאפטן, ווירקט גאנץ אנדערש אויף דעם מענטש־

לאכן אָרגאַניזם, ווי דער אָפּיום גיפט, הגם ער שטילט אויך איין די שמערצן און פאראורזאכט אויך אין פולע דאָזעס א טיפן רו־איקן שלאָף ווי דער אָפּיום גיפט. דעם גיפטיקן שטאָף „קאַנאַבים אינדיקאַ" קריגט מען פון די בלומען־שפּיצן פון דעם ווייבלאכן פלאַנץ, וועלכער טראָגט אין דער באָטאַנישער וויסנשאפט דעם נאָמען פון „קאַנאַבים סאַטוויאַ". „קאַנאַבים אינדיקאַ" הייסט אייגנטלאך אין איבערזעצונג אויף אידיש „דער מין קאַנאָפּליע, וואָס וואַקסט אין אינדיע". ווען מען גיט א מענטשן א פולע דאָזע פון דעם גיפט „קאַנאַבים אינדיקאַ", פאַלט ער אריין אין א צו־שטאַנד פון עקסטאַז, אין א אויסערגעוויינלאכער פריילאכער שטי־מונג, און ער פּלאַצט ארויס אָפט מיט א שטורמישן געלעכטער פון די מינדסטע קלייניקייטן. דער מענטש זעט אויס ווי א משוגענער פון פריילאכקייט. ביי אנדערע מענטשן רופט ארויס די זעלביקע דאָזע פון דעם קאַנאַבים גיפט אומאַנגענעמע געפילן. מאַנכע פילן, אז זייערע לונגען ווערן אָנגעבלאָזן מיט לופט און זיי דוכט זיך, אז זיי האַלטן ביים שטאַרבן און זייער לעבן ענדיקט זיך באַלד. א קורצע צייט נאָך די פאַרשידענע אָנפאַלן פון פריי־לאַכקייט אָדער שרעק פאַלט דער מענטש אריין אין א טיפן שלאָף, וועלכער געדויערט מאַנכעסמאָל 14 אָדער 15 שטונדן נאָכאַנאַנד. פון גאָר גרויסע דאָזעס פון דעם גיפט קאַנאַבים הויבט אָן דער מענטש צו אָטעמען פיל לאַנגזאַמער, אָבער מיר האָבן ניט קיין רעקאָרד פון איין טויטן־פאַל אפילו פון די גאָר גרויסע דאָזעס. עקספּערימענטן זענען געמאַכט געוואָרן אויף חיות, מען האָט אריינגעשפּריצט 300 טראָפּן פון דעם גיפט אין אן אָדער פון א קליינעם הונט, בעת די געוויינלאכע מעדיצינישע דאָזע פאַר א דערוואַקסענעם מענטשן איז 10 טראָפּן, און דער הונט איז ניט געטויטעט געוואָרן פון דער גוואַלדיקער דאָזע. דער מערקווירדיק־סטער און דער העכסט כאַראַקטעריסטישער סימפּטאָם פון דער ווירקונג פון גאָר גרויסע דאָזעס אויף דעם מענטשלאכן קאָפּ־געָ־הירן באַשטייט אין דעם, וואָס דער פאַרגיפטעטער פילט, אז די צייט ציט זיך אומגעהויער לאַנגזאַם, מינוטן זעען אויס ווי

שטונדן, אויך זעט אוים גראדע ווי דער קאפ־געהירן ווערט צע־שפאלטן אויף צוויי אפגעזונדערטע טיילן. אנאטאמיש ווערט דער מענטשלאכער קאפ־געהירן צעטיילט דורך א טיפן שפאלט, וואס ציט זיך פון שטערן ביז צום נאקן, אויף צוויי האלבע קוגלען, די רעכטע און די לינקע האלב־קוגל. אין א נארמאלן געזונטן צו־שטאנד, אין דעם נארמאלן פראצעס פון דענקען, ארבעטן אין דעם מענטשן די צוויי האלבע קוגלען הארמאניש צוזאמען. אין דעם פארגיפטעטן צושטאנד ארבעטן די צוויי קוגלען אומאפהענגיק איינע פון דער אנדערער, און דער מענטש דענקט אין דער זעל־בער צייט וועגן דעם זעלבן קעגנשטאנד פארשידענע קעגנזייטיקע געדאנקען, גלייך ווי אין זיין געהירן וואלטן געזעסן צוויי פאר־שידענע פערזענלאכקייטן.

ווי אלט און ווייט פארשפרייט דער גיפט איז געווען צווישן די אזיאטישע פעלקער, קען מען זען פון דעם, וואס די פארשידענע פאר'שכורונג־געטראנקען, ווי דער האשיש ביי די אראבער, אדער א מין קאנפעקטן, ווי צום ביישפיל באנג ביי די הינדוסן און דער מאזשון ביי די מאהאמעדאנער, ווערן פארגיפטעט פון דעם קא־נאבים גיפט; אמאל ווערט נאך צו דעם קאנאבים שטאף צוגעגעבן צעמאלענע זוימען פון דעם גיפטיקן שטאף סטראמאניום.

די ערשטע וויסנשאפטס־מענער, די ערשטע מעדיצין־מענער האבן מיט גרוים מי אויסגעפונען א מאסע אזעלכע וואונדערלאכע שטאפן פון פלאנצן און פון פילע אנדערע נאטירלאכע קוואלן. ווי אנדערש האבן די מאסן, פון וועלכע די וויסנשאפטס־מענער האבן געזוכט מיט אלע מיטלען צו באהאלטן דאס פון דור־דורות אנ־געקליבענע וויסן, געקענט באטראכטן אזעלכע מענטשן, וואס קע־נען אויפטאן אזעלכע וואונדער, ווי מעכטיקע גייסטער, ווי וואונ־דערלאכע צויבערם?

די גרויסע לאנגע פעריאדע, אין וועלכער די מכשפים פון די גאר ווילדע פרימיטיווע קאמונעס זענען אלץ שטארקער און שטאר־קער געוואקסן, ביז זיי זענען אויסגעוואקסן און געווארן דער הער־שענדיקער קלאס פון די אזיאטישע ציוויליזירטע שטאטן, קען

צעטיילט ווערן אויף צוויי געשיכטלאַכע עפּאָכן: די ערשטע עפּאָכע איז די לאַנגע עפּאָכע איידער עס זענען דערשינען די טעמפּלען, און די צווייטע עפּאָכע איז די עפּאָכע, ווען די וויסנשאַפטס־מענער, די מכשפים, די רעליגיע־פירער, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די טעמפּלען. אין דער צווייטער פּעריאָדע האָבן זיי אָנגעהויבן שנעלער צו וואַקסן אין אַ מעכטיקן קלאַס פון פּריסטערטום.

19.

די צוויי הויפּט־שטופן פון דער אַנטוויקלונג פון פּריסטערטום. — די ערשטע, נידעריקערע שטופע פון די מכשפים־דאָקטוירים אַן טעמפּלען. — די צווייטע, העכערע שטופע איז די פּעריאָדע פון דעם פּריסטערטום קאָנצענטרירט אין די טעמפּלען. — פילע פאַרשער זעען נישט אין דער ערשטער שטופע פון מכשפים־דאָקטוירים אַן טעמפּלען די וואָרצלען פון אַ וואַקסנדיקן פּריסטערטום.

איך האָב פריער געבראַכט פון דעם רוימישן קריגס־פירער יולי צעזאַר'ס שריפטן איבער זיינע מלחמות אין גאַליע אויסצוגן פון עטלאַכע קאַפּיטלען, וואו צעזאַר באַשרייבט די דרואידן, די פּריסטער פון גאַליע, ווי ער האָט זיי געפונען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. אין דעם זעלבן 6טן בוך פון זיינע שריפטן, וואו ער באַשרייבט די דרואידן פון גאַליע, זענען דאָ אויך עטלאַכע קאַפּיטלען וועגן די גערמאַנען, אָדער דייטשן. וואָס אנבאַלאַנגט דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די גערמאַנען, שרייבט צעזאַר:

„די גערמאַנען אונטערשיידן זיך זייער פיל פון די גאַללען. דער גרעסטער טייל פון זייער שפּייז באַשטייט פון מילך, קעז און פלייש. זיי שענקען ווייניק אויפמערקזאַמקייט צו לאַנדווירטשאַפט. קיינער פון זיי האָט ניט אַ באַשטימטע שטיק ערד, וואָס זאָל זיך רעכענען אַלס זיין פּריוואַטער אייגנטום. זייערע פירער טיילן איין יעדעס יאָר צו די שבטים און צו משפּחות, וואָס לעבן צוזאַמען, אַזוי פיל ערד און אין די פּלעצער, וואָס די פירער באַשטימען פאַר זיי. און אויף דעם נעקסטן יאָר צווינגען זיי די משפּחות צו איבערקלייבן זיך אויף אַנדערע פּלעצער. זיי גיבן אַן

פילע אורזאַכן צו רעכטפערטיקן אַזאַ מערקווירדיקע אָרדנונג. אַזאַ אָרדנונג, דענקען זיי, וועט ניט דערלאָזן, אַז אייניקע פון די משפחות זאָלן פאַרכאַפּן אַלס זייער פּריוואַט־אייגנטום גרויסע שטיקער לאַנד, און עס זאָלן אויסוואַקסן שטאַרקע משפחות, וועל־כע זאָלן קענען אַוועקנעמען די שטיקער לאַנד פון די שוואַכערע; זיי ווילן ניט איינוואָרצלען אין זיי קיין וואונטש און קיין יאָגע־ניש נאָך רייכטום, וואָס פירט געוויינטלאַך צו קריגערייען צווישן מענטשן. יעדער איינער אין דער געמיינדע געפינט זיך אין אַ צופרידענעם מוט, ווען ער זעט, אַז זיינע לעבנס־מיטלען זענען פולקאָמען גלייך מיט די לעבנס־מיטלען פון די מעכטיקסטע פון זיי".

דאָס איז אין קורצן צעזאַר'ס שילדערונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די גערמאַנען. געוויס, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז צעזאַר איז ניט געקומען צו די דייטשע געמיינדען מיטן צוועק צו אויס־פאָרשן דעם סאָציאַלן לעבן פון די דייטשן. ער האָט אַפילו ניט אָנגעזען דעם געוויינלאַכן פרידלאַכן לעבן פון די גערמאַנישע שבטים, וועלכע האָבן געוואוינט אויף דער אַנדערער זייט פון דעם טייך ריין. ער האָט געהאַט נאָר עטלאַכע שלאַכטן מיט די גער־מאַנישע קריגערישע אַרמייען, וועלכע זענען אַריבערגעגאַנגען דעם טייך ריין און אַריינגעטראָטן אין די געגנטן פון גאַליע, וואו עס געפינט זיך איצט פראַנקרייך און בעלגיע.

פּערזענלאַך איז ער געקומען אין באַרירונג אויסשליסלאַך מיט די הויפּט קריגס־פירער פון די גערמאַנען און אין זיינע שריפ־טען גיט ער איבער, וואָס ער האָט אַרויסגעקראָגן פון זיי אין זיינע מינדלאַכע געשפּרעכן מיט זיי. געוויינלאַך פאַרצייכנט ער אין זיין בוך נאָר דאָס, וואָס אים האָט זיך אויסגעוויזן אויסערגעוויינלאַך איבערראַשנד, גאָר ניט ענלאַך צו דעם אָרט און וויזע פון דעם סאָציאַלן לעבן און די רעגירונג־פאָרמען פון דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע. זיינע באַהויפּטונגען, אַז די פירער פון די גערמאַנען באַשטימען אַליין די פּלעצער און די שטיקער לאַנד, וואָס די שבטים באַאַרבעטן, און זיי צווינגען זיי צו איבערקלייבן זיך אויף

אנדערע פלעצער יעדעס יאָר, האָבן אַ גאַנץ קליינעם היסטאָרישן ווערט. אָבער אין אַלגעמיין גיט ער איבער ריכטיק דעם כאַראַקטער פון דעם קאָמוניסטישן פּרימיטיוון סאָציאַלן לעבן אין קעגנזאַץ צו דעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן פון דער אויסגעשפּראָכענער קלאַסן־געזעלשאַפט פון רוים. וואָס אַנבאַלאַנגט דער רעליגיע פון די גערמאַנען, אַזוי ווי די שטופע פון דער אַנטוויקלונג פון דעם גערמאַנישן פּרימיטיוון לעבן איז נאָך אין צעזאַר׳ס צייטן געווען אַ גאַנץ נידעריקע, פיל נידעריקער פון דעם צושטאַנד פון די גאַללען, און די גערמאַנען האָבן נאָך ניט דערגרייכט די שטופע פון אַ פּריסטערטום, וואָס הויבט זיך אָן צו קאָנצענטרירן אין די טעמפּלען, איז לייכט צו פאַרשטיין, וואָרום צעזאַר, וועלכער האָט ניט געקענט זיך פאָרשטעלן וועלכן עס איז רעליגיעזן צושטאַנד פון אַ פאָלק, וואָס ווייסט ניט פון קיין טעמפּלען, פון פּריסטער, פון געטער, פון ברענגען קרבנות צו די פּריסטער אין די טעמפּלען, פון באַשטימטע רעליגיעזע פייער־טעג מיט די פּריסטער אַלס די אָנפירער פון די רעליגיעזע פאַראַדן און רעליגיעזע צערעמאָניעס, האָט אין זיין פאַרזוך צו באַשרייבן די רעליגיע פון די גערמאַנען זיך געפונען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט צו געפינען וועלכע עס איז שפּורן פון רעליגיע.

ער שרייבט אין דעם קאַפּיטל 21 פון דעם 6טן בוך, אַז:

„די גערמאַנען האָבן ניט קיין פּריסטער, ווי די דרואידן פון גאַליע. זיי ווייסן ניט פון קרבנות, זיי האָבן ניט קיינע רעליגיעזע צערעמאָניעס. זייער גאַנצער לעבן איז פאַרנומען מיט יאַגד און מיט איבונגען און פאָרבאַרייטונגען צו שלאַכטן און קריג. זיי האָבן אפילו ניט געהערט, אַז אַנדערע פעלקער גלויבן אין אַנדערע געטער, אויסער די נאַטירלאַכע געטער, וועלכע זיי זעען אַרום זיך, דאָס הייסט, די נאַטור־דערשיינונגען, וועלכע העלפן זיי אין זייערע אַרבעטן, ווי די זון, די לבנה, דער פייער“.

ניט נאָר צעזאַר, אפילו מאָרגאַן, וועלכער האָט אין זיין לעבנס־לאַנגן שטודיום פון דעם סאָציאַלן לעבן פון די אַמעריקאַנער פּרימיטיווע געזעלשאַפטן פון די אינדיאַנער אַנטדעקט אין

אמעריקע די מאטעריאליסטישע אויפפאסונג פון דער געשיכטע, שיינקט אויך קיין ברעקל אויפמערקזאמקייט אויף די מעדיציני־מענער פון די אינדיאנער. פאר דער געשיכטע פון די פרימיטיווע געזעלשאפטן האט מארגאן פאר אונז די זעלביקע באדייטונג, וואס מארקס פאר דער געשיכטע פון די זאגענאנטע ציוויליזירטע גע־זעלשאפטן.

א דאנק דער מאטעריאליסטישער אויפפאסונג פון דער מענטשלאכער געשיכטע איז מארגאנען געלונגען צו געבן אונז א קלארע, שטרענג־וויסנשאפטלאכע דערקלערונג פון דער אנטוויק־לונג פון די פארשידענע שטופן פון די פרימיטיווע געזעלשאפטן, אנפאנגענדיק מיט די ערשטע דריי שטופן: די נידעריקע, די מי־טעלערע און די העכערע שטופן פון דעם לעבן פון די ווילדע פרימיטיווע געזעלשאפטן, און ענדיקנדיק מיט די דריי שטופן פון דעם העכערן לעבן פון די בארבארישע געזעלשאפטן; די לעצ־טע, די העכסטע שטופע פון דעם פרימיטיוון סאציאלן לעבן, די העכערע שטופע פון דעם בארבאריזם, איז דאס די שטופע פון דעם איבערגאנג פון דעם פרימיטיוון קאמוניסטישן, קלאסנלאזן סא־ציאלן לעבן צו די ציוויליזירטע אדער קלאסן־געזעלשאפטן.

מארקס איז מיט 30 אדער 40 יאר פריער פאר מארגאנען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אלע געזעלשאפטלאכע פארמען פון דעם מענטשלאכן צוזאמענלעבן, אז אלע געזעלשאפטלאכע אינ־סטיטוציעס, אונטער וועלכע עס לעבט דאס פאלק אין א געוויסער היסטארישער פעריאדע אין א געוויסן לאנד, זענען ענג פארבונדן מיט דעם עקאנאמישן לעבן פון דעם פאלק אין דער באשטימטער צייט און באשטימטן פלאץ. דאס הייסט, מיט אנדערע ווערטער, אז אלע פארמען פון דעם געזעלשאפטלאכן לעבן זענען ענג פאר־בונדן מיט דער אנטוויקלונג פון די שאפנדע ארבעטנדע כחות אויף דעם עקאנאמישן געביט, די כחות וואס שאפן די נויטיקע לעבנס־מיטלען. מארגאן, וואס איז כמעט ווי גאר ניט געווען באקאנט מיט די גרויסע געשיכטלאכע און סאציאלע אנטדעקונגען פון מארקסן אין אייראפע, איז אומאפהענגיק פון מארקסן געקו־

מען צו דער זעלביקער איבערצייגונג, און אַנווענדנדיק דעם גרונד־פרינציפּ, וואָס גיט דעם געשיכטלאַכן פאָרשער די מעגלאַכקייט ווירקלאַך צו באַגרייפן דעם גאַנג פון דער געשיכטלאַכער אַנטוויקלונג און דעם ענגן צוזאַמענהאַנג פון אַלע פאָרמען פון דעם סאָציאַלן לעבן, איז אים געלונגען צו שאַפן זיינע עפּאָכע־מאַכנדע ווערק איבער דער געשיכטע פון די פרימיטיווע געזעלשאַפטן.

אין די גאָר ערשטע און די נידעריקסטע שטופן פון דעם ווילדן פרימיטיוון לעבן זענען די עקאָנאָמיש־שאַפנדיקע כחות אין די געזעלשאַפטן געווען זייער ווייניק אַנטוויקלט. דאָס שאַפן די לעבנס־מיטלען דורך דער מענטשלאַכער אַרבעט איז כמעט נאָך גאָר ניט געווען באַוואוסט. די מיטגלידער פון די ערשטע געזעלשאַפטן האָבן געקראָגן זייערע נאַרונגס־מיטלען גלייך מיט די אַנדערע ווילדע חיות, אין די פאַרטיקע נאַטירלאַכע פּראָדוקטן פון וואַלד און ערד. אַזוי אויך האָבן זיי געפונען זייער שעלטער אין די פאַרטיקע בוימער אָדער היילן. די מענטשן האָבן זיך געשפּייזט מיט ניס און אַנדערע פרוכטן, אָדער מיט נאַרונג־וואָרצלען פון די נאַטירלאַכע פלאַנצען, וואָס זענען געוואַקסן אין די פלעצער, וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן. ווען אין אַ געוויסער צייט, אין דעם פּראָצעס פון דער מיליאָנען־יאָריקער אַנטוויקלונג פון די פאַרשידענע מינים פון פלאַנצן און חיות איז דערשינען אויף אונזער ערד דער נייער מין מענטש־חיה, אַלס אַ נייער צווייג פון די מינים חיות, וואָס לעבן געוויינטלאַך צוזאַמען אין סטאַדעס, האָט דער מענטש נאַטירלאַך גע'ירשנ'ט פון די דאָזיקע סטאַדע־חיות דעם אינסטינקט צו געזעלשאַפטלאַכקייט, צו אַ צוזאַמענלעבן אין גרופּען. און איידער דער מענטש האָט אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו אַנטוויקלען די זאָנדערבאַרע אייגנשאַפט, מיט וועלכער ער אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע חיות—די אייגנשאַפט צו שאַפן דורך אַרבעט זיינע לעבנס־מיטלען, די אייגנשאַפט, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלאַכקייט, דורך אויספאָרשן די אַרומיקע נאַטור און די רעגלמעסיקייט פון אירע ווירקנדיקע כחות, צו ערווערבן אַלץ מער און מער זיין הערשאַפט איבער דער נאַטור, און אַנשטאָט

דער אבסאָלוטער אונטערוואָרפנקייט צו די בלינדע כחות פון דער נאטור, וואָס כאראקטעריזירט מער אָדער ווייניקער אלע אנדערע חיות, צו ווערן הערשער איבער זיי און פארוואנדלען זיי אין גע־טרייע דינער צו זיין לעבן, — איז דער נאטירלעכער פארבאנד, וואָס האָט געהאלטן אלע מיטגלידער אין איין גרופע, געווען דער זעלביקער ווי ביי די אנדערע סטאדע־חיות, דאָס הייסט, דער געשלעכטלעכער פארבאנד, דער פארבאנד פון פאמיליען, דער פארבאנד פון פאָטער־מוטער, פון קינדער און קינדס־קינדער.

דער געזעלשאפטלעכער לעבן פון די מענטשן און די פאר־שידענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אין אלע שטופן פון זייער אנטוויקלונג זענען אימער ענג פארבונדן מיט די דאָזיקע צוויי פאקטאָרן: די אנטוויקלונג פון ארבעט און די אנטוויקלונג פון דער פאמיליע. אין די ערשטע שטופן פון דעם פרימיטיוון לעבן, ווען דער ספעציעלער שטריך פון דעם מענטשלאכן געזעל־שאפטלאכן לעבן, דאָס שאפן פון די לעבנס־מיטלען דורך געזעל־שאפטלאכער ארבעט איז גאנץ ווייניק אנטוויקלט, שפילט דער ערשטער פאקטאָר אן אומבאדייטנדיקע ראָלע, און זייער סאָציאַ־לער לעבן איז אם גרעסטן באהערשט פון דעם צווייטן פאקטאָר, פון דעם געהערן פון די מיטגלידער צו איין פאמיליע, צו איין משפחה, פון די געשלעכטלאכע פארהעלטענישן צווישן מאן און פרוי און פון דער אָפשטאמונג פון די מיטגלידער פון די זעלביקע מוטערס אָדער די זעלביקע פאָטערס. מיט דער ווייטערער, אלץ העכערער און העכערער, אנטוויקלונג פון דעם געזעלשאפטלאכן שאפן פון די לעבנס־מיטלען דורך ארבעט, גייט אלץ מער און מער אריבער די הערשנדיקע ראָלע אין דעם געזעלשאפטלאכן לעבן צו דעם ערשטן פאקטאָר, און דער פראָגרעס פון די געזעלשאפט־לאכע פראָדוקטיווע כחות באשטימט אלע נייע סאָציאַלע איינ־ריכטונגען, אלע סאָציאַלע אינסטיטוציעס, באשטימט די אלע איבערקערענישן אין דעם פאמיליען־לעבן, אין די סאָציאַלע פאר־העלטענישן צווישן מאן און פרוי, עלטערן און קינדער. מאָרגאַן האָט דאָס אלץ גלענצענד באוויזן מיט דער מאסע פינקטלאך

אויסגעשטודירטע פאקטן פון דעם לעבן פון די פארשידענע שטופן פון די פרימיטיווע געזעלשאפטן, וואס ווייסן נאך ניט פון קלאסן־געזעלשאפטן פון די ציוויליזירטע שטאטן. מארגאן אבער ווייסט גאר ניט פון דער גרעסטער און וויכטיקסטער אנטדעקונג פון קארל מארקס, פון דעם נייעם פאקטאר, וואס שפילט די גרעסטע ראלע אין דער געשיכטע פון דער זאגענאנטער ציוויליזאציע, און דאס איז דער פאקטאר פון קלאסן־הערשאפט אין אלע ציוויליזירטע שטאטן ביז דער היינטיקער הערשאפט פון דעם קאפיטאליסטישן קלאס אין אלע מאדערנע מעכטיקע שטאטן. מארגאן מאכט אייניקע באמערקונגען וועגן אונזערע ציוויליזירטע מלוכות, וואס ציינגן, ווי ווייט ער איז פון וועלכער עס איז פארשטענדעניש איבער דעם פונדאמענטאלן כאראקטער פון אונזערע ציוויליזירטע קלאסן־געזעלשאפטן.

אויף זייט 511 פון זיין גרויסן ווערק איבער „די אוראלטע פרימיטיווע געזעלשאפטן" געפינען מיר עטלאכע ציילן, וואו ער שטעלט זיך אפ אויף אונזער אייראפעאישער ציוויליזאציע, און ער באהויפטעט, אז אנשטאט די אבסאלוט גלייכע רעכט און גלייכע געזעצן פאר אלע מיטגלידער פון די פרימיטיווע געזעלשאפטן, געפינען מיר אין אונזערע מאדערנע געזעלשאפטן איבעראל אנדערע רעכט און אנדערע געזעצן פאר פריווילעגירטע אריסטאקראטן, וועלכע זענען געווארן דורך זייער פריוואט־אייגנטום און זייער שטאט־מאכט די גרונד־זיילן פון דער געזעלשאפט, און עס הערשט א שטארקע אומגלייכהייט צווישן די רעכט פון די דאזיקע אריסטאקראטן מיט זייערע געזעצלאכע פריווילעגיעס און די רעכט פון די איבעריקע שיכטן פון פאלק. און איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע אויפגאבן אין אונזערע מאדערנע געזעלשאפטן איז ווי אפצושאפן די דאזיקע סאציאלע אומגלייכהייט, די דאזיקע פריווילעגיעס פון דער אריסטאקראטיע. „עס קען קיין צווייפל ניט זיין", זאגט מארגאן ווייטער, „אז די מענטשלאכע אינטעליגענץ און די גערעכטיקייט וועלן ענדלאך טריאומפירן, און עס וועלן מער ניט עקזיסטירן קיינע אומגלייכע רעכט און אומגלייכע גע־

זעצן, קיינע פריווילעגיעס פאר די געבארענע אריסטאקראטן, קיינע אויסנאם־געזעצן פאר די טיטולירטע פערזענלעכקייטן". די דאזיקע מארגאנ'ס באהויפטונגען און זייערע זיכערע אפטימיסטישע האפענונגען ניט אויף דעם קאמף פון דעם קלאס פון פראלעטאריער קעגן דעם איצטיקן הערשנדיקן קלאס פון די קאפיטאליסטן, נאר אויף דעם כח פון אינטעליגענץ און גערעכטיקייט, צייגן, ווי ווייט מארגאן איז פון עלכער עס איז פארשטענדעניש וועגן דעם פונדאמענטאלן כאראקטער פון אונזערע היינטיקע קאפיטאליסטישע שטאטן. זיינע באהויפטונגען זענען איינפאכע ווידערהאלונגען פון די האפענונגען פון די ווארטס־פירער פון דעם שטייגענדן קאפיטאליסטישן קלאס מיט עטלעכע הונדערט יאר צוריק אין דער צייט, ווען ער איז אין ענגלאנד און נאכדעם אין פראנקרייך שנעל אויסגעוואקסן און האט זיך דערפילט מעכטיק גענוג צו שטעלן זיך קעגן דעם הערשנדיקן קלאס פון די לאנד־מאגנאטן, אדער, ווי מארגאן רופט זיי, די אריסטאקראטיע. און כדי צו געווינען די מאסן אין זיין רעוואלוציאנערן קאמף קעגן דער אריסטאקראטיע, האבן די אידעאלאגישע ווארטס־פירער פון דעם נייעם קלאס פון דער בורזשואזיע אפעלירט צו די מאסן אין נאמען פון גלייכהייט, פרייהייט, ברידערלעכקייט און גערעכטיקייט. געוויס האבן די ווארטס־פירער פון די בורזשואזע רעוואלוציעס אין יענע יארן ערנסט געגלויבט, אז יענע רעוואלוציעס קעגן די לאנד־פריצים וועלן פארווירקלעכן די דאזיקע אידעאלן פון גלייכהייט און פרייהייט; זיי האבן ניט געקענט פאראויסזען, אז זיי קעמפן אייגנטלעך פאר דער הערשאפט פון דעם נייעם קאפיטאליסטישן קלאס, וואס איז פיל מעכטיקער פון די אלע פריערדיקע געשיכטלעכע הערשנדיקע קלאסן. אבער מארגאן האט דאך געלעבט און פארעפנטלעכט זיין בוך אין דעם יאר 1871, עטלעכע און צוואנציק יאר נאך דער פארעפנטלעכונג פון דעם „קאמוניסטישן מאניפעסט", ווען דער נייער קאפיטאליסטישער קלאס איז געווארן דער באפעסטיקטער הערשנדיקער קלאס אין די העכסט ציוויליזירטע אייראפעאישע מלוכות, און נאר א בלינדער האט ניט געקענט

זען דעם סאָרט גלייכהייט, פרייהייט, ברידערלאַכקייט און גע־רעכטיקייט, וואָס ער האָט פאַרווירקלאַכט אין די דאָזיקע שטאַטן. און דאָך בלייבט מאָרגאַן דער שטאָק־בלינדער, וואָס ווייסט ניט, אַז אין זיין אַמעריקע, אין זיינע פאַראייניקטע שטאַטן עקזיסטירט גאָר אַ הערשנדיקער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, אַ פיל מעכטיקע־רער קלאַס פון דער פּריווילעגירטער אַריסטאָקראַטיע אין איי־ראָפּע. אַזוי דריקט ער זיך דייטלאַך אויס אין דעם זעלביקן בוך, אין דעם פאָלגענדן זאַץ: „עס זענען פאַריבער עטלאַכע טויזנט יאָר, און די פּריווילעגירטע קלאַסן זענען נאָך ניט אַרונטערגע־וואָרפן געוואָרן, אויסער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע־ריקע“.

.20

דער הערשנדיקער פּריסטער־קלאַס מיט זיינע רייכע, פּראַכטפולע טעמפּלען. — פאַרשידענע גראַדן פּריסטער טעטיק אין אַלע געביטן פון וויסנשאַפט, קונסט און רעליגיע. — אין די טעמפּלען אַנטוויקלען זיך אַלע פאָרמען פון פּריוואַט אייגנטום: אַרבעט דורך שקלאַפן, הלוואות אַף פּראָצענטן א. אַז. וו.

אַלזאָ, פאַר מאָרגאַנען איז די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן די פאַרווירקלאַכונג פון די אידעאַלן פון גלייכהייט און גערעכטיקייט. די געזעצן זענען פאַר אַלעמען גלייך, דער געזעץ פאַרווערט קיינעם ניט פון די מיליאָנען טרעמפּן און די צענדליקער מיליאָנען לוין־אַרבעטער צו ווערן באַנקירן ווי מאָרגאַן, אייזנבאַן־מאַגנאַטן ווי וואַנדערבילט, אינדוסטריעלע קעניגן פון פעטראָלעאום, פון שטאָל און אייזן, פון קופּער, ווי ראָקפעלער, געֶרי אָדער גוגנהיימער. עס איז לייכט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מאָרגאַן מיט אַזעלכע באַגריפן וועגן דער געשיכטע פון די היינטיקע ציוויליזירטע שטאַטן פון איירָאָפּע און אַמעריקע, מיט אַזאַ שטאָק־בלינדער אומפאַרשטענדעניש פון דעם פונדאַמענטאַלן קלאַסן־כאַראַקטער פון אַלע אונזערע ציוויליזירטע שטאַטן, אַזוי גוט ווי צעזאַר, האָט ניט געקענט באַמערקן אין די מעדיצין־מענער פון די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן די ערשטע שפּראָצן פון דעם קלאַס, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אין דעם ערשטן מעכטיקן הערשנדיקן קלאַס פון פּריסטער אין די אַלטע גרויסע אַזיאַטישע מלוכות. מאָרגאַן, ווען דער אינדיאַנער שבט סענעקאַ, אַרום ניו יאָרק, האָט אַריינגענומען צו זיך אַלס אַ גלייכן מיטגליד פונם שבט, באַהויפּטעט, אויך ווי צעזאַר, אַז ער האָט ניט געפונען

וועלכע עס איז ספּעציעלע רעליגיע צווישן דעם שבט סענעקאַ און אויך ניט צווישן די אַנדערע 4 אָדער 5 שבטים, וואָס האָבן אַריינגעטראָטן אין איין פאַרבאַנד אונטער דעם נאָמען פון דעם פאַרבאַנד פון די איראַקוואַי אינדייעצעס. אַפּלעבנדיק דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן צווישן די אינדייעצעס אַלס זייערער אַ מיטגליד, איז געווים מאָרגאַן געוווּ באַקאַנט מיט דעם לעבן און מיט אַלע מנהגים פון די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן פון די אַמעריקאַנער אינדייעצעס. ער דערמאָנט אין עטלאַכע פּלעצער פון זיינע שריפטן איבער דעם סאָציאַלן לעבן פון די אינדייעצעס, אַז יעדער שבט האָט געהאַט זייער באַזונדערן בית־חיים פאַר זייערע טויטע מיטגלידער. צווישן די איראַקוואַי אינדיאַנער פירט זיך, אַז אַלע מיטגלידער פון דעם שבט באַטייליקן זיך אין דעם באַגראָבונגפּראָצעס פון זייערן אַ מיטגליד; זיי גרייטן צו דעם באַגראָבונגפּלאַץ, פאַרפערטיקן די רעדעס, וואָס ווערן געהאַלטן ביי דער באַגראָבונג פון דעם מיטגליד א. אַז. וו. דאָס צייגט, אַז דער גלויבן אין די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע מיטגלידער איז געווען פאַרשפּרייט צווישן די אינדיאַנער שבטים ניט ווייניקער ווי ביי אַלע אַנדערע איצט עקזיסטירנדיקע פּרימיטיווע געזעלשאַפטן. מאָרגאַן ברענגט אויך דעם פאַקט, אַז די איראַקוואַי אינדיאַנער האָבן זעקס יאָרלאַכע פייער־טעג, און אַז די סאַטשעמס און די קריגספירער פון אַלע שבטים פון דעם איראַקוואַי פאַרבאַנד צוזאַמען מיט „די היטערס פון דעם גלויבן" פונקציאָנירן אויף די דאָזיקע יום־טובים אַלס פּריסטער. ווי עס זעט אויס, זענען די רעליגיעזע פייער־טעג פון דעם פאַרבאַנד אַרויסגעקומען פון דעם יאָרלאַכן יום־טוב, וואָס יעדער שבט פלעגט פייערן באַזונדער, און אַזוי ווי דער איראַקוואַי פאַרבאַנד איז באַשטאַנען פון דער פאַרשמעלצונג פון 6 שבטים, האָט דער גאַנצער פאַרבאַנד צוזאַמען געפייערט 6 מאָל אין יאָר, כדי אויפצוהאַלטן דעם רעליגיעזן יום־טוב פון יעדן שבט באַזונדער.

מערקווירדיק איז דאָס, וואָס מאָרגאַן רופט אָן מיט דעם נאָמען: „די היטערס פון גלויבן" די זעלביקע גרופּע פון מכשפים

און וויסנשאפטס־מענער, וועלכע די אנדערע באשרייבער פון דעם לעבן פון די אינדיאנער נאך דעם ווי קאלומבוס האט אנטדעקט אמעריקע, רופן מיט דעם נאמען „די מעדיצין־מענער"; מארגאן האט דאס געוויס איבערגעגעבן אין דער ענגלישער שפראך דעם ריכטיקן נאמען, מיט וועלכן די אינדייצעס רופן זיי. און דאס באשטעטיקט שטארק מיין באהויפטונג, אז דער פריסטער־קלאס איז ארויסגעוואקסן פון די ערשטע מכשפים, וועלכע האבן אין זיך פאראייניקט די צוויי עלעמענטן: וויסנשאפט און גלויבן, אז די מעדיצין־מענער און די פריסטער זענען איינע און די זעלביקע פערזאנען.

יערנפאלס, אומגעאכטעט אויף צעזארם און מארגאנס באהויפטונגען, אז די ערשטע שטופן פון די פרימיטיווע געזעלשאפטן ווייסן ניט פון קיין רעליגיע, קען מען זען פון מארגאנס אייגענע באשרייבונגען, אז צווישן זיי האט יא געהערשט א געוויסער גלויבן; ווי האט געקענט עקזיסטירן א גרופע, וואס רופט זיך „היטערס פון דעם גלויבן", ווען קיין גלויבן האט ניט עקזיסטירט? אלזא, פון דעם רייכן מאטעריאל, וואס די טויזנטער פארשער פון דעם לעבן פון די יעצטיקע פרימיטיווע געזעלשאפטן אין די פארשיידענע שטופן פון זייער אנטוויקלונג האבן אונז געגעבן, און אפילו פון די מאגערע פאקטן, וואס א צעזאר, אדער אן אנדערער פון די אלטע היסטאריקער גיט אונז, כאטש די שרייבער אליין האבן ניט באגריפן דעם ווערט פון זייערע אייגענע באאבאכטעטע פאקטן, קענען מיר מיט זיכערהייט זאגן, אז די אומבאדייטנדע גרופע פון מכשפות און מכשפים־דאקטוירים, וועלכע איז דערשינען אין די סאמע נידעריקסטע, אונז באוואוסטע, שטופן פון דעם ווילדן, פרימיטיוון לעבן, איז אלץ ווייטער און העכער געוואקסן אין די אונז באוואוסטע שטופן פון די פרימיטיווע געזעלשאפטן ביז זי איז אויסגעוואקסן אין דעם מעכטיקן קלאס פון פריסטער, די הערשער פון די גרויסע אריענטאלישע שטאטן, און אז די הערשאפט פון די פריסטער, אזוי גוט ווי די סאציאלע גינסטיקע

לאגע פון די ערשטע שפּראַצן פון די פּריסטער, דאָס הייסט פון די ערשטע מכשפים, איז געבויט אויף די זעלביקע צוויי עלעמענטן: די פאראייניקונג פון וויסנשאַפט און רעליגיע. די גרופּע האָט שטרענג געהאַלטן די מיט גרויס מי דערפונדענע נאַטירלאַכע מיטלען בסוד פון די אַלע אנדערע מיטגלידער פון זייער געמיינדע, און האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו פאַר־שפּרייטן און פאַרשטאַרקן צווישן דער מאַסע דעם גלויבן אין גייסטער, אין געטער און אַלע אַנדערע איבערנאַטירלאַכע כחות דורך אַלערליי פאַנטאַסטישע לעגענדן, זאָגן און וואונדער־מעשות, דורך קניען, בעטן און קרבנות ברענגען צו די גייסטער און געטער. אַלס די באַזיצער פון אַלע געהיימניסן פון דער נאַטור, אָנפאַנגענדיק מיט די הייל־מיטלען, און שפּעטער מיט אַסטראָנאָמיע, מיט די הימלישע דערשיינונגען, מיט דער קונסט פון רעכענען און שרייבן, אַלס פירער אין אַלע רעליגיעזע פייערונגען, רעליגיעזע צערעמאָניעס און פּאַראַדן, איז דער צויי־בער־מאַכט פון דער גרופּע איבער דער מאַסע געוואַקסן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, זייער וואָרט איז געווען דאָס וואָרט פון די הייליקע גייסטער, זייערע געזעצן די געזעצן פון די געטער. אין דער גרעסטער העלפט פון דער גאַנצער לאַנגער פּעריאָדע, אין וועלכער די מענטשלאַכע געזעלשאַפטן האָבן זיך אַנטוויקלט אין דעם פּרימיטיוון קאָמוניסטישן לעבן, דורכגייענ־דיק די פאַרשיידענע דריי שטופן פון דעם ווילדן צושטאַנד און די אַנדערע דריי שטופן פון דעם העכערן באַרבאַרישן לעבן ביז דעם איבערגאַנג צו די ציוויליזירטע קלאַסן־געזעלשאַפטן, איז די גרופּע געוואַקסן צוזאַמען מיט דעם וואַקסן פון דעם גלויבן אין גייסטער, ביז דער גייסטער־קולט האָט דערגרייכט די שטופע פון בויען טעמפּלען אין פאַרערונג אָדער פאַרגעטערונג פון די גייסטער פון די אור־אַלטע פאַטערס און מוטערס, טעמפּלען, וואו מיר געפינען בילדער און סטאַטועז פון די לעגענדאַרע אור־עלטערן פון די שבטים אָדער פון דעם פאָלק.

די דאָזיקע ערשטע און גרעסטע העלפט פון דער לאַנגער פּע־

ריאָדע האָט געווים געדויערט אממינדסטן 60 אָדער 70 טויזנט יאָר. לויט אַנדערע פאָרשער פונם מענטשלאַכן אוראַלטערטום האָט זי געדויערט פיל מער יאָרן. ניט נאָר אין די דריי שטופן פון דעם ווילדן צושטאַנד, נאָר אפילו אין דער נידעריקער שטופע פון דעם באַרבאַרישן לעבן געפינען מיר ניט קיינע טעמפּלען. זיי געפינען מיר נאָר אין דער לעצטער העכסטער שטופע און אין אַ טייל פון דער מיטעלער שטופע פון דעם באַרבאַרישן לעבן. מיט דער דערשיינונג אויף דעם האָריזאָנט פון דער מענטשלאַכער געשיכטע פון די טעמפּלען, די פעסטונגען פון רעליגיע, הויבט אָן די פּריסטער־מאַכט שנעל צו וואַקסן, ביז זי צעברעכט דעם קאָמוניסטישן אַרט לעבן פון די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן און די פּריסטער ווערן פאַרוואַנדלט אין דעם הערשנדן קלאַס פון די ערשטע קלאַסן־שטאַטן. די גרויסע פּראַכטפולע טעמפּלען מיט גרויסע שטרעקן לאַנד, וואָס רעכע־נען זיך אַלס אייגנטום פון די טעמפּלען אָדער ריכטיגער גע־זאָגט, פון די פּריסטער, וואָס לעבן אין די טעמפּלען, מיט פי־לע גרעסערע און קלענערע געביידעס אַרום זיי ווערן אַן אָפּ־געזונדערטע וועלט, אַן אומאָפּהענגיקע פון די געמיינדעס. אין זיי קאָכט אַ גאַנץ אַנדער לעבן, פון פאַרשיידענע גראַדן פּריס־טער און פילע אַנדערע גרופּן, וואָס זענען טעטיק אין די גע־ביטן פון וויסנשאַפט און רעליגיע, אין אַלערליי צווייגן פון קונסט, ווי: מאַלעריי, סקולפּטור, מוזיק, טאַנצן, אַרכיטעקטור, רעכענען, רעדן און שרייבן. די ערשטע גרופּן פון די מכשפים און מעדיצין־מענער האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער אייגנטום אויסער די פּריוויליקע געשענקען פאַר זייערע דינסטן אין היילן קראַנקע, פאַר זייער צויבער־מאַכט איבער לעבן און טויט. די פּריסטער פון די טעמפּלען, אויסער די געשענקען און

באצאָלונגען פאַר זייערע פאַרשיידענע דינסטן, זענען אויך גע־וואָרן אייגנטימער פון גרויסע שטרעקן לאַנד*), פון גרויסע סטאַדעס פי, און פילע אַלערליי אַנדערע רייכטימער. אין די טעמפּלען האָבן זיך אַנטוויקלט די אַלע פאָרמען פון פּריוואַטן אייגנטום אויף די פּראָדוקציע־מיטלען, די פאָרמען פון ארבעט דורך שקלאַפן, דורך געדונגענע אַרבעטער, פון הלוואות אויף פּראָצענטן, וועלכע מיר געפינען אין אַלע אַנטוויקלטע קלאַסן־געזעלשאַפטן. אין די מלחמות פון די אור־אַלטע אזיאַטישע ציוויליזאַציעס ווערן אימער דערמאָנט אין ערשטן פּלאַץ די גאָלד און זילבער און די רייכע שאַצן, וואָס דער זיגער האָט פאַרכאַפּט פון די טעמפּלען פון דעם באַזיגטן שונא. די קוואַלן פון די רייכטימער אין די טעמפּלען זענען געווען פילפאַכע: די געזעצלאַכע טעמפּל צינזן, ווי צום ביישפּיל, דער מעשר בא

*) אין דער ביבלישער מעשה וועגן יוסף'ן און זיינע ברידער, וואו עס ווערט געשילדערט אין דער געוויינלאַכער לעגענדאַרער פאָר־מע, ווי אַזוי די צוועלף שבטים פון בית יעקב האָבן זיך באַזעצט אין מצרים זענען דאָ עטלאַכע ציילן, וואָס ציינן, אַז די גאַנצע ערד פון מצרים איז געווען דאָס אייגנטום פון פּרעהן און די כהנים, דאָס הייסט פון דעם קעניג און די פּריסטער. אָם ענדע פון דער לע־גענדע ווערט דערציילט, ווי אַזוי פּרעה, דער קעניג פון מצרים האָט אָפּגעקויפט, דורך זיין שאַף־מאַסטער יוסף, אין די הונגער־יאָרן דאָס גאַנצע לאַנד פון דעם הונגעריקן פאָלק. אין דער פינקטלאַכער ביבלי־שער שפּראַך לעזן זיך די ציילן ווי פאָלגט: „און יוסף האָט גע־זאָגט צום פאָלק: איך האָב היינט אָפּגעקויפט אייך און אייער ערד צו פּרעהן. נאָט אייך זוימען צו פאַרזייען די פעלדער, ווען די תבואה וועט פאַרטיק ווערן, זאָלט איר געבן אַ פינף־טייל פון דעם צו פּרעהן און דאָס איבעריקע פאַר אייך... און יוסף האָט דאָס געמאַכט פאַר דעם געזעץ ביז היינטיקן טאָג, דאָס גאַנצע לאַנד פון מצרים צאָלט אַ פינף־טייל צו פּרעהן, אויסער די לאַנד פון די כהנים, וואָס זייער לאַנד אליין געהערט ניט צו פּרעהן“.

די אידן אין פּאַלעסטינע, וואו יעדער איד האָט געמוזט אָפּ־געבן אַ צענטל טייל פון זיינע פּרוכטן און זיין תבואה פאַרן טעמפּל, דעם בית־המקדש אין ירושלים, פון די רייכע געשאַנ־קען פון די קעניגע, די הויפּט־פירער פון לאַנד, און פון טוי־זנטער פּרומע פּילגרימען, פאַרערער פון די גייסטער און די געטער, אין וועמעס נאָמען די פאַרשיידענע טעמפּלען זענען געוועזן געבויט.

פון דער פּעריאָדע פון דער ערשטער דינאַסטיע פון די בבל־קעניגע, וועלכע האָט זיך געצויגן פון דעם יאָר 2232 ביז דעם יאָר 1932 (דאָס זענען יאָרן פאַר דעם אָנפאַנג פון אונזער יאָר־ציילונג אין די קריסטלאַכע שטאַטן פון אייראָפּע; צוזאַמען מיט אונזער איצטיקן יאָר 1925 מאַכט דאָס אויס איבער פיר טויזנט יאָר צוריק), זענען געפונען געוואָרן דורך די אויסגראָ־בונגען אין בבל עטלאַכע הונדערט טאָוולען, וועלכע זענען אַלע איבערגעזעצט אויף אונזערע אייראָפּעאישע שפּראַכן און וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשיידענע געשעפטלאַכע קאָנטראַקטן מיט די טעמפּלען. די טעמפּל רייכטימער באַשטייען פון מאַסן גאָלד, זילבער, קופּער, און טייערע שטיינער, פון שפּייכלערס אָנגעפילטע מיט ווייץ, קאָרן, אויל און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן, מיט געהילץ, מיט וואָל און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַר קליידונג. די טעמפּלען האָבן אויך גאַנצע סטאַדעס פון קי, פון שעפּסן, ציגן, אייזלען, וואַרשיינלאַך אַ באַזונדער פּלאַץ און באַזונדע־רע שטאַלן פאַר יעדן מין, ווייל עס ווערן אין די אויסגעגראָ־בענע טעמפּל ביכער דערמאָנט באַזונדערע טעמפּל־באַאַמטע אָדער אויפזעער פון יעדן מין סטאַדע. פיל וויכטיקער איז דער טעמפּל־באַאַמטער, דער אויפזעער פון די תבואה שפּייכ־לערס. אויסער דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט אַרויסגעבן די שפּייזן פאַר אַזאַ וועלט מיט מענטשן, וועלכע פלעגן זיך אויפ־האַלטן אין די טעמפּלען, פלעגט ער אויך אויסלייען זוימען צו די פאַרמערס. דער פאַרמער פלעגט דאַרפן אומקערן מיט פּראָצענט די אויסגעבאָרגטע זוימען אַם ענדע פון הערבסט, נאָך

דעם ווי ער האָט איינגעזאַמלט די תבואה פון זיין פעלד. דער געוויינלאַכער פּראָצענט איז געווען 33 1/3, דאָס הייסט אַ דריט־טעל פון דער אַנטליענער סומע, פאַר יעדע 3 אַנטליענע מאָסטן פלעגט ער דאַרפן אומקערן 4 מאָסטן. אין אייניקע פון אַזעל־כע מין קאָנטראַקטן געפינען מיר די ווערטער: „אָן פּראָ־צענט", דאָס האָט געמוזט זיין דער פאַל, ווען די הלואה איז געמאַכט געוואָרן צו אַן אָרימען פויער, אָדער צו אַ אייגענעם מענטשן. אָבער שווערער זענען געווען די פליכטן, און העכער פון אַלע אַנדערע זענען די באַאַמטע, וואָס האָבן פאַרוואַלטעט די פינאַנסן פון די טעמפּלען, זיי זענען געווען די אויפזעער איבער די גרויסע שטרעקן לאַנד, וואָס געהערן צו די טעמפּ־לען. אין די געפונענע טעמפּל־ביכער זענען דאָ די פילע פי־נאַנציעלע באַריכטן און רעכענונגען. עס ווערן מיט גרויסער פּינקטלאַכקייט באַשריבן די שטרעקן לאַנד, אַזוי ווי אונזערע זיעמליעמערן באַשרייבן גאַנצע געגנטן, אויך גאַנצע ליס־טען פון די פאַרשיידענע מינים תבואות, גענויע רעכענונגען ווע־גען די קאָסטן פון באַאַרבעטן דאָס לאַנד, די געלט, וואָס ווערט אויסגעצאָלט צו די אַרבעטער.

די טעמפּלען פאַררענטן אָפט שטיקער לאַנד אויף אַ יאָר, גיבן דעם אַרענדאַטאָר די נויטיקע זוימען צו פאַרזייען און פאָדערן געוויינלאַך אומצוקערן די אַנטליענע תבואה מיט דעם געוויינלאַכן פּראָצענט, אַ דריטל פון דער אַנטליענער סומע, אַריינגעבראַכט די טעמפּלען ניט ווייניקער פון די לאַנד־אָפּע־ראַציעס.

באַדייטנדע סומען געלט פלעגן אַנפאַרטרויט ווערן דעם שאַץ־מאַסטער פון די טעמפּלען אויף צו באַהאַלטן, און די טעמפּלען פלעגן שטענדיק טרייבן באַנקאָווע געשעפטן מיט די דאָזיקע אָנפאַרטרויטע געלטער, אַזוי גוט ווי מיט זייערע אייגענע פאָנדן. אין דעם געזעץ־בוך פון דעם קעניג האַמוראַבי

זענען דאָ פילע געזעצן וועגן דעם ענין. איבער אַ טויזנט רעקאָרדן פון אַזעלכע געשעפטן פון אייגפאַכע הלוואות זענען געפונען געוואָרן, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אין דער צייט פון די קעניגן פון דער ערשטער דינאַסטיע אין בבל, דאָס איז פיר טויזנט יאָר צוריק. אָט איז, צום ביישפּיל, אַ גענויע איבערזעצונג פון צוויי אַזעלכע דאָקומענטן:

1) „דרייצן קור (אַזאַ מאָס) תבואה, מיט פּראָצענט איין דריטל קור פאַר יעדן קור, האָבן אבול־קימאַ־לים און נאַווארשאַ לימור געבאָרגט פון דעם גאָט שאַמאַש אין אור־קאַלקאַל אין הערבסט, אין דעם מאָנאַט פון באַצאָלונג דאַרפן זיי אָפּמעסטן די תבואה מיט דעם פּראָצענט־צוגאָב". דער גאָט שאַמאַש און דער טעמפּל־באַאַמטער זענען די פאַראַנטוואָרטלאַכע מלווים.

2) „פינף שעקעל זילבער האָט פאַליסו געבאָרגט פון שאַמאַש, זיין האר. דעם זילבער מיט די פּראָצענטן וועט ער אָפּצאָלן צו שאַמאַש".

די צווייטע הלוואה, ווי עס זעט אויס, איז געמאַכט געוואָרן פון אַ גרויסן אנפאַרטרויטן באַאַמטן. דאָ איז ניטאָ קיין דאַטום ווען די באַצאָלונג זאָל געמאַכט ווערן. קיין עדות ווערט ניט דערמאָנט אויסער די נעמען פון דעם, וואָס האָט געבאָרגט און פון דעם גאָט, וועמען ער פאַרשפּרעכט צו באַצאָלן.

.21

דער ראָזעטאַ שטיין. — ווי אַזוי עס איז אַנטדעקט געוואָרן דער שליסל צו די אַלטע היעראָגליפישע שריפטן פון מצרים.— אין דער ערשטער פעריאָדע פון פיראַמידן־בויען וואַקסט אַלץ העכער די אַליין־הערשאַפט פון דעם פריסטער־קלאַס. — ווייטער אָבער פאַרלירט דער פריסטער־קלאַס אַלץ מער זיין אַליין־הערשאַפט.

איך האָב געבראַכט אין קורצן די עטלאַכע פאַקטן וועגן די פריסטער אין די טעמפּלען אַלס רייכע לאַנד־באַזיצערס און באַנקירן, נימ ווייל אין דעם איז געלעגן דער כח פון זייער הערשאַפט, נאָר אום צו צייגן ווי אזוי דער הערשנדער קלאַס פון די פריסטער אין די אור־אַלטע אַזיאַטישע ציוויליזאַציעס, נאָך דעם ווי זיי האָבן באַפעסטיקט זייער מאַכט אין די טעמפּלען דורך דער מאָנאָפּאָליע אויף אַלע וויסנשאַפטן, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין שטרענגער געהיימנים פון דעם פאָלק, האָבן זיי אַלס נעבן־זאַך אויך אַנטוויקלט די אַלע עקאָנאָמישע פאָרמען פון הערשאַפט פון די שפּעטערדיקע הערשנדע קלאַסן: די לאַנד־מאַגנאַטן און די געלט־מאַגנאַטן, אָנפאַנגנדיק מיט גאָר די ערשטע שפּורן, מיט די ערשטע וואָרצלען, פון וועלכע עס איז אין דער לאַנגער פעריאָדע פון דער אַנטוויקלונג פון די פרימיטיווע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטן אויסגעוואַקסן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דער קלאַס פון פריסטער, האָב איך באַוויזן, אַז דער ווירקלאַכער פונדאַמענט אויף וועלכן די ערשטע מכשפים האָבן אויפגעבויט זייער מאַכט איז געוועזן זייער געהיימניספולער וויסן פון די נאַטירלאַכע מעדיצין־מיטלען.

אזוי ווי אין דער הערשאַפט פון דעם פריסטערטום אין

די מעכטיקע אזיאטישע קלאסן־שטאטן, האט אויסער מעדיצין, געשפילט די וויסנשאפט פון אסטראנאמיע ניט קיין קלענערע ראלע, און דער הויפט־כח פון דעם הערשנדן פריסטערטום אין די דאזיקע שטאטן ליגט אין זייער געהיימניספולער מאנאפא־ליע פון די צוויי וויסנשאפטן פון מעדיצין און אסטראנאמיע, וועל איך זיך אביסל לענגער אפשטעלן אויף דעם מעכטיקסטן פריסטערטום פון מצרים. איך האב אויסגעקליבן מצרים אלס דעם בעסטן מוסטער פון א פריסטער־שטאט. אויסער דעם האבן די אויסגראבונגען אין מצרים געגעבן אונז פיל מער גע־שיכטלאכע דאקומענטן, א דאנק זיין באדן פון טרוקענעם זאמד אדער שטיינער, וועלכער האט באהאלטן אומבאשעדיקט די שריפטן און די אנדערע געשיכטלאכע מאטעריאלן, וואס זענען געלעגן טויזנטער יארן טיף באגראבן און באשאטן אונ־טער דעם זאמדיקן באדן. אויך איז אין מצרים לייכטער צו באגרייפן דעם איינגען צוזאמענהאנג פון דער וויסנשאפט פון אסטראנאמיע מיט דעם עקאנאמישן לעבן פון דעם לאנד, און דער הויכער קולטורעלער צושטאנד פון דעם הערשנדיקן פריסטער־קלאס פון מצרים איז אייגנטלאך געווען דער הויפט קוואל פון דער קולטורעלער אנטוויקלונג פון די אידן און די גריכן און פון דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון אונזער גאנצער איי־ראפעאישער ציוויליזאציע.

יעצט, ווען עס איז שוין אריבער מער ווי הונדערט יאר זינט דער פראנצויז שאמפאליאן האט אין דעם יאר 1822 אונז געגעבן די מעגלאכקייט איבערצולעזן די אלטע היעראגלי־פישע צייכנונגען, וואס האבן באדעקט די שטיינערנע ווענט פון די הונדערטער אלטע טעמפלען, פיראמידן און אבעליס־קען, און די פילע אנדערע היסטארישע דאקומענטן, שריפט־לאכע צייכנונגען אויף שטיין אדער פאפירוס, קענען מיר מיט זיכערקייט באהויפטן, אז די עגיפטישע ציוויליזאציע מיט אירע פראכטפולע טעמפלען און פיראמידן, וועלכע צייגן אן איינגעפונדעוועטן קלאסן־שטאט פון פריסטער, אלס הערשנדער

רעגירונג־קלאַס, האָט עקזיסטירט ניט ווייניקער ווי 7000 אָדער 8000 יאָר צוריק. די דאָזיקע גיגאַנטישע טעמפּלען און פּי־ראַמידן און די רייכע ליטעראַטור פון די דאָזיקע היעראָגליפישע צייכנונגען, שאַפונגען פון דעם עגיפּטישן פּריסטער־קלאַס, ציינן די גרויסע דערגרייכונגען פון דעם קלאַס אין די געביטן פון די וויסנשאַפטן פון מעדיצין און אַסטראָנאָמיע, פון געאָמעטריע און רעכענונג, ווי אויך אין פילע געביטן פון קונסט, ווי סקולפּ־טור, אַרכיטעקטור, מאַלעריי, מוזיק, שרייבעריי, א. ז. וו.

די דאָזיקע רייכע ליטעראַרישע ירושה פון דעם עגיפּטישן פּריסטער־קלאַס, איידער שאַמפּאָליאָן האָט זי געעפנט פאַר אונז, איז פאַרבליבן ניט מער ווי אַ שטומע רעטעניש, ביז דעם 19־טן יאָרהונדערט.

אונזערע קוואַלן וועגן דעם לעבן פון דעם עלטסטן עגיפּ־טישן קלאַסן־שטאַט, זענען נאָר געווען די באַשרייבונגען פון די ערשטע גריכישע היסטאָריקער העראָדאָט, דיאָדאָר, אָדער די געשיכטן פון אַנדערע אָריענטאַלישע פעלקער, וואו עס ווערן, צופעליקערווייזע, דאָ און דאָרט געגעבן קורצע, אָפּגעריסענע, אינפאָרמאַציעס וועגן דעם לעבן פון דעם עגיפּטישן שטאַט, מיט וועלכן זיי האָבן געהאַט וועלכן עס איז פאַרקער אָדער צו־זאַמענשטויסן.

דער נאָמען היעראָגליפן, מיט וועלכן די גריכן האָבן אָנ־גערופן די אַלטע עגיפּטישע צייכנונגען, הייסט אייגנטלאַך אין איבערזעצונג „די הייליקע שריפטן". די דאָזיקע „הייליקע שריפטן" פון דעם עגיפּטישן פּריסטער־קלאַס, זענען שיינע עט־לאַכע טויזנט יאָר געבליבן אַ פאַרזיגלטע ירושה פאַר דער מענטשהייט, זינט דער ערשטער הערשנדער פּריסטער־קלאַס פון עגיפּטן האָט געמוזט אָפּטרעטן די שטאַט־מאַכט צו דעם צוויי־טען געשיכטלאַכן קלאַס, דעם קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן, און אפילו אין דעם אָנפאַנג פון אונזער היינטיקן 19־טן יאָרהונדערט האָט קיינער פון אונזערע היסטאָריקער און אַרכעאָלאָגן ניט געחלומט וועגן וועלכע עס איז מעגלאַכקייט צו עפענען די דאָ־

זיקע פּאַרזיגלטע ירושה. דער פּריסטער־קלאַס האָט דערגרייכט און אויפגעהאַלטן זיין הערשנדע שטאַט־מאַכט אַזוי פיל טויזנטער יאָר נאָר דורך דעם, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן אַלע זיינע אַנטדעקונגען אין די וויסנשאַפטן פון מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, פון רעכענען און שרייבן בסוד פון אַלע אַנדערע שיכטען פון דער באַפעלקערונג.

די „הייליקע שריפטן" זענען געווען טויט פאַר דעם עגיפּטישן פאָלק אין דער לאַנגער פּעריאָדע פון טויזנטער יאָרן אין וועלכער די פּריסטער זענען געווען די רעגירונג־מאַכט פון דעם עגיפּטישן שטאַט, און סודותדיק־טויט זענען זיי פאַרבליבן פאַר דער מענטשלעכער געשיכטע עטלעכע טויזנט יאָר נאָך דעם ווי אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון עגיפּטן, אַזוי ווי אין פילע אַנדערע מעכטיקע אָריענטאַלישע שטאַטן פון דעם אַלטערטום, האָט דער פּריסטער־קלאַס געמוזט אָפּטרעטן די שטאַטס־רעגירונגען מאַכט צו אַנדערע קלאַסן.

צווישן די גרויסע אַנטדעקונגען פון דעם 19־טן יאָרהונדערט מוזן מיר מיט פולן רעכט אַריינרעכענען אָט די דערפינדונג פון דעם שליסל צו די „הייליקע שריפטן" פון עגיפּטן.

אַ פראַנצויזישער אינזשעניר האָט אין יאָר 1799, אַ יאָר פאַר דעם אָנפאַנג פון דעם 19־טן יאָרהונדערט, געפונען אין עגיפּטן, נאָענט פון ראַזעטאַ, אַ גרויסן אַלטן שטיין באַדעקט מיט דרייערליי שריפטן: אין די אויבערשטע שורות די אַלטע „הייליקע שריפטן" אָדער די אַלטע היעראָגליפן, אויך 32 שורות אין די נייערע עגיפּטישע בוכשטאַב־שריפטן, אָדער ווי זיי הייסן די דעמאָטישע שריפטן, די אונטערשטע 54 שורות זענען גריכישע שריפטן, אין גריכישע בוכשטאַבן.

דער באַוואוסטער ראָזעטאַ שטיין געפינט זיך אין דעם בריטישן מוזייאום. פון דעם שטיין דערוויסן מיר זיך, אַז די פּריסטער אָרגאַניזאַציעס פון עגיפּטן, פאַרזאַמלט אין דער שטאַט מעמפיס, האָבן באַשלאָסן צו ערן דעם קעניג פּטאָלאָמיי דעם 5טן אין דעם 8־טן יאָר פון זיין רעגירונג און האָבן געאָרדערט,

אַז עס זאָלן אַוועקגעשטעלט ווערן אין די טעמפּלען פון עגיפּטן אַזעלכע שטיינער ווי דער „ראָזעטאַ שטיין" מיט דעם טעקסט אויסגעקריצט אין די דריי שריפטן. די פאַרזאַמלונג אין מעמפיס איז פאָרגעקומען אין יאָר 195 פאַר דער קריסטלאַכער ערא, דאָס הייסט מיט 2122 יאָר צוריק. אין די עטלאַכע און צוואַנציק יאָר פון 1799 ביז 1822, ווען שאַמפּאָליאָן האָט אויסגעאַרבעט די ריכטיקע סיסטעם, ווי צו לעזן די היעראַגליפישע שריפטן, האָבן פילע אַנדערע פאָרשער פון אַלטערטום געזוכט מיט אַלע מיטלען צו שטודירן דעם „ראָזעטאַ שטיין" צוליב דעם זעלבן צוועק, אָבער זייער אומערמידלאַכע אַרבעט האָט קיין גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט. שאַמפּאָליאָנס ריכטיקער וועג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך גענומען צו פאַרגלייכן די היעראַגליפישע צייכנונגען פון די נעמען פון העלדן, אין וועמענס אַנדענקן די פאַרשיידענע מאָנומענטן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן. געוויינלאַך זענען די נעמען פון די העלדן אויסגעקריצט אין אַ באַזונדער שורה מיט אַ רינגל אַרום אים, וואָס די פראַנצויזן האָבן אָנגערופן אַ קאַרטוש.

נעמט, צום ביישפיל, צוויי אַזעלכע קאַרטושן:

I

II



דער ערשטער קאַרטוש פון דעם ראָזעטאַ שטיין איז דאָס דער רינגל מיט פּטאָלאָמיים נאָמען. דער צווייטער קאַרטוש איז פון אַן אבעליסק, וועלכער איז געפונען געוואָרן אויף דעם אינזל פ י ל י י — Philae. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער צווייטער קאַרטוש אַנטהאַלט דעם נאָמען קלעאָפּאַטראַ.

עס איז קלאָר, זאָגט שאַמפּאָליאָן, אַזוי ווי די צוויי נעמען פּטאָלאָמיי און קלעאָפּאַטרא האָבן דאָך פילע ענלאַכע קלאַנגען, מוזן די צוויי קאַרטושן האָבן ענלאַכע צייכענונגען פון די דאָזיקע קלאַנגען און אַזוי אַרום וועלן מיר אויסגעפינען די היעראָגליפישע צייכנונגען פאַר באַשטימטע קלאַנגען, אָדער פאַר באַשטימטע ווערטער. דער ערשטער צייכן אין דעם ערשטן קאַרטוש □ מוז דאָך שטייען פאַר דעם קלאַנג (פּ) אין פּטאָלאָמיי; אין דעם נאָמען קלעאפאטרא איז דער (פּ) דער פינפטער, און מיר געפינען טאַקע דעם זעלבן צייכן פון אַ פיר־עק □ אויף דעם פינפטן פלאַץ אין דעם צווייטן קאַרטוש פון קלעאָפּאַטראַ. נעמט דעם קלאַנג O, אין פּטאָלאָמיי איז ער דער דריטער קלאַנג, אין קלעאָפּאַטרא איז ער דער פערטער קלאַנג און דער צייכן ? פאַר דעם קלאַנג O שטייט אויף דעם דריטן פלאַץ אין דעם ערשטן קאַרטוש און אויף דעם פערטן פלאַץ אין דעם צווייטן קאַרטוש. נעמט דעם קלאַנג (ל): אין פּטאָלאָמיי איז ער דער פערטער קלאַנג און אין קלעאָפּאַטרא איז ער דער צווייטער און די צייכענונג, וואָס זעט אויס ווי אַ לייב, שטייט אין דעם ערשטן קאַרטוש אויף דעם פערטן פלאַץ און אין דעם צווייטן קאַרטוש אויף דעם צווייטן פלאַץ, א. ז. וו.

נעמענדיק אַנדערע קאַרטושן אין וועלכע די נעמען זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן, האָט שאַמפּאָליאָן אַלץ מער און מער אויסגעפונען דעם אַלפאַבעט פון די עגיפּטישע שריפטן. נאָך די קאַרטושן פון פּטאָלאָמיי און קלעאָפּאַטראַ, האָט ער גענומען דעם קאַרטוש מיט דעם באַשטימטן נאָמען פון אַלעקסאַנדער, א. ז. וו. ביז מען האָט אויסגעפונען דעם גאַנצן אַלף־בית פון

די שריפטן, ווי אויך פון די פארשיידענע היעראגליפישע ציי־בענונגען און סימבאָלן פון ווערטער און אידייען. און אזוי איז א גרויסער טייל פון דער רייכער ליטעראַטור געשאַפן פון דעם אלטן עגיפטישן הערשנדן פריסטער־קלאַס, וועלכן די טויזענטער יאָריקע ווירקונג פון די נאַטירלאַכע עלעמענטן האָבן ניט פארניכטעט, געוואָרן אָפן און קלאָר פאר אונז.

הערארָאט, וועלכער איז געקרוינט מיט דעם נאָמען „דער פאָטער פון געשיכטע", דאָס הייסט מיט אנדערע ווערטער, הע־ראדאט איז אין דער גאַנצער אונז באַוואוסטער וועלט־ליטע־ראַטור פון דער מענטשהייט דער ערשטער, וואָס האָט אריינ־געבראכט דעם נייעם מין ליטעראַטור פון געשיכטע־שרייבעריי, אָט דער ערשטער היסטאָריקער האָט געלעבט און פארפאסט זיינע געשיכטלאַכע ביכער מיט 2300 יאָר צוריק. אין זיין צייט, האָט גריכנלאַנד ערשט אָנגעפאנגען איר געשיכטלאַכע אַנטוויקלונג פון דער אייגנאַרטיקער אייראָפעאישער פאָרמע פון ציוויליזירטע קלאַסן־שטאטן, וואָס אין זיי האָבן די לאַנד־מאַג־נאַטן אָדער יופאַטרידן, די רייכע אַלטע פאַמיליען, פארכאַפט די לאַנד מיט אירע נאַטירלאַכע רייכטימער אַלס זייער פריוואַט־אייגנטום; אין דער זעלבער צייט האָט שוין דער מעכטיקער פריסטער־קלאַס פון עגיפטן דורכגעמאכט אַן אַנטוויקלונג פון 5000 יאָר. און אין דער צייט, ווען הערארָאט האָט באַזוכט עגיפטן צו קריגן אָפן אָרט די נויטיקע מאַטעריאַלן פאר זיין בוך איבער דער געשיכטע פון דעם עגיפטישן שטאַט, האָט ער אין דעם קאַפיטל פון זיין געשיכטע, וואו ער רעדט פון דער צעטיילונג פון דער באַפעלקערונג אין פארשיידענע הע־בערע און נידעריקערע קלאַסן, דעם פריסטער־קלאַס אוועקגע־שטעלט אַלס דעם ערשטן און העכסטן קלאַס. אין דער ווירק־לאַכקייט, ווי דאָס צייגן די עלטסטע געשיכטלאַכע דאָקומענטן, האָט דער פריסטער־קלאַס אין דעם עגיפטישן שטאַט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון מאַכט אין די ערשטע 3000 יאָר, אין דער פעריאָדע פון בויען די ערשטע פיראַמידן, דאָס הייסט אַן

ערך פון 2000 יאָר פאַר הערראַדאטס צייטן. אין די דאַזיקע 3000 יאָר איז דער פּריסטער־קלאַס אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואַקסן אַלס דער איינציקער אליין הערשנדער קלאַס פון דעם מעכטיקן שטאַט פון מצרים. אין הערראַדאטס צייטן האָט שוין דער פּריסטער־קלאַס פיל פאַרלאָרן פון זיין פּריערדיקער אליין־הערשנדער מאַכט, ער בלייבט נאָך אַלץ דער העכסטער קלאַס, אָבער אין פילע הינזיכטן איז ער שוין ניט דער אליין־הערשנדער קלאַס.

און די רעגירונג מאַכט פון דעם שטאַט עגיפּטן ווערט שוין צוטיילט צווישן דעם ערשטן פּריסטער־קלאַס און דעם צווייטן קלאַס פון מיליטאַריסטן מיט דעם קעניג אָדער פּאַראָאָן אָן דער שפּיץ.

22.

דער כאַראַקטער און די איינגעבוירענע פיזיאָקייטן פון דעם איינצלנעם מענטשן. — די אַנטוויקלונג פון דעם קאָפּ־מאַרך און די אַנדערע אָרגאַנען. — די צוויי אָפּטיילונגען פון דעם קאָפּ־מאַרך: סערעבעלום און סערעברום.

אין די ערשטע 3000 יאָר פון דער עגיפּטישער ציוויליזאַציע, אין דער פּעריאָדע פון די עלטסטע טעמפּלען און פּיראַמידן, געהערן די דאָקטוירים פון מעדיצין אויסשליסלאַך צו דעם פּריסטער־קלאַס, אין וועמעס הענט עס איז אויסשליסלאַך קאָנצענטרירט דער קאָנטראָל איבער די געזעלשאַפטלאַכע פונקציעס פון רעליגיע און וויסנשאַפט. מעדיצין, ווי אויך אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן, ווערן געלערנט אין די טעמפּל־שולן, די מער באַרימטע פון אַזעלכע שולן געפינען זיך אין די טעמפּלען פון מעמפיס, די שטעט סאַאיס און טעבעס. די מעדיצין־דאָקטוירים, אַלס מיטגלידער פון דעם פּריסטער־קאָלעדזש, קריגן באַצאָלט פון די טעמפּל־פאָנדן אַזוי ווי די ארכיטעקטאָרן, די בויער פון די טעמפּלען, די שרייבער, און טויזנטער אַנדערע באַאַמטע פון די טעמפּלען. דער הויפּט־פּריסט פון דעם טעמפּל אין סאַאיס האָט געטראָגן דעם טיטל: „דער ערשטער פון די מעדיצין־דאָקטוירים". די פּריסטער־דאָקטוירים האָבן געקראָגן אין די טעמפּלען אי פּראַקטישע, אי טעאָרעטישע אונטערריכטונג אין מעדיצין. אַ מאַסע קראַנקע פלעגן קומען פון גאַנצן לאַנד מצרים און געזוכט היילונג אין די טעמפּלען. די פּריסטער־דאָקטוירים פלעגן אויך באַזוכן קראַנקע אין זייערע הייזער. די הייליקע ביכער און די קאָמענטאַרן אויף די אַלטע הייליקע ביכער האָבן

געדינט אַלס קוואַל פון זייער טעאָרעטישער בילדונג אין מע־דיצין. די צוויי פּאַפּירוסן, וועלכע זענען געווידמעט אַמ־מייסטן צו דער עגיפּטישער וויסנשאַפט פון מעדיצין, די פּאַ־פּירוסן פון עבערס און ברוגש זענען פאַרפאַסט געוואָרן מיט טויזנט יאָר פריער פאַר הערעדאָטס צייטן, און אפילו די דאָזיקע 2 אַלטע פּאַפּירוסן זענען ניט מער ווי געשריבענע זאַמלונגען אָדער קאָמפּילאַציעס פון די עלטערע אָריגענעלע מעדיציינישע שריפטן פון דער פּיראַמידן־פּעריאָדע.

נאָך דער באַהויפּטונג פון קלעמענט פון אַלעקסאַנדריאַ (דאָס איז איינער פון די גריכיש־קריסטלאַכע פילאָזאָפן, וועלכער האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריאַ), האָבן די עגיפּטישע פּריסטער־דאָקטוירים געשעפּט זייער מעדיציינישע וויסנשאַפט פון צוויי־און־פערציק הייליקע מעדיציינישע ביכער, פאַרפאַסט אָדער אינספּירירט פון „טאָטן“ אַליין, דעם גאָט פון מעדיצין. דער טאָט איז דער לבנה־גאָט, ער איז אויך דער דערפינדער פון קונסט, פון רעכענונג און מעסטן; ער איז אויך דער גרינדער פון רעליגיעזע און וויסנשאַפטלאַכע שריפ־טען. אָבער ספּעציעל איז טאָט דער גאָט פון מעדיצין.

דאָקטאָר מאַקס נויבערגער אין זיין בוך „די געשיכטע פון מעדיצין“ באַשטעטיקט דעם פאַקט, אַז די עגיפּטישע צי־וויליזאַציע האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון איר אַנט־וויקלונג אין דער פּיראַמידן־פּעריאָדע. „אויב דאָס שאַפן פון אָריגינעלע ליטעראַרישע ווערק דאַרף אונז דינען אַלס מאָס“, שרייבט דאָקטאָר נויבערגער, „וועלן מיר מוזן אַנערקענען, אַז די העכסטע שטופע פון אַנטוויקלונג האָט די עגיפּטישע ציווי־ליזאַציע דערגרייכט אין ערך פיר אָדער פינף טויזנט יאָר צוריק. עס איז גאַנץ באַשטימט באַוויזן געוואָרן, אַז די צוויי פּאַפּירוסן, וואָס האָבן די גרעסטע שייכות מיט דער עגיפּטישער מעדיציינישער וויסנשאַפט, זענען פאַרפאַסט געוואָרן: דער ערשטער מיט 1600 יאָר, און דער צווייטער מיט 1400 יאָר

פאר דער קריסטלאכער ערא. די דאזיקע צוויי פאפירוסן זענען ניט מער ווי קאמפיליאציעס פון די עלטערע שריפטן אין די צייטן פון די פיראמידן, דאס הייסט אן ערך 3000 יאר פאר דער קריסטלאכער ערא אדער אן ערך 5000 יאר צוריק".

ווי אזוי קענען די היסטאריקער פון דער אלטער עגיפּטישער ציוויליזאציע דערקלערן דעם פאקט, וואס די רייכע עגיפּטישע קולטור דריקט זיך אויס אין דעם בויען פון אזעלכע וואונדערלאכע גיגאנטישע פיראמידן און טעמפלען פון אויסערגעוויינלאכן צויבער און פראכט? פארוואס געפינען מיר גראדע צוזאמען מיט די וואונדערלאכע רעליגיעזע געביידעס א גלענצענדע אויפבליהונג פון אלערליי נייע געביטן פון קונסט און וויסנשאפט און מער פון אלע אנדערע וויסנשאפטן וואקסט און אנטוויקלט זיך די וויסנשאפט פון מעדיצין? וואס מאכט דעם ענגן צוזאמענהאנג פון פיראמידן און טעמפלען מיט וויסענשאפט און קונסט? און פארוואס עפּעס מער פון אלעמען מיט דער וויסנשאפט פון מעדיצין און ניט מיט פיזיקע, כעמיע, ארכיטעקטור, וואס האבן א פיל נענטערע שייכות מיט בויען און בוי־מאטעריאלן?

די געוויינלאכע דערקלערונג, וואס די היסטאריקער גיבן אין באצוג צו דער פראגע וועגן די פארשיידנארטיקייט פון די קולטורן פון ראסן, פעלקער און שטאטן האט גאר א קנאפן ווערט. נאך זייער דערקלערונג, ליגט דער קוואל פון די פארשיידנארטיקע קולטורן אין די איינגעבוירענע פארשיידנארטיקע פסיכישע פעאיקייטן פון די ראסן, פעלקער און שטאטן. דער כאראקטער פון דער אלטער עגיפּטישער קולטור איז אזוי זאנדערבאר אנדערש פון אונזערע אייראפּעאישע קולטורן, ווייל די נאטור האט געגעבן די עגיפּטיאנער זאנדערבארע פסיכישע אייגנשאפטן, איינגעבוירענע גייסטיקע פעאיקייטן, גאנץ פארשידן פון די גייסטיקע פעאיקייטן און פון דער אלגעמיינער פסיכיקע פון די אייראפּעער. דאס אידישע פאלק האט געשאפן איינציקע גאנץ זאנדערבארע קולטורעלע שאצן, ווייל די

גאטור האט באשאפן די אידן מיט אן אייגנארטיקער נשמה, ניט ענלאך צו די נשמות פון די אנדערע פעלקער.

אזוי ווערט מיט די זאנדעבארע ארטיסטישע איינגעבוירע־נע אייגנשאפטן פון די גריכן דערקלערט די רייכע קולטורעלע דערגרייכונגען פון דעם אלטסטן אייראפעאישן שטאט גריכנלאנד כמעט אין אלע געביטן פון קונסט: אין מאלעריי, אין סקולפ־טור, אין פאעטישע, דראמאטישע שאפונגען און אנדערע געבי־טען פון שיין־שרייבעריי, א. ז. וו. דאס איז דער עצם פון די דערקלערונגען וועגן דעם, וואס איר וועט געפינען אין די מייסטע פון די טויזנטער בענדער פארפאסט פון די היסטאריקער, סא־ציאלאגן און ארכעאלאגן, און וואס העלפן ניכער צו פארטונקלען איידער צו דערקלערן דעם ענין; מיר פרעגן, מיר זוכן צו געפינען די אורזאכן פון דער פארשיידנארטיקייט פון די קול־טורן, פון ראסן, פעלקער און שטאטן, שיקט מען אונז אפ פון דער פארשיידנארטיקייט פון קולטורן צו דער פארשיידנארטיקייט פון דער פסיכיקע פון די פעלקער און ראסן; בלייבט דאך די זעלביקע פראגע. וואס זענען די אורזאכן, די אמתע רעאלע אורזאכן, ניט פאנטאסטישע, געהיימניספולע אורזאכן, וואס מא־כען דעם גייסטיקן, דעם פסיכישן לעבן פון די פעלקער און ראסן אזוי פארשיידן?

די וואס זענען צופרידן מיט דער באהויפטונג, אז „ראסן און פעלקער דערשיינען אויף דער וועלט מיט באשטימטע אייגנ־ארטיקע פסיכישע אייגנשאפטן גראדע אזוי ווי די איינצעלנע מענטשלעכע אינדיווידומען ווערן געבוירן מיט זייערע אייגענע אינדיווידועלע כאראקטער־שטריכן און פסיכישע אייגנשאפטן“, געהערן צו דעם סארט מענטשן, וואס ווערן באצויבערט מיט דער פעאיקייט פון דעם מענטשן צו ענטפערן אויף די שווערסטע פראגן מיט שיינע, קלינגענדיקע ווערטער, מיט פיין־געבויטע פראזן, און וואס קימערן זיך ווייניק וועגן דעם, צי די בא־הויפטונגען שטימען מיט דער ווירקלעכקייט אדער ניט, צי זיי שטיצן זיך אויף פעסט־געשטעלטע פאקטן, אדער זיי זענען

ניט מער ווי בילדער פון פאנטאסטישע לופט־שלעסער, וועלכער דער מענטש קען מאָלן אומגעשטערט דורך זיין איינבילדונג־קראפט מיט די שענסטע פארבן אין די שענסטע פאָרמען, און האט מורא פאר דעם שארפן אנאליטישן קלינגל פון דער קאל־טער לאָגיק, ווייל ער פילט, אז די שיינע צויבערהאפטע שלע־סער וועלן פארשווינדן מאָמענטאל, ווי איר וועט זיי נאָר אָנ־רירן מיט דעם קלינגל.

נאָך די נעננויעסטע פאָרשונגען פון דער מאָדערנער וויסנ־שאפט פון פסיכאָלאָגיע אין דער פראגע וועגן די פארשיידנאר־טיקייט פון כאראקטער, פון פסיכישע פעאיקייטן פון די איינ־צעלנע אינדיווידועלע מענטשלאכע טיפּן, קענען מיר זאָגן, אז עס איז דאָ א גאנץ באשרענקטער שטיקל אמת אין דער באהויפּטונג, אז די מענטשן ווערן געבוירן מיט זייערע כאראקטער־שטריכן און פסיכאָלאָגישע פעאיקייטן, אָבער עס איז אבסאָלוט ניטאָ קיין ברעקל אמת אין דער באהויפּטונג, אז פעלקער, שטאַ־מען און ראסן האָבן אויך זייערע איינגעבוירענע כאראקטער־שטריכן און איינגעבוירענע פארשיידנארטיקע אינטעלעקטועלע, קינסטלערישע, מאָראלע אָדער אנדערע פסיכישע אייגנשאפטן. עס איז אמת, אז יעדער מענטש קריגט גלייך באם געבורט אלס ירושה פון זיינע עלטערן זיין אינדיווידועלן כאראקטער, וואָס וואקסט און אנטוויקלט זיך און גיט דעם מענטשן זיין באשטימ־טע פערזענלאכקייט, וואָס אונטערשיידעט אים פון זיינע מיט־מענטשן, דורך זיין אינדיווידועלן האלטן זיך, דורך זיינע האנד־לונגען, זיין ארט שפּראך, זיינע געפילן, די ארט און וווייזע פון אויסדריקן זיינע געפילן, א. ז. וו.

די וואריאציעס פון די דאָזיקע איינגעבוירענע פסיכישע כאַ־ראקטער־שטריכן, די פארשידענע קאָמבינאציעס פון אלערליי פאָרמען און שאטירונגען פון דעם מענטשלאכן פסיכישן לעבן. פון דענקען און פילן, זענען פיל צאָלרייכער ווי די איינגעבוירענע וואַ־ריאציעס אין דעם אויסע־לאכן אויסזען און פאָ־מען פון דעם אנאטאָמישן קערפערלאכן געבוי, וועלכע גיבן דעם מענטשן זיין

אויסערלאַכן אינדיווידועלן כאַראַקטער. אָבער אין די לאַנגע יאָרן, אין וועלכע דאָס מענטשלאַכע קינד וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אין דער אַרומיקער געזעלשאַפטלאַכער סביבה, ביז ער ווערט אַ זעלבסטשטענדיקער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, איז גאַנץ פאַרשידן די ראָלע, וועלכע די דאָזיקע איינגעבוירענע אויסערלאַכע און אינערלאַכע אינדיווידועלע שטריכן, די אַנאַטאָמישע און די פסיכישע כאַראַקטער־שטריכן, שפּילן און באַשטימען די לעבנסטעטיקייט און דעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער פון דעם דערוואַקסענעם מענטשן.

דער אַנאַטאָמישער קערפּער פון דעם געבאָרענעם קינד, מיט גאַנץ קליינע אומבאַדייטנדיקע אויסנאָמען, זיין ביינערנער סקעלעט מיט די ווייכערע אָרגאַנישע געוועבן פון פלייש און הויט, פון בלוט־אָדערן און בלוט־זאַפטן, פון נערוועז, וואָס ברענגען די איינדרוקן פון דער אויסערלאַכער וועלט צו די נערוון־צענטרען, און פון נערוועז, וואָס ציען זיך פון די נערוון־צענטרען און קאָנטראָלירן די באַוועגונגען פון די מוסקולן, קומט אויף דער וועלט פולקאָמען פאָרמירט אין אַלע איינצעלהייטן, וועלכע זענען נויטיק פאַר די לעבנס־פונקציעס פון דעם מענטשן. כמעט אַלע אָרגאַנען, אויסער דעם וויכטיקסטן מענטשלאַכן אָרגאַן פון דעם קאָפּ־מאַרך, האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער מוטערס לייב אין דער פּעריאָדע פון איר שוואַנגערשאַפט מיט דעם קינד ביז דער שטופע, וואָס גיט זיי די מעגלאַכקייט גלייך אָנצוגיין מיט די לעבנס־פונקציעס, ווי נאָר דאָס קינד קומט אַרויס פון דער פינסטערער וואַסער־סביבה פון דעם מוטער'ס לייב אויף דער ליכטיק־פינסטערער, לופטיקער סביבה פון אונזער מוטער־ערד. די גאַנצע סיסטעם פון אָרגאַנען, וואָס האָבן צו טאָן מיט אַריינעמען נאַרונג־שפּייזן פון דער אויסערלאַכער וועלט און מיט פאַרדייען פון די שפּייזן־שטאָפן, הויבט אָן צו פונקציאָנירן גלייך ווי דאָס קינד ווערט געבוירן. די לונגען, דער אָרגאַן, וואָס האָט ניט געקענט און ניט געטאָרט פונקציאָנירן אין דער וואַסער־סביבה, הויבט אָן פונקציאָנירן גלייך ווי דאָס קינד איז געבוירן, און האָט געגעבן דער אַרו־

מיקער וועלט דעם ערשטן סיגנאַל, אַז ער האָט אָנגעהויבן דעם לעבנס־פּראָצעס דאָ אויף דער לופטיקער וועלט, מיט דעם ערשטן געשריי, וואָס קומט פון דער ערשטן אריינדרינגען פון לופט אין די לונגען.

אזוי אויך מיט דעם הארצן, דעם אָרגאַן פון בלוט־צירקולאַציע; מיט דער קאָמפּליצירטער סיסטעם פון דעם גערוון־אַפּאַראַט, וואָס באשטייט פון די נערוו־צענטרען אין דעם רוקן־מארך און זייערע פארבינדונגען מיט אריינקומענדיקע און ארויסגייענדיקע נערוו־פעדים, וואָס ברענגען צום צענטער די איינדרוקן פון דער אויסערלאַכער וועלט און פון די קערפּערלאַכע געוועבן; אויך נערוו־פעדים, וואָס ציען זיך פון די צענטרען צו די מוסקולן און צו די געוועבן. דאָס זעלבע איז מיט די פולקאָמענע ספּעציעלע אַפּאַראַטן: די אויגן, די אויערן, די נאָז, די צונג און די הויט פאר די חושים פון זען, הערן, גערויך, בארירונג און געשמאַק, וועלכע פונקציאָנירן גלייך ווי דער מענטש ווערט געבוירן. אמת, עס געדויערט א צייט פון עטלאַכע מאָנאַטן, ביז דאָס קינד הויבט אָן ווירקלאַך צו באַגרייפן די בילדער, וואָס די אויגן זעען, און די קלאַנגען, וואָס די אויערן פארנעמען, ביז ער הויבט אָן ווירקלאַך צו זען און צו הערן; אָבער די אָרגאַנען פון זען און הערן הויבן אָן צו פונקציאָנירן גלייך ביים געבורט; בילדער און קלאַנגען פון דער ארומיקער סביבה הויבן גלייך אָן אויפגענומען צו ווערן פון די דאָזיקע אַפּאַראַטן, און וואָס שטארקער דער קלאַנג, וואָס אָנציענדער דאָס בילד, אָדער וואָס עפטער די בילדער און קלאַנגען קומען פאָר, ווערן זיי דורך די פעדים פון דעם זע־נערוו און דעם געהער־נערוו פארהאַלטן אויף א לענגערער צייט אין די זע־ און געהער־צענטרען, וואָס געפינען זיך אין דעם קאָפּ־מארך. די אָרגאַנען און די געוועבן ווערן געוויינטלאַך שטארקער און גרעסער מיט דעם וואקסן פון דעם קינד, אָבער די עלעמענטן, וואָס גיבן דעם באַשטימטן כאראקטער צו די אָרגאַנען און געוועבן, בייטן זיך ניט; וואָס איז ריכטיק פאר די אָרגאַנען און די אנאַטאָמישע געוועבן, איז דאָך נעווים ריכטיק פאר די קלענערע, אומבאַדייטנדיקע וואריאציעס

אין די אויסערלאַכע שטריכן, אין דעם אויסערלאַכן אויסזען, אין די פאַרשידנאַרטיקע ליניען פון דעם אַנאַטאָמישן קערפּער,—וואַ־ריאַציעס, וואָס גיבן דעם איינצעלנעם מענטשן זיין באַזונדערן כאַראַקטעריסטישן אינדיווידועלן אויסזען. זיי וואַקסן מיט דעם מענטשן, אָבער זיי בייטן ניט דעם כאַראַקטעריסטישן אויסזען, וואָס זיי האָבן געקראָגן ביי דעם קינד׳ס געבורט.

.23

די שוואַנגערשאַפט פון דער געזעלשאַפטלאַכער סביבה מיט דעם ניי־געבוירענעם מענטשן־קינד געדויערט פיל לענגער ווי די שוואַנגערשאַפט פון דער מוטער. — גרעסטענטיילס, איז דעם מענטשנ׳ס כאַראַקטער אויסגעאַרבעט פון דער אַרומיקער סביבה גאַנץ פאַרשידן פון די איינגעבוירענע כאַראַקטער־שטריכן.— די באַהויפּטונג, אַז פעלקער, שטאַטן און ראַסן האָבן איינגע־בוירענע פסיכישע אייגנשאַפטן איז אַ פוסטער ווערטער־שפּיל.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער דער פאַל מיט די איינגעבוירענע פסיכישע כאַראַקטער־שטריכן. די דאָזיקע אינדיווידועלע פסיכישע שטריכן, אַזוי ווי די גאַנצע פסיכישע טעטיקייט פון דעם מענטשן, איז פאַרבונדן מיט די נערוו־צענטרען און די העכסט קאָמפּליציר־טע נערוו־געוועבן פון זיין קאָפּ־מאַרך. דער קאָפּ־מאַרך איז דאָס דער ספּעציפישער מענטשלאַכער אָרגאַן, וואָס האָט געמאַכט דעם מענטשן פאַר דעם העכסטן און מעכטיקסטן מין פון אַלע לעבע־דיקע חיות,—דער אָרגאַן, וואָס האָט אים געגעבן די פייאיקייט צו דענקען איבער אַלעס, וואָס קומט פאָר אין זיין לעבן, אין דעם לעבן פון דער אַרומיקער סביבה, איבער אַלע פּאַסירונגען און פּראָ־צעסן פון דער גאַנצער נאַטור אַרום אים; דער אָרגאַן, וואָס האָט אַנטוויקלט אין דעם מענטשן אַ מין הונגער, וואָס איז אומבאַקאַנט די אַלע אַנדערע חיות, אַ גייסטיקן הונגער צו פאַרשטיין די וועלט, צו זוכן און אויסצוגעפינען די אמת׳ע אורזאַכן פון די באַוועגונגען און ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דער נאַטור, אויסצוגעפינען די אמת׳ע נאַטור־קראַפטן

און ווי אזוי זיי ארבעטן; דער ארגאן, וואס האט מיט דעם גע־האלפן אלץ מער און מער דעם מענטשן צו ווערן געוויסערמאסן באוואוסטזיניקער הערשער איבער דער נאטור, אנשטאט צו זיין אבסאלוט אונטער דער הערשאפט פון דער ארומיקער נאטור, ווי די אלע אנדערע חיות.

דער קאפ־מארך איז אייגנטלאך א פארטזעצונג פון דעם רוקן־מארך. אין די מיליאנען יארן, וואס די אנטוויקלונג פון דער נערוועו־סיסטעם האט דורכגעמאכט—פון די נידעריקסטע סארטן פישן, אין וועלכע עס האבן זיך געצייגט די ערשטע שפורן פון א רוקן־ביין, ביז דעם מענטשן—האט זיך שוין אין די עטוואס העכערע מינים פיש געצייגט די ערשטע שפורן פון דעם ארגאן פון א קאפ מיט קאפ־מארך. דאס הייסט, דער קאנאל פון דעם רוקן־ביין, וואס איז אנגעפילט מיט רוקן־מארך, האט זיך ביי דער ענדע פון דעם ביין גענומען פארגרעסערן און אנשטאט די רוקן־ביינער, האבן אביסל אנדערש געפארמירטע ביינער ארומגענומען דעם אויסגעברייטערטן קאנאל. אזוי האט זיך אנגעפאנגען דער נייער ארגאן פון קאפ־מארך, וואס פילט אן דעם פארגרעסערטן קאנאל, און פון דעם שארבן, ד. ה. די ביינער, וואס שליסן איין דעם קאפ־מארך.

אין אנאטאמיע ווערט דער קאפ־מארך הויפטזאכלאך צע־טיילט אויף 2 טיילן: דער סערעבעלום, דאס הייסט דער קלייני־קער מארך, און דער סערעברום, דאס הייסט דער גרויסער קאפ־מארך. דער סערעבעלום מאכט אויס א גאנץ קליינעם טייל פון דעם מענטשלאכן קאפ־מארך, און ער געפינט זיך אין דעם הינ־טערשטן טייל פון קאפ, גלייך נאך דעם רוקן־ביין אויפן דעק פון דעם מארך־קאסטן. דער גרעסטער טייל פון דעם קאפ־מארך ביי די פיש באשטייט פון דעם סערעבעלום. די פונקציעס פון דעם סע־רעבעלום זענען פון דעם זעלבן כאראקטער ווי די פונקציעס פונם רוקן־מארך. וואס ווייטער אין די העכערע טיפן פון די רוקנבייניקע חיות, וואקסט אלץ מער די פראפארציע פון דעם סערעברום אין פארגלייך מיט דעם סערעבעלום, ביז אין דעם מענטשן מאכט

אוים דער סערעבּרום כמעט ניין־צענטל פון דעם גאַנצן קאָפּ־מאַרך. דער סערעבעלום ליגט אַזוי ווי באַגראָבן און באַהאַלטן אונטער דער מאַסע, וואָס פילט אוים דעם גאַנצן בּיינערנעם מאַרך־קאַסטן. ווען מיר שפּרעכן פון די העכערע פּסיכישע פעיאיקייטן פון דעם מענ־טשען, מיינען מיר די פונקציעס פון דעם מענטשלאַכן סערעב־רום, צום ביישפּיל, די מענטשלאַכע פּייאיקייט צו דעם אַב־סטראַקטן דיינקען אין די געביטן, לאָמיר זאָגן, פון מאַטעמאַטיקע, לאָגיקע און פילאָזאָפיע, דער דראַנג צו זוכן די וואַרהייט, די הע־כערע סאָציאַלע געפילן פון ליבע צו דער גאַנצער מענטשהייט, דער דראַנג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט, דער אימפּולס צו מאַכן דעם מענטשנ'ס לעבן גליקלאַכער א. אז. וו. א. אז. וו.

ווען מיר קומען צו דער פראַגע פון די איינגעבוירענע מענטש־לאַכע פּסיכישע פייאיקייטן, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם מענטשלאַכן קאָפּ־מאַרך אָדער דעם סערעבּרום, אלס דעם אַנאַטאָ־מישן אָרגאַן פון די דאָזיקע פייאיקייטן.

איך האָב שוין פריער באַמערקט, אַז אויסער דעם קאָפּ־מאַרך, קענען כמעט אַלע אַנדערע וויכטיקע אָרגאַנען פונקציאָנירן גלייך ווי דאָס קינד ווערט געבוירן. אין די 9 מאָנאַטן פון דער מוטער'ס שוואַנגערשאַפט זענען די אָרגאַנען, וואָס האָבן צו טאָן מיט די לעבנס־פּראָצעסן, וועלכע מיר געפינען אין דער אָרגאַנישער לע־בעדיקער וועלט ביי אַלע פלאַנצן און חיות, פולקאָמען פייאיק גלייך ביים געבורט אַנצוגיין מיט די דאָזיקע פּראָצעסן. די דאָזיקע אָרגאַנען האָבן אין זיך אַלע נויטיקע עלעמענטן, די אַלע נויטיקע ספּעציעלע צעלן, ווי צום ביישפּיל, די ספּעציעלע לעבער־צעלן, וועלכע אַרבעטן אוים דעם נויטיקן שטאָף פון גאַל, די נויטיקע צעלן פון די נירן, די ספּעציעלע צעלן פון מאָגן, פון די קישקעס, וואָס זענען נויטיק פאַר דעם פּראָצעס פון פאַרדייען די שפּייז, צו פאַרוואַנדלען די אַריינגענומענע האַרטע נאַרונג־שטאָפן אין אַ צושטאַנד פון אַ מין פליסיקן שטאָף, וואָס זאָל קענען אַריינגעזאַפּט ווערן דורך די צעלן פון די ווענטלאַך פון די פאַרדייאונג־אָרגאַנען, דורך די ווענטלאַך פון די בלוט־אָדערן, און אויף אַזאַ אופן פאַנאַנ־

דערטראגן די נויטיקע נארונג־שטאפן איבערן גאנצן קערפער. די ארגאנען וואקסן, זיי וועלן ווערן גרעסער, שטארקער, די ביינער הארטער, די מוסקולן קרעפטיקער א. אז. וו., אבער זיי האבן ביים געבורט אלע פונדאמענטאלע עלעמענטן, אלע נויטיקע צעלן, אלע נערוועז־צענטערן, וואס מאכן זיי פונקציאנספייאיק גלייך ווי דאס קינד ווערט געבוירן. דאס איז ניט דער פאל מיט דעם מענטש־לאכן סערעברום, אדער מיט דעם גרעסטן טייל פון דעם מענטשנ'ס קאפ־מארך. די מיליאנען נערוו־צעלן און די בינדענדע נערוו־פעדים, וואס בילדן די פארשידנארטיקע פונקציעס פון דעם קאמ־פליצירטן מענטשלאכן באוואוסטזיניקן לעבן, אין די פיל פאר־צווייגטע אפטיילונגען פון דעם קאפ־מארך טעטיקייטן, ווערן לאנג־זאם באשאפן נאך דעם געבורט פון דעם מענטשלאכן קינד. מען קען זאגן, אז נאך דעם ווי דאס קינד איז אויסגעטראגן געווארן פון דער מוטער און ווערט געבראכט אויף דער וועלט מיט אלע פייאיקייטן פון א לעבעדיקער חיה, ווערט דאס קינד נאך דעם געבורט אויסגעטראגן א פיל לענגערע צייט ווי 9 מאנאטן פון דער מענטשלאכער סביבה, אין וועלכער צייט עס אנטוויקלט זיך און פארמירט זיך דער קאפ־מארך ביז דאס קינד ווערט א זעלבסט־שטענדיקער מיטגליד פון דער מענטשלאכער געזעלשאפט, פייאיק צו פירן א מענטשלאך־געזעלשאפטלאך־טעטיקן לעבן.

דער צווייטער מין שוואנגערשאפט פון דער געזעלשאפט־לאכער סביבה מיט דעם געבוירענעם מענטשן־קינד געדויערט פיל מער פון 9 מאנאטן, אפילו מער פון 9 יאר און גאנץ נאענט פון צוויי מאל 9 יאר. און דערפאר בלייבט דאס מענטשן־קינד אבסא־לוט הילפלאז א פיל לענגערע צייט אין פארגלייך מיט די קינדער פון אלע אנדערע חיות.

פילייכט א שטיקל באווייז, אז דער קאפ־מארך איז נאך ווייט ניט א פולקאמען געפארמירטער ארגאן ביים געבורט, קען מען זען אין דעם אנאטאמישן פאקט, וואס דאס קינד ווערט גע־בוירן מיט א עפענונג אין דעם קאפ־שארבן אין דעם אויבערשטן פראנט־טייל, נים ווייט פון שטערן. דאס הייסט, די שארבן־ביי־

נער, וואָס דאַרפן איינשליסן דעם סערעברום, בלייבן פילע חדשים אָפן, כדי צו דערלויבן פרייערע אַנטוויקלונג פון דעם מאַרך. עס איז דאָך זעלבסט־פאַרשטענדלאַך, אַז אַזוי ווי די פאַרשידענע נערוו־צענטערן אין דעם סערעברום באַשטייען פון צעלן, וואָס פאַרהאַלטן אין זיך—אַמאָל אַ לענגערע, אַמאָל אַ קירצערע צייט— פאַרצייכענונגען פון די מיליאָנען איינדרוקן, וואָס דער לעבעדיקער קערפּער קריגט אין זיין באַרירונג מיט דער אַרומיקער סביבה, אַמאָל טונקעלע, אַמאָל קלאָרע זכרונות פון זיינע אייגענע לעבנס־ערפאַרונגען, האָט דאָך דער סערעברום ניט געקענט האָבן אַזעלכע פאַרצייכענונגען, איידער ער איז גקומען אין באַרירונג מיט דער אויסערלאַכער וועלט. מיט די אויגן און די אויערן, וואָס הויבן אָן גלייך צו פונקציאָנירן, ווי נאָר דאָס מענטשן־קינד ווערט געבוירן, און הויבן גלייך אָן אַריינגעמען די מיליאָנען בילדער פון דער אַרומיקער וועלט דורך דער ווירקונג פון די ליכט־שטראַלן אויף די זע־נערוון, הויבן זיך גלייך אָן אין דעם סערעברום צו פאָרמירן ספּעציעלע צענטערן פון זען און הערן, מיט ספּעציעלע צעלן, וואָס פאַרבאַהאַלטן אין זיך די פאַרצייכענונגען פון די געזעענע בילדער און געהערטע קלאַנגען. מיט אַלעם דעם געדויערט עטלאַכע מאָנאַטן ביז דאָס קינד הויבט אָן צו זען און הערן, ביז ער קלייבט זיך פאַנאַנדער אין די איינדרוקן און לערנט זיך אויס צו באַגרייפן די באַדייטונג פון די דאָזיקע פאַרצייכנטע בילדער און קלאַנגען און זייער פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער וועלט. הייבט ווייטער די צענטערן פון שפּראַך, מיט ספּעציעלע נערוו־צעלן, וואָס פאַרבאַהאַלטן אין זיך די מיליאָנען איינדרוקן פון די ווערטער, פון די אויסשפּרוכן, פון די אויסגעזונגענע לידלאַך פון דער מוטער אָדער פון אַנדערע, און שפּעטער אין דעם קינד'ס שול־יאָרן אויך פון די געלעזענע, געשריבענע ווערטער, אויסשפּרוכן און געדאַנקען.

אַזוי ווערן אומאויפהערלאַך פאָרמירט אין דעם קאָפּ־מאַרך נייע צענטערן מיט נייע נערוו־צעלן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר לעבעדיקע פאָטאָגראַפיעס פון די איינדרוקן, די געפילן, די שטי־

מונגען, די לעבנס־פּאַסירונגען, די לעבנס־ערפאַרונגען פון דעם אינ־דיווידועלן מענטשן זעלבסט, און אויך פון די לעבנס־ערפאַרונגען, פון געדאַנקען־אידייען, שטרעבונגען און דערגרייכונגען פון אַנ־דערע מענטשן. אזוי וואַקסט און פאַרגרעסערט זיך אַלץ מער און מער דער סערעברום אַלס אַ לעבעדיקער מאַגאַזין, וואו די טויטע פאַרגאַנגענהייט ווערט איינגעקערפּערט אין די לעבעדיקע נערוו־מאַטעריאַלן, וואו דער נעכטן ווערט אַ לעבעדיקער הילפס־פאַקטאָר אין דער מענטשלאַכער טעטיקייט פון היינט, און ניט נאָר די אַלע לעבנס־איינדרוקן, לעבנס־פּאַסירונגען פון דעם איינצעלנעם מענטשן, נאָר די פאַרגאַנגענע לעבנס־ערפאַרונגען און לעבנס־דערגרייכונגען פון די לאַנג־פאַרשטאָרבענע מענטשלאַכע דורות ווערן לעבעדיקע פאַקטאָרן אין דעם פונקציאָנירנדיקן קאָפּ־מאַרך פון דעם אינדיווידואום. דאָס וואַקסן פון די דאָזיקע העכערע פונקציעס פון דעם קאָפּ־מאַרך גייט אביסל לאַנגזאַמער אין די ערשטע יאָרן פון דער אנטוויקלונג פון דעם געבוירענעם מענטשן־קינד, ביז ער דערגרייכט די שטופע פון באַוואוסטזיניקייט,—די שטופע, ווען ער הויבט אָן ניט נאָר לעבן אין דער ארומיקער סביבה, נאָר אויך ו ו י ס ן, אז ער לעבט, און ווערט באַוואוסטזיניק וועגן זיין איינענעם א י ך, אז ער, זיין א י ך, עקזיסטירט באַזונדער, און די ארומיקע וועלט מיט די מענטשן, די חיות, די פלאַנצן און אַלע אַנדערע זאַכן, האָט זיך איר עקזיס־טענץ אויסער אים; נאָך דעם ווי דאָס קינד דערגרייכט אָט־די דאָ־זיקע שטופע פון זעלבסט־באַוואוסטזיניקייט, וואַקסט אַלץ שנעלער די אנטוויקלונג פון דעם קאָפּ־מאַרך אין דער ריכטונג פון די הע־כערע פונקציעס אין אַלע געביטן פון די אינטעלעקטועלע, קינסט־לערישע און סאָציאַלע טעטיקייטן.

און אויב אפילו אין די ערשטע קינדישע יאָרן, פאַר דער שטופע פון באַוואוסטזיניקייט, איז די אנטוויקלונג פון די ספּע־ציעל מענטשלאַכע פיאיקייטן געוויסערמאַסן אָפּהענגיק פון דער ארומיקער סביבה, איז די שפּעטערדיקע אנטוויקלונג, נאָך דער שטופע פון באַוואוסטזיניקייט כמעט אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער

געזעלשאפטלאכער סביבה; פון דעם אלגעמיינעם געזעלשאפטלאכן ארט לעבן און פון די ערציאונג־סיסטעמען און מעטאָדן, וועלכע הערשן דאן אין דער געזעלשאפט.

ווי גרויס עס איז די ראָלע, וואָס די ארומיקע סביבה שפּילט אין דער אנטוויקלונג פון דעם אינדיווידועלן כאראקטער, די באַזונדערע פּסיכישע פייאיקייטן און געזעלשאפטלאכע טעטיקייטן פון דעם איינצעלנעם מענטשן, קען מען דאָך ניט אָפּלייקענען איינגאנצן דעם אמת פון דער באהויפּטונג, אז די מענטשן ווערן געבוירן מיט אייניקע באשטימטע כאראקטער־שטריכן און מיט געוויסע פּסיכישע נייגונגען, אויב ניט מיט פולקאָמען־פארטיק אויסגעארבעטע פּסיכישע פייאיקייטן. ניט נאָר אין דעם פאַל פון די גרויסע געניאַלע מענטשן, ווי ניוטאָן, בעטהאָווען, שעקספּיר, מארקס מוזן מיר אנערקענען, אז זיי זענען געבוירן געוואָרן מיט זייערע אויסערגעוויינטלאך־שטארקע נייגונגען: דער צו מוזיק, דער אנדערער—צו פּאָעזיע, דער אלס טיפסטער דענקער, נאָר אפילו אין דעם פאַל פון יעדן מענטשן ווערט איצט אנערקענט, אז די גרונט־ליניען פון זיין כאראקטער איז באצוג צו זיינע אינטעלעקטועלע, שעפערישע, אָדער מאָראלע נייגונגען זענען אלע איינגעבוירענע אין דעם מענטשן, מיט פיליכט דעם אונטערשייד, וואָס אין דעם פאַל פון די זעלטענע געניאלע מענטשן, א דאנק דער אויסערגעוויינטלאך־שטארקער קראפט פון זייערע איינגעבוירענע נייגונגען, ברעכן זיי דורך די הינדערנישן און שטערונגען, וואָס די ארומיקע סביבה פון די דורכשניטלאך־מעסיקע מענטשן שטעלט געגן די העכערע, אויסערגעוויינטלאכע שטרעבונגען פון די געניען; אָבער אין דעם פאַל פון דעם געוויינטלאכן דורכשניט־מענטשן, ווערן זיינע איינגעבוירענע כאראקטער־שטריכן אם מייסטן אונטערדריקט דורך דער הערשנדיקער אטמאָספערע צווישן די מיט־מענטשן פון זיין געזעלשאפט, דורך די הערשנדיקע דערציאונג־מעטאָדן אין דער ארומיקער געזעלשאפטלאכער סביבה.

די לעבנס־ערפארונג פון יעדן איינצעלנעם לערנט דעם דורכשניטלאכן מענטשן, אז דער גינסטיקסטער וועג, ווי אם בעסטן

אויפצוהאלטן זיין לעבן, איז זען צו געפעלן זיינע פריינט און נאָענטע מענטשן, נאָכצופאָלגן דעם מוסטערהאפטן לעבן פון די מיט־מענטשן, וואָס ווערן געערט אין דער ארומיקער סביבה. דאָס צווינגט אים אין די מייסטע פאלן צו אונטערדריקן זיינע אייגענע לײדנשאפטלעכע פארלאנגען, צו קאָנטראָלירן זיינע געפילן און זיינע נאטירלעכע נייגונגען, ניט שנעל צו האנדלען נאָך די אייגעבוירענע אימפולסן נאָך, נאָר נאָך דעם קאלטן אויסגערעכנטן שכל, ווי אזוי צו האנדלען, כדי צו קריגן א הויכע רעפוטאציע צווישן די מיט־מענטשן פון זיין געזעלשאפט.

אָט־די ראָלע פון קאָנטראָלירן און אונטערדריקן די געפילן, די נאטירלעכע נייגונגען און אימפולסן געהערט אויך צו דעם אנטוויקלטן סערעברום, דורך די נערוו־פארבינדונגען פון דעם סערעברום מיט די צענטרען פון דעם רוקן־מארך און דעם סערעבעלום, וואָס האָבן צו טאָן מיט די געפילן, נייגונגען און אימפולסן. אין דעם העכסט קאָמפליצירטן געזעלשאפטלעכן לעבן פון אונזערע ציוויליזירטע קאפיטאליסטישע שטאטן זענען די אָפענבארע באראקטערן פון כמעט אלע דורכשניטלעכע מענטשן פראָדוקטן פון דער ארומיקער סביבה און פון דער סיסטעמאטישער דערציאונג,— כאראקטערן, וואָס זענען גאנץ ווייט פון די אייגעבוירענע כאראקטער־שטריכן און די אייגעבוירענע נייגונגען. דער אייגעבוירענער כאראקטער איז שטארק פארשלעפערט און ליגט דערשטיקט אין די טיפענישן פון דעם מענטשנ'ס זעלע; זעלטן, זעלטן רייסט ער זיך ארויס פון דער פארבאָרגענער טיפעניש און איבערראשט די ארומיקע פריינט און באקאנטע מיט דעם נייעם כאראקטער פון דעם מענטשן, מיט וועלכן זיי האָבן געלעבט אזוי פיל יאָרן צוזאמען און האָבן זיין אמת'ע נאטור ניט געקענט. דאָס פאסירט געוויינטלאך אמאָל אונטער דער ווירקונג פון שכרות, ווייל אלקאָהאָל פאראליזירט די העכערע צענטרען פון דעם קאָפמארך און זייער קאָנטראָלירנדיקע מאכט איבער די צענטרען פון דעם סערעבעלום, און אמאָל אונטער דער ווירקונג פון א אויסערגעוויינטלאך־שטארקן לײדנשאפטלאכן אויפרייס, וועלכער ווארפט

אונטער דעם קאָנטראָלירנדיקן דרוק פון דעם סערעברום. נים אַלע איינגעבוירענע נייגונגען און טענדענצן פון דעם מענטשן שטייען דאָך אין ווערכן עס איז צוזאַמענשטוים מיט דער אַרומיקער סביבה. אַזעלכע נייגונגען ווערן זיך אַנטוויקלען אָן קיין שטערונג אין די נאַטירלאַכע ריכטונגען פון יעדן איינצעלנעם מענטשן.

.24

די ענדערונגען אין קולטור, וואָס די וואַקסנדע מאַכט פון דעם צווייטן קלאַס, פון די מיליטאַריסטן, אין מצרים רופט אַרויס. — די נייע מעדיצינישע שולן ניט אין די טעמפּלען. — דער איינפלוס פון דער צווייטער 3 אָדער 4 טויזנט יאָריקער פּע־ריאָדע פון דער עגיפּטישער ציוויליזאַציע אויף דער איראָפּעאישער.

אָבער די באַהויפּטונג, אַז פעלקער, שטאַטן און ראַסן האָבן אויך זייערע איינגעבוירענע כאַראַקטער־שטריכן, איינגעבוירענע פּסיכישע אייגנשאַפטען, איז ניט מער ווי אַ פּוסטער ווערטער־שפּיל. ערשטנס, צו רעדן וועגן דעם געבורט פון פעלקער קען מען נאָר בלשון מליצה. וואו זענען די עלטערן, וואו איז דער פאָ־טער און די מוטער, וואָס האָבן געבוירן דאָס פאָלק, דעם שטאַט און די ראַסע? צווישן אַלע העכערע חיות האָדעוועט געוויינטלאַך די מוטער אירע ניי־געבוירענע קינדער. וואו איז די מוטער, וואָס האָדעוועט אויס די ניי־געבוירענע פעלקער, שטאַטן און ראַסן? די פעלקער האָבן זייערע איינגעבוירענע פּסיכישע אייגנשאַפטן — ווי קען מען האָבן פּסיכישע אייגנשאַפטען אָן אַ נערוועו־סיסטעם? וואו איז דער קאָפּ־מאַרך פון די פעלקער? ווי אַזוי קענען מיר שפּרעכן פון אַ וואַלד, וועלכער באַשטייט פון פאַרשידענע מינים בוימער, פלאַנצן און גראָזן, ווי פון איין באַשטימטן אָרגאַניזם? דער וואַלד אַליין האָט דאָך ניט קיינע אָרגאַנען, דער וואַלד איז דאָך ניט מער ווי אַ פּלאַץ, וואו עס וואַקסן צוזאַמען פאַרשידענע

אָרגאַניזמען. דער וואַלד האָט נים קיין פאָטער און מוטער. דער וואַלד ווערט נים געבוירן. וועגן דעם וואַלד קען מען נים זאָגן, אַז ער לעבט און ער איז געשטאָרבן. אין אים געפינען זיך צו דער זעלבער צייט פילע לעבעדיקע, וואַקסנדיקע מינים פלאַנצן און ביי־מער, און פילע טויטע פלאַנצן און ביימער.

דער צוזאַמענלעבן פון די מענטשן און פעלקער, שטאַטן און ראַסן האָט אויך זיינע געזעצן פון וואַקסן און פון אַנטוויקלונג, אָבער אַזוי ווי פעלקער זענען דאָך נים קיין באַשטימטע אָרגאַניז־מען, דאַרפן מיר זיך היטן נים צו ברויכן די טערמינען פון אמת'ע פיזיאָלאָגישע אָרגאַניזמען, אויב מיר ווילן נים אַריינפאַלן אין אַזעלכע זינלאָזע אויסדרוקן: „דער געבורט", „די פסיכישע אייגנ־שאַפטן פון פעלקער און שטאַטן" א. אז. וו. און אויב מיר זאָלן אפילו אָננעמען די זינלאָזע פראַזע פון די איינגעבוירענע פסיכישע אייגנשאַפטן אַלס אַ דערקלערונג פון דער זאָנדערבאַרער עגיפּ־טישער קולטור, ווי אַזוי וועלן די היסטאָריקער דערקלערן מיט די איינגעבוירענע פסיכישע אייגנשאַפטן פון די עגיפּטיאַנער דעם פאַקט, דאָס דער בליענדיקער צושטאַנד פון דער עגיפּטישער קול־טור האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע פון אַנטוויקלונג אין דער ערשטער העלפט, דאָס הייסט אַן ערך פון די ערשטע 3000 יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דעם עגיפּטישן שטאַט, און אין דער צווייטער העלפט, דאָס הייסט אין די צווייטע 3000 יאָר, האָט די קולטור, וואָס איז אַזוי גלענ־צענד געוואַקסן אין דער פעריאָדע פון בויען די וואונדערלאַכע פּיראַמידן און פּרעכטיקע טעמפּלען, אויפגעהערט צו וואַקסן? וואו זענען אַהינגעקומען די איינגעבוירענע פסיכישע אייגנשאַפטן פון די עגיפּטיאַנער?

איך האָב פריער געבראַכט די באַשטעטיקונגען פון פּראָ־פעסאָר מאַקס נויבערגער פון דעם פאַקט, אַז די עגיפּטישע צי־וויליזאַציע האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון איר אַנט־וויקלונג אין דער פּיראַמידן־פעריאָדע. אין זיין בוך „דעם היס־טאָריקערס וועלט־געשיכטע" זאָגט פּראָפעסאָר אַדאָלף הערמאַן

אויך דאָס זעלבע: „די דריי אָדער פיר טויזנט יאָר, וואָס טיילן אָפּ די פּיראַמידן־בויערס פון אַלעקסאַנדער מוקדען'ס צייטן, איז געווען די צייט אין דער געשיכטע פון עגיפּטן, וואָס איז ענלאַך צו דער פּעריאָדע פון מיטללאַטער". דאָס הייסט, פון די אייראָפּעאישע פינסטערע יאָר־הונדערטן פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע. דאָס איז די פּעריאָדע, אין וועלכער די גלענצענדע נאַציאָנאַלע עגיפּטישע קולטור האָט געהאַלטן אין זינקען. וואָס באַדייט אָט־דער אונטערשייד אין דעם גאַנג פון דער עגיפּטישער קולטור צווישן דער ערשטער און דער צווייטער העלפט פון דער עגיפּטישער קולטור? וואָס קענען זיין די אורזאַכן, וואָס האָבן אָפּגעשטעלט דעם גאַנג פון קולטור, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אומאויפהערלאַכן וואַקסן אין אַ משך פון גאַנצע 3000 יאָר? די היסטאָריקער מאַכן אפילו ניט דעם מינדסטן פּאַרזוך אויפצודעקן וועלכע עס איז אורזאַכן פון אַזאַ וואונדערלאַכער דערשיינונג.

אויב די היסטאָריקער פון אונזערע היינטיקע צייטן, וועלכע לעבן אין דעם קאָכעדיקן קעסל פון אונזערע היינטיקע אייראָפּעאישע שטאַטן, זעען ניט אין דעם הערשנדן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס דעם הויפּט טרייב־ראַד, וועלכער באַשטימט און קאָנטראָלירט די באַוועגונגען פון טויזנטער אַנדערע קלענערע רעדעלאַך, איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז מען קאָן ניט דערוואַרטן עטוואָס בעסערעס פון די היסטאָריקער פונם טיפסטן אַלטערטום, פון די היסטאָריקער, וואָס מוזן שטודירן דעם געשיכטלאַכען גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון די סאַמע עלטסטע ציוויליזאַציעס ניט פון די לעבעדיקע קוואַלן, פון די טעטיקע מענטשלאַכע כחות, נאָר פון די איבערגעבליבענע טויטע דענקמאַלער און פון די אַלטע פאַרשימלטע אויסגעגראָבענע שריפטן.

מיר האָבן געזען אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, פון וועלכע עלעמענטן עס איז אויסגעוואַקסן דער פּריסטער־קלאַס, דער ערשטער הערשנדער קלאַס פון אַלע אַלטע אָריענטאַלע שטאַטן: אשור, בבל און מצרים; מיר האָבן אויסגעפונען, אַז די ערשטע וואָרצלען, פון וועלכע עס זענען אויסגעוואַקסן אין דעם משך

פון פיליכט הונדערט טויזנט יאָרן די גרויסע מעכטיקע בוי־מער פון דעם העכסט־אָרגאַניזירטן פּריסטער־קלאַס, האָבן זיך באַוויזן אין די פּרימיטיווע קאָמונעס צענדליקער טויזנטער יאָר איידער די מענטשלאַכע געשיכטע האָט געוואוסט פון וועלכע עס איז מלוכות, אָדער קלאַסן־שטאַטן; מיר האָבן געזען, אַז די אַנטוויקלונג פון דעם פּריסטערטום, אָנפאַנגנדיק פון די ערשטע שפּורן, פון מכשפים און מכשפות־דאָקטוירים, פון די מעדיצין־מענער, ביז דער שטופּע פון אַ הערשנדן קלאַס מיט זייערע פעסטונגען אין די טעמפּלען, איז פאָרגעקומען אי צווישן די גערמאַנצעס, אי צווישן די פּרימיטיווע קאָמונעס פון די אינ־דיאַנער אין אַמעריקע, אי צווישן די פאַרשיידענע גראַדן פון די יעצט־עקזיסטירנדע פּרימיטיווע קאָמונעס, דער נאַטירלאַכער לאַנגזאַמער פּראָצעס פון דעם איבערגאַנג פון דעם איינפאַכן פּרימיטיוון קאָמוניסטישן לעבן פון אַלע פעלקער און ראַסן צו דעם העכערן מער קאָמפּליצירטן לעבן פון קלאַס־געזעלשאַפטן, אָדער בעסער, קלאַס־שטאַטן מיט דעם פּריסטערטום אַלס דעם ערשטן קלאַס, וואָס איז געוואָרן דער הערשנדער קלאַס, דער רעגירנדער קלאַס פון אַלע ערשטע מלוכות אויף אונזער ערד־קוגל און מיר נויטיקן זיך ניט אין אַזעלכע גרונטלאָזע און זינ־לאָזע טעאָריעס וועגן איינגעבוירענע פּסיכישע אייגנשאַפטן פון פעלקער־שטאַטן און ראַסן. אויך איז אונז פון די פריערדיקע קאַפּיטלען גענוג קלאָר, פאַרוואָס עס האָט פון אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן גראַדע מעדיצין פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין די קולטורעלע דערגרייכונגען פון דעם עגיפּטישן פּריסטער־קלאַס. די קלאָרע פאַרשטענדניש פון דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דעם פּריסטערטום קען אונז אויך העלפן צו דערקלערן, פאַרוואָס האָט זיך דער בליענדער צושטאַנד פון דער עגיפּטישער קולטור אין די ערשטע 3000 יאָר אָפּגעשטעלט? פאַרוואָס געפינען מיר ניט אין דער צווייטער העלפט פון דער אַלטער עגיפּטישער ציוויליזאַציע, דאָס הייסט, אין דער צווייטער 3000 אָדער 4000 יאָריקער פּעריאָדע פון דער עקזיסטענץ פון דעם אַלטן עגיפּ־

טישן שטאט, קיינע גרויסע אָריגינעלע פּראָדוקטן פון קונסט און וויסנשאפט? פארוואס געפינען מיר נאָר ווידערהאָלונגען, קאָפּיעס פון די דערגרייכונגען פון דער ערשטער העלפט, פון די ערשטע 3000 אָדער 4000 אין דער פעריאָדע פון בויען די פּיראמידן און טעמפּלען?

די ערשטע העלפט איז דאָס די פעריאָדע פון דער העכסטער שטופע פון אנטוויקלונג פון דעם פּריסטער־קלאס, גאנץ ענלאך צו דער העכסטער פאזע פון דעם קאפּיטאליסטישן קלאס פון אונזערע צייטן, דער פאזע פון אימפּעריאליזם. די גרויס און די פּראכט פון די טעמפּלען און פּיראמידן, די פעסטונגען פון דעם פּריסטער־קלאס צייגן די קראפט און די מאכט פון דעם פּריסטער־קלאס אלס דעם הערשנדן קלאס פון דעם שטאט עגיפּטן. אלע אנטדעקטע אלטע שריפטן און אנדערע היסטאָרישע דאָקומענטן איבערצייגן אונז, אז די פּריסטער־קלאס ציוויליזאציע פון דעם עגיפּטישן שטאט קען דינען אלס מוסטער פון די אנדערע פּריסטער־ציוויליזאציעס פון די אלטע אזיאטישע שטאטן. אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען דער הערשנדער פּריסטער־קלאס האט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון זיין מאכט איז אויך געוואקסן דער צווייטער קלאס פון די מיליטאריסטן מיט דעם קעניג אָן דער שפּיץ, וועלכער איז נאָך אלץ געווען אונטערווארפן דעם הערשנדן פּריסטער־קלאס און געשטאנען אין דינסט פון דעם פּריסטערטום און וועלכער האט געמוזט שטרעבן אין זיין ווייטערדיקן וואקסן צו ווערן דער הערשנדער קלאס. אין די נאָר ערשטע שטופן פון דער אנטוויקלונג פון דעם פּריסטער־קלאס, האבן זיך די ערשטע מעדיצין־מענער, די מכשפים און מכשפות־דאָקטוירים, ניט גענויטיקט אין קיין פיזיש שטארקע צוואנגמיטלען אום אויפצוהאלטן זייער מאכט איבער די מענטשן, די מיטגלידער פון זייער געמיינדע. די מאכט פון די דאָזיקע מכשפים־דאָקטוירים, פון וועלכע עס איז שפּעטער אויסגעוואקסן דער מעכטיקער פּריסטער־קלאס אין די ציוויליזירטע אזיאטישע שטאטן, איז דאָך געקומען פון די אָנגע־

זאמלטע נאטירלאכע מיטלען קעגן פארשיידענע קראנקהייטן, פון די פארשידענע טויטלאכע, גיפטיקע שטאפן א. א. וו., פון דעם אנגעזאמלטן וויסן, וואס זיי האבן געהאלטן בסוד פון די אנדערע מיטגלידער; אט דער מין אייגנטום, אט די דאזיקע מאנאפאליע אויף דעם אנגעזאמלטען וויסן האט זיך ניט גענויטיקט אין קיין באשיצונג פון מיליטער און פאליציי, אין קיין באשיצונג דורך דער גוואלט־מאכט פון א שטאט. אבער, ווען, נאך א לאנגער רייע אנטוויקלונג־שטופן, וואס האבן געדויערט ניט הונדערטער, נאר פילע, פילע טויזנטער יארן, איז עס פון די מכשפים־דאק־טוירים אויסגעוואקסן א מעכטיקער, פעסט ארגאניזירטער פריס־טער־קלאס; זייערע פעסטונגען, די פיראמידן און טעמפלען זענען געווארן אויסער צענטרען פון אנגעזאמלטע הייליקע בי־כער איבער דער געהיימניספולער וויסנשאפט, מעדיצין, אסטרא־נאמיע און אנדערע הייליקע ביכער, אויך צענטרען פון אנגעזא־מעלטע רייכטימער, פון אנגעזאמלטע אוצרות פון גאלד און זילבער, וואס האבן געמאכט פון זייערע בעלי־בתים, די פריס־טער, די רייכסטע אייגנטימער פון לאנד, פי, תבואות און שקלאפן; דאן האט זיך שוין דער פריסטער־קלאס שטארק גע־נויטיקט אין א ארגאניזירטער שטאט־מאכט, וואס זאל באשיצן זיי און זייערע רייכע אוצרות פון אנפאלן פון זייער אייגענעם פאלק אדער פון די ארומיקע פעלקער, גענויטיקט זיך אין א ארמיי צו פירן די אפטערע מלחמות מיט די אנדערע פעלקער, אין באוואפנטע מיליטאריסטן צו צווינגען אויך זייער אייגענעם פאלק אפצוהיטן די געזעצן פון דעם פריסטער־קלאס, דורכצו־פירן די באשלוסן פון די פריסטלאכע ריכטער, אויפצומאנען די צינזן פאר די טעמפלען, די פראצענטן פאר די אפטערע הלוואות פון זוימען און לעבנס־מיטלען צו די פויערים, אדער גלאט געלט־הלוואות, א. אז. וו.

25

דער הערשנדיקער פּריסטער־קלאַס אין דער אָריענטאַלער ציווויליזאַציע און דער הערשנדיקער פּריצים־קלאַס אין דער אייראָפּיאישער איז די גרונטלאַגע פון דעם גוואַלטיקן אונטערשייד אין די קולטורן פון אַזיען און אייראָפּע. — די גריכישע פילאָזאָפן אָנשטאָט די אָריענטאַלע פּריסטער.

העראָדאָט און די אַנדערע גריכישע היסטאָריקער שטעלן גלייך נאָך דעם ערשטן און העכסטן קלאַס פון עגיפּטן, נאָך דעם פּריסטער־קלאַס, דעם צווייטן קלאַס פון די מיליטאַריסטן.

דער פּריסטער־קלאַס איז געבליבן דער הערשנדער קלאַס אפילו אין דער צווייטער העלפט פון דער אַלטער עגיפּטישער ציוויליזאַציע, אָבער דער צווייטער קלאַס פון די מיליטאַריסטן מיט די פאַראָאָנען אָדער די עגיפּטישע קעניגע אַלס זייערע הויפּט־פירער, האָט געהאַלטן אין וואַקסן אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער, ביז דער הערשנדער פּריסטער־קלאַס האָט זיך געפונען געצוואונגען אָפּצוגעבן די פאַראָאָנען אַלץ אַ גרעסערן טייל אין דער רעגירונג־מאַכט, אָפּצוטרעטן אַלץ מער און מער פּלאַץ אין די רעגירונג־שטאַט אינסטיטוטן צו דעם שטייגנדען צווייטן קלאַס פון די מיליטאַריסטן, וועלכער איז געוואָרן אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלאַכער געשיכטע דער הערשנדער רעגירונג־קלאַס ניט אין דעם אַלטן עגיפּטישן שטאַט זעלבסט, נאָר אין די ערשטע אייראָפּעאישע שטאַטן אין גריכנלאַנד און רוים, אַלס דער קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן, אָדער לאַנד־פּריצים. די מיליטאַריסטן, געבוירן אַלס הילפס־אָרגאַניזאַ־

ציע צו דעם הערשנדיקן פריסטער־קלאַס, איז אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן אויסגעוואַקסן אין דעם הערשנדיקן קלאַס, און פאַרוואַנדלט דעם הערשנדיקן פריסטער־קלאַס פון די ערשטע גרויסע אַזיאַטישע שטאַטן אין אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע צו די הערשער פון די אַלטע אייראָפּעאישע שטאַטן, צו דעם קלאַס פון לאַנד־באַזיצער. די סאָציאַלע גרונט־לאַגע, וואָס האָט געגעבן די מיליטאַריסטן די מעגלאַכקייט צו באַהערשן אָדער צו פאַרשקלאַפן די מאַסן פון פאָלק, האָט גאָרניט צו טאָן מיט די סאָציאַלע פאַקטאָרן, מיט די סאָציאַלע מיטלען, דורך וועלכער דער פריסטער־קלאַס האָט באַצוווּנגען און פאַרשקלאַפט די פאָלקס מאַסן; די מיליטאַריסטן האָבן ניט געהאַט קיין געהיימנים פון וויסן צו צייגן וואונדערלאַכע כשוף־מאַכעריי אין היילן קראַנקע אָדער טויטן אַ שונא, זיי האָבן ניט געקענט באַצווינגען די פאָלקס מאַסן מיט דעם גלויבן אין זיי אַלס אַ העכערן סאָרט מענטשן, מיט פיינערע גייסטיקע כחות, מענטשן מיט וועמען די פאַרשטאָרבענע גייסטער ווי אויך די געטלאַכע וועלט־גייסטער, און אַלע אַנדערע געהיימניספולע נאַטור־קרעפטן האָבן פאַרבינדונגען. די מיליטאַריסטן האָבן געקראָגן זייערע שטרעקן לאַנד און זייערע רייכטימער ניט אַלס באַצווינגער פון די פאָלקס מאַסן נאָר אַלס גוט־אָרגאַניזירטע און גוט־באַוואָפנטע רויבער, וועלכע האָבן זיך ניט געניטיקט אין קיינע געהיימניספולע גייסטיקע קרעפטן, נאָר אין זייערע אייגענע אָפּגעבאַרע פיזישע קרעפטן, גוט־אָרגאַניזירט און באַוואָפנט דורך דעם שטאַט מיט די בעסטע וואָפן און קריגס מיטלען.

אין דער ביבלישער מעשה פון יוסף און זיינע ברידער ווערט דערציילט, ווי אין די הונגער־יאָרן זענען אַלע מצרים געקומען צו יוסף און האָבן צו אים געזאָגט: „קויף אָפּ אונז און אונזער ערד פאַר ברויט און מיר מיט אונזער ערד וועלן זיין קנעכט צו פּרעהן". און אַביסל ווייטער לעזן מיר: „האָט יוסף אָפּגעקויפט די גאַנצע ערד פון מצרים פאַר פּרעהן און דאָס לאַנד איז געוואָרן פּרעהס... נאָר די ערד פון די פריסטער

האָט ער ניט אָפּגעקויפט. נאָר די ערד פון די פּריסטער אליין איז ניט געוואָרן פּרעהס". נאָך דער ביבלישער דערציילונג קומט אויס, אַז דאָס גאַנצע לאַנד פון דעם שטאַט מצרים איז גע־ווען דאָס אייגנטום פון דעם קעניג און פון די פּריסטער. און אויב אפילו ניט אבסאָלוט דאָס גאַנצע לאַנד, האָט זיכער דער גרעסטער טייל פון דער ערד אין מצרים געהערט צו דעם פּריסטער־קלאַס, צו די טעמפּלען און פּיראַמידן און צו דעם עגיפּטישן קעניג מיט זיינע מיליטאַריסטן. די גרעסערע קאָ־מאַנדירן פון דער אַרמיי. די העלדישע קריגס־פירער פלעגן גע־ווים קריגן פון דעם קעניג אַלס באַלוינונג פאַר זייערע העלדן־טאַטן און טרייע פּירערשאַפט, שטרעקן לאַנד, פּריוואַט־אייגנטום פאַר זיי, זייערע קינדער און קינדס־קינדער, אויסער אַ טייל פון די קריגס־געפאַנגענע שקלאַפן, און די אָנגערויבטע רייכטימער אין די זיגרייכע מלחמות מיט די אַרומיקע פעלקער.

אַלזאָ, אין דער צווייטער העלפט פון דער עקזיסטענץ פון דעם אַלטן עגיפּטישן שטאַט זענען אַלע אַנדערע שיכטן פון דעם עגיפּטישן פאָלק, אויסער די הערשנדע פּריסטער און די קעניגע מיט זייערע מיליטאַריסטן, געווען פאַרשקלאַפט צו די, צו וועמען די ערד פון מצרים האָט געהערט, צו פּרעהן און זיינע סאָלדאַטן. וואָס שטאַרקער עס איז געוואַקסן די עקאָנאָמישע הערשאַפט פון די לאַנד־באַזיצער איבער די פאָלקס מאַסן, אַלץ נענטער איז דער קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן געקומען צו דער ראָלע פון דעם הערשנדן קלאַס. אין דער פּעריאָדע, אין וועל־כער די שטאַט רעגירונג־מאַכט גייט לאַנגזאַם אריבער פון דעם פּריסטער־קלאַס צו דעם קלאַס פון די לאַנד־מאַגנאַטן, געפינען מיר, אַז האַנט אין האַנט מיט ענדערונגען אין דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון דער שטאַט־פאַרוואַלטונג, גייט אויך אָן ענדע־רונגען אין די קולטורעלע גרונט־לאַגן, אין די געביטן פון רייַ־נער וויסנשאַפט און קונסט.

מיר האָבן געזען, אַז די הויפּט גרונט־לאַגע פון דער קולטור אין דער פּעריאָדע פון דער הערשאַפט פון דעם פּריסטער קלאַס

באשטייט אין דער ענגער פארבינדונג פון וויסנשאפט און רע־ליגיע, אוןביידע אונטער דעם שטרענגען קאָנטראָל פון די פּריסטער: די פּריסטער דורך רעליגיע באפעסטיקן דעם גלויבן צווישן דעם פאָלק אין די פּריסטער אַלס אויסדערוויילטע גייסטער, און דורך די אָנגעזאַמלטע וויסנשאַפטן, וואָס ווערן שטרענג געהאַלטן אין די הענט פון די פּריסטער בסוד פון די אַנדערע שיכטן פון פאָלק, קענען די פּריסטער באַצווי־בערן דאָס פאָלק מיט זייער גרויסער חכמה און וואונדער־לאַכע נסים.

דער גריכישער היסטאָריקער דיאָדאָר, דער צווייטער היס־טאָריקער נאָך העראָדאָטן, אין אַ פּאָר קורצע צײַלן ברענגט ארויס דעם פאַקט, „אַז אין פאַרשיידענע עגיפּטישע שטעט געפינען זיך מעדיצינישע שולן, וואו עס ווערן פאַרבאַרייטעט ספּעציאַליסטן־דאָקטורים אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דער מעדיצינישער פּראַקטיק. די הויפּט־פירער און לערער אין אַזעלכע שולן זענען מיטגלידער פון דעם פּריסטער־קלאַס פון מצרים". די געוויינלאַכע געשיכטע־שרייבער, ניט האָבנדיק קיין מינדסטן באַגריף וועגן דער גרויסער ראָלע, וואָס קלאַסן שפּילן אין דעם געשיכטלאַכן פּראָצעס פון דער מענטשהייט, פאַר־שטייען ניט די גרויסע וויכטיקייט פון די דאָזיקע פּאָר צײַלן אין דיאָדאָרס געשיכטע פון מצרים. די דאָזיקע מעדיצינישע שולן צייגן אָן אָנפאַנג פון אַ נייער ווענדונג אין דער קולטור־רעלער אַנטוויקלונג פון דעם עגיפּטישן שטאַט, אַ ווענדונג אָפּ־צוטיילן די מעדיצינישע וויסנשאַפט און די מעדיצינישע פּראַק־טיקע פון רעליגיע, אָפּצוטיילן די מעדיצינשע אנשטאַלטן פון די טעמפּלען, און די פּראַקטיצירנדיקע דאָקטוירים פון דעם פּריס־טער־קלאַס. די לערער אין די שולן זענען נאָך די פּריסטער, אָבער די שולן זענען ניט אין די טעמפּלען און די פּראַקטיצירנדע ספּע־ציאַליסטן־דאָקטוירים זענען ניט מער מיטגלידער פון דעם פּריס־טער־קלאַס. אין דער ערשטער העלפט פון דער עגיפּטישער צי־וויליזאַציע זענען די שולן, וואו עס ווערט געלערנט מעדיצין, ווי

אויך אַלע אַנדערע צווייגן פון וויסנשאַפט, געווען אימער אין די טעמפּלען. די מער באַוואוסטע אַזעלכע שולן זענען געווען אין די טעמפּלען פון אָן, סאַיס, מעמפיס, טעבעס. קיין אַנדערע דאָקטוירים אויסער די פּריסטער־דאָקטוירים זענען ניט געווען, און זיי קריגן זייער לעבנס־מיטל פון די טעמפּל־פאָנדן. דער הויפּט־דאָקטאָר פון דעם טעמפּל סאַיס האָט געטראָגן דעם טיטל „דער ערשטער אָדער גרעסטער דאָקטאָר".

דאָס וואָס העראָדאָט דערציילט וועגן די פילע ספּעציאַליס־טען־דאָקטוירים אין מצרים, וואו „איינער באַהאַנדלט אויגן־קראַנקהייטן, דער אַנדערער קאָפּ, דער דריטער ציין, דער פערטער בויך אָדער אינווייניקסטע קראַנקהייטן", אַזוי גוט ווי דיאָדאָרס באַשטעטיקונג פון אַזעלכע מעדיצינישע שולן, וואָס פאַרברייטן ספּעציאַליסטן־דאָקטוירים, שטימט גאַנץ ריכטיק איין מיט דער צווייטער העלפט פון דער עגיפּטישער ציוויליזאַציע, ווען דער קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן שטרעבט אַליין מיט גרעסערן דערפאָלג צו ווערן דער הערשנדער רעגירונג־קלאַס פון דעם שטאַט־מצרים. צוזאַמען מיט דער אָפּשוואַכונג פון דער פּאָליטישער אַליין־הערשאַפט פון דעם פּריסטער־קלאַס, באַמערקן מיר דעם נייעם פּראָצעס אין הינזיכט פון קולטור, וועלכער שטרעבט צו צערייסן דעם פעסטן פאַרבאַנד פון וויסנשאַפט און רעליגיע, דעם הויפּט־גייסטיקן קוואַל פון דער צויבער־מאַכט און קראַפט פון דעם הערשנדן פּריסטער־קלאַס; אָפּצוטיילן די רעאַלע מאַכט דורך דעם אמתן וויסן פון דער פאַנטאַסטישער איינבילדונג, פון דעם גלויבן אין גייסטער, אין געטער, אין מלכים און שדים, אין דער אַנטפּלעקונג פון די געטער און גייסטער צו די אויס־דערוויילטע פּריסטער.

דער אָפּשטעל פון דער גלענצענדער קולטור אין דער צווייטער העלפט פון דער אַלטער עגיפּטישער ציוויליזאַציע, אַלזאָ, איז פאַרבונדן מיט דעם דערשיינען אויף דעם היסטאָרישן האָריזאָנט פון אַ נייעם קלאַס פון גרויסע לאַנד־באַזיצער, וואָס וואַקסט אַלץ מעכטיקער, ביז ער ווערט דער אַליין־הערשנדער

קלאַס אין די ווייטערדיקע ציוויליזירטע שטאַטן.

עס איז מערקווירדיק, אַז אַט די צווייטע העלפט פון דער עגיפּטישער ציוויליזאַציע שטעלט מיט זיך פאָר די לאַנגע פּעריאָדע, אין וועלכער די יונגע עופּעלע פון די אַלטסטע איי־ראָפּעאישע שטאַטן האָדעוועט זיך אויס אין שטענדיקער באַ־רירונג מיט עגיפּטן. די נייע אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע, וואָס בליט זיך אַזוי גלענצענד פאַנאַנדער אין דעם אַלטן גריכנלאַנד הויבט זיך אייגנטלאַך אָן אין קליין־אַזיע און גייט אַריבער פון קליין־אַזיע און די אַרומיקע אינזלען צו גריכענלאַנד. די ערשטע באַוואוסטע גריכישע פילאָזאָפן, ווי טאַלעס, אַ'אַקסימאַנ־דער, העראַקליט, פּיטאַגאָראַס קומען פון קליין־אַזיע און געהערן צו דער זאָגענאַנטער אייאָנישער פילאָזאָפישער שולע. פּיטאַ־גאָראַס האָט אין זיינע יונגע יאָרן געריייזט אין עגיפּטן און האָט געקראָגן פון די פּריסטער זעלבסט אונטעררריכטעט אין אַלע זייערע „געהיימניספולע“ לערעס.

די גרויסע אַנערקענונג, וואָס די עגיפּטישע ציוויליזאַציע האָט געקראָגן פון די אַלטע אייראָפּעאישע קלאַסיקער, האָט צו פאַרדאַנקן דעם פאַקט, וואָס די גרויסע גריכישע דענקער, היסטאָריקער און פילאָזאָפן האָבן געפילט אויף זיך דעם איינ־פלוס פון די עגיפּטישע פּיראַמידן, און האָבן ניט געקענט פאַר־געסן, אַז אייגנטלאַך האָבן זיי אין דעם לאַנד פון דעם גרויסן טייך ניל געפונען דעם הויפּט־פונדאַמענט, אויף וועלכן זיי האָבן אויפגעבויט די גרויסאַרטיקע רייכע געביידע פון זייערע קלאַ־סישע דערגרייכונגען אין אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און קונסט.

געגנוג טינט איז פאַרברויכט געוואָרן, געגוג ביכער זענען פאַרפאַסט געוואָרן, אין וועלכע אונזערע אייראָפּעאישע ווערטער־קינסטלער צוגיסן זיך אין אומענדלאַכע לויב־געזאַנגען צו דער שענסטער און רייכסטער קולטורעלער ירושה פון דעם אַלטן גריכנלאַנד. די ירושה, וואָס איז אייגנטלאַך דער פונדאַמענט פון אונזער היינטיקער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע אין אַלע צווייגן פון וויסנשאַפט און קונסט. ווען מיר שטעלן אָבער די

פראגע, וואס איז די אורזאכע, וואס האט ארויסגערופן אזא גוואלטיקן אונטערשייד צווישן דער אלטער קולטור פון עגיפטן און דער נייער קולטור פון גריכנלאנד, צווישן דער ציוויליזאציע פון די אלטע אריענטאלע שטאטן און דער נייער אייראפעאישער ציוויליזאציע? קריגן מיר דעם זעלביקן זינלאזן און גרונטלאזן ענטפער: דאס האבן מיר צו פארדאנקען דעם איינגעבוירענעם זשעניע פון די גריכן, די איינגעבוירענע שטארקע נייגונגען פון דעם מערקווירדיקן גריכישן פאלק צו די צוויבערהאפט־שיינע ארטיסטישע שאפונגען און צו דעם פרייען זעלבסטשטענדיקן פילאזאפישן דענקען, אומגעשטערטע פון קיינע פאר־אורטיילן. מיט אנדערע ווערטער, הייסט דאס, לויבט און דאנקט, בוקט און קניט זיך צו דעם גנעדיקן גאט, וואס האט אונז געגעבן אזא געניאלן פאלק מיט אזעלכע וואונדערבארע שיינע און וויכטיקע פעאיקייטן ווי די גריכן.

די אמתע געשיכטלעכע גרונטלאגע, וואס האט פאראורזאכט דעם גוואלטיקן אונטערשייד אין דעם קולטורעלן כאראקטער ניט פון גריכנלאנד אליין אין פארגלייך מיט מצרים, נאר פון כמעט אלע אלטע אריענטאלע גרויסע ציוויליזאציעס אין פארגלייך מיט דער גאנצער אייראפעאישער ציוויליזאציע, אנפאנגענדיק מיטן אלטערטום פון גריכנלאנד ביז היינטיקן טאג, באשטייט אין דעם, וואס די גאנצע געשיכטלעכע אנטוויקלונג פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע, פון די אייראפעאישע שטאטן, אנפאנגענדיק מיט די ערשטע קלאסישע שטאטן פון גריכנלאנד און רוים ביז די היינטיקע, האט ניט געוואוסט פון קיין הערשנדן פריסטער־קלאס; דאס די ערשטע אייראפעאישע שטאטן פון גריכענלאנד הויבן אן זייער ציוויליזירטע עקזיסטענץ מיט דעם קלאס פון לאנד־באזיצער, פון לאנד־מאגנאטן, אלס זייער הערשנדע רעגירונג־מאכט.

די גאנץ רייכע ירושה פון געשריבענעם היסטארישן מאטעריאל, וואס איז איבערגעבליבן פון גריכנלאנד און רוים אי־בערצייגט אונז, אז די גרויסע ראלע, וואס די טעמפלען און

די פּריסטער האָבן געשפּילט אין דעם היסטאָרישן לעבן פון די אַלטע אַזיאַטישע מלוכות, איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן אין די ערשטע מעכטיקע קלאַסן־שטאַטן פון אייראָפּע. דאָס הייסט גראָדע ניט, אַז עס האָבן געפעלט טעמפּלען געבויט אין די נעמען פון די פילע געטער און געטינען, אָדער פּריסטער און פּריסטערינען אין גריכנלאַנד און רוים. מיר געפינען די נעמען און באַשרייבונגען פון אַ גרויסער צאָל אַזעלכע טעמפּלען אין פאַרשיידענע שטעט און געגנטן פון גריכנלאַנד. מאַסן פאַר־ערער און גלויביקע ציען זיך צו די טעמפּלען צו בעטן און פאַרגיטיקן די גרויסע מעכטיקע געטער און געטינען. פון זייערע געשאַנקען און קרבנות לעבן די אַלע באַדינטע, די פּריסטער, די אויפזעער און פאַרוואַלטער פון די טעמפּלען. עס זענען אויך באַרימט געווען אייניקע טעמפּלען פון נביאות־זאָגן, אָדער ווי זיי הייסן די „אָראַקלען", די פּריסטער אָדער פּריס־טערינען פון אַזעלכע טעמפּלען גיבן אַרויס נביאות אין קורצע, טונקעלע פראַזן אויף די אָנפראַגן פון די פאַרערער. איינער פון אַזעלכע טעמפּלען איז דער דעלפיסקער אָראַקל, געווידמעט צום גאָט אַפּאָלאָ אין דער שטאָט דעלפי, אָדער דער אָראַקל פון דעם גאָט יופּיטער אַמאָן אין ליביאַ. זיי האָבן געהאַט אי טעמפּלען, אי פּריסטער, אי נביאים, אי רעליגיעזע יום־טובים, רעליגיעזע צערעמאָניעס, פאַרבונדן מיט די געוויינלעכע פּאַסירונ־גען אין דעם פאַמיליען־לעבן. דאָס אַלעס האָט זיך בא די גריכן און רוימער אַנטוויקלט, גלייך ווי בא אַלע אַנדערע פעל־קער אין די יאָרהונדערטע אָדער די יאָרטויזנטע פון זייער פּרי־מיטיוון קאָמוניסטישן לעבן, איידער זיי זענען אַריינגעטראָטן אין דער געשיכטע אַלס פאָלקאָמען אַנטוויקלטע קלאַסן־געזעלשאַפ־טען. איך רעד דאָ נאָר פון די ציוויליזירטע שטאַטן, די מלוכות פון פעסטגעשטעלטע קלאַסן־געזעלשאַפטן, אין וועלכע די שטאַט־מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון אַ הערשנדן קלאַס, אום אויפצוהאַלטן זייער רעכט צו עקספּלואַטירן און באַהערשן די אַנדערע קלאַסן, אין וועלכע דער הערשנדער קלאַס, אַ קליינע

מינאָריטעט פון דער באַפעלקערונג דיקטירט די געזעצגעבונג, קאָנטראָלירט די געריכטן און האָט אונטער איר קאָמאַנדע אַ שטענדיקע באַוואַפנטע ארמיי צו האַלטן די גרויסע מאַיאָריטעט, די מאַסן, אין געהאָרכזאַמער אונטערטעניקייט און צו דערשטיקן דעם מינדעסטן פּרוּוו פון די פאַרשקלאַפטע מאַסן צו באַפרייען זיך פון זייער הערשאַפט.

אַלזאָ, ווען גריכנלאַנד איז אין איר געשיכטלאַכער אַנט־וויקלונג אריינגעטראָטן אין דער פאַזע פון אַנטוויקלטע קלאַסן־געזעלשאַפטן מיט שטאַט־רעגירונגען, וואָס אַנטשפּרעכן דעם כאַראַקטער פון דעם הערשנדן קלאַס, געפינען מיר, אַז אין דעם פּראַכטפולן רייכן געוואוקס פון דער גריכישער און שפּעטער פון דער רוימישער קלאַסן־ציוויליזאַציע, זעט אויס דער גאַנצער געביט פון רעליגיע און רעליגיעזער קולטור ווי אַ טויטער פאַר־גליווערטער צווייג. דער געוואַלטיקער פּראָגרעס אין אַלע אַנ־דערע געביטן פון קונסט, וויסנשאַפט און אַלגעמיינער קולטור האָט ניט אָנגערירט דעם געביט פון רעליגיע. די פּריסטער שפּילן קיין ראָלע אין דעם פּאָליטישן זין, זיי האָבן ניט קיין ברעקל מאַכט אין די שטאַט רעגירונג־אינסטיטוטן, זיי נעמען ניט קיין אַנטייל אין דער דערציאונג פון די קינדער, די דער־ציאונג־שולן זענען ניט פאַרבונדן מיט די טעמפּלען.

אין גריכנלאַנד און רוים געפינען מיר פאַרשיידענע פילאָ־זאָפישע שולן, נאָכפאָלגער און פאַרערער פון דעם אָדער יענעם פילאָזאָף, ווי צום ביישפּיל, די נאָכפאָלגער פון אַפּיקורן, פון פּלאַטאָנען, פון אַריסטאָטלען, די סטאָאיקער א. אז. וו. אָבער קיינע רעליגיעזע סעקטן, קיינע באַוואוסטע רעליגיעזע פירער. דער געוואַלטיקער קאָנטראַסט צווישן דער אָריענטאַלער און דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, דער קאָנטראַסט צווישן די אַלגע־מיינע שטריכן פון זייער סאָציאַלן לעבן, ווי אויך צווישן די הויפּט ליניען פון זייער קולטור, איז נאַטירלאַכערווייזע אויסגע־וואַקסן פון דעם אָנגעצייגטן קאָנטראַסט צווישן דער ראָלע, וואָס דאָס פּריסטערטום און אַלעס, וואָס געהערט צו דעם רעליגיעזן

געבױט האָט געשפּילט אין די אַזיאַטישע און אײראָפּעאישע שטאַטן. דער קאָנטראַסט צײגט זיך אַרױס אַם בולטסטן צװישן דעם אַלטן אָריענטאַלן שטאַט מצרים און די ערשטע אײראָפּעאישע שטאַטן פון גריכנלאַנד. דער אַלטער שטאַט מצרים שטעלט מיט זיך פאָר אַ מוסטער פון די אַלטע אַזיאַטישע קלאַסן־געזעלשאַפטן, װאו דער פּריסטער־קלאַס איז געװען דער הערשנדער קלאַס. דאָס פּריסטערטום פון מצרים איז געװען דער העכסט אָרגאַניזירטער הערשנדער קלאַס, װאָס אין זײַערע הענט זענען געװען קאָנצענטרירט די אַלע מיטלען, װאָס העלפן צו האַלטן די מאַסן אין גײסטיקער פאַרשקלאַפונג. אַזױ װי דער צװײטער קלאַס פונם שטאַט מצרים, די מיליטאַריסטן מיטן קעניג אין דער שפּיץ, איז אױך געװען אונטערטעניק דעם פּריסטער־קלאַס, הײסט דאָס, אַז אין די הענט פון דעם פּריסטער־קלאַס איז געװען קאָנצענטרירט ניט נאָר די גײסטיקע מיטלען, נאָר אױך די פיזישע צװאַנג־שטאַט־מאַכט, אום צו האַלטן דאָס פאָלק פון מצרים אין פולקאָמענער פאַרשקלאַפונג.

די ערשטע אײראָפּעאישע קלאַס־געזעלשאַפטן אין די ערשטע שטאַטן פון דעם אַלטן גריכנלאַנד שטעלן מיט זיך פאָר דעם מוסטער פון אַלע אײראָפּעאישע ציװיליזירטע שטאַטן. אַלע פאַרשײדענע פּאָליטישע פאָרמען פון די שטאַטן־רעגירונגען אין אײראָפּע פון די אַלטע צײַטן ביז יעצט, אַלע נײַע פאָרמען פון דער אײראָפּעאישער קולטור שטאַמען פון די אַלטע גריכישע שטאַטן.

אין דעם פערטן קאַפּיטל האָב איך דערמאָנט סאָלאָן, דעם ערשטן געזעצגעבער פון דעם באַרימטעסטן און העכסט קולטורעלן גריכישן שטאַט אַטיקאַ מיט דער הױפּט־שטאָט אַטענע. סאָלאָן אַלײן, דער ערשטער געזעצגעבער פון אַטיקאַ, איז געװען אַ יופּאַטריד, דאָס זעלביקע, װאָס בײַ די רױמער אַ פּאַטריציער, דאָס הײסט, אײנער פון די אַלטע רײַכע פאַמיליען, רײַכע לאַנד־אײגנטימער. אין דער קאָנסטיטוציע, װאָס דער סאָלאָן האָט פאַרפאַסט פאַר דער שטאַט־רעגירונג פון אַטיקאַ, און אין

וועלכער ער טיילט איין די באפעלקערונג אין פיר קלאסן, לויט דעם יערלאכן איינקונפט פון תבואה, וואס זיי קריגן ארויס פון זייערע מאיאנטקעס, ווערן די פריסטער אפילו ניט דערמאנט צווישן די פארשיידענע גרופן, וואס געהערן לויט דער קאנסטיטוציע צו איינעם פון די פיר קלאסן.

אין מצרים איז די געזעצגעבעריי אימער געווען אין די הענט פון דעם פריסטער־קלאס און כמעט זענען אלע געזעצגעבער פון די גרויסע אריענטאלע מלוכות געווען די הויכע באאמטע פון דעם ארגאניזירטן פריסטער־קלאס. דער גריכישער געזעצגעבער פון אטיקא, סאלאן, איז א רייכער ערד־באזיצער און צוזאמען מיט דעם פארשווינדן פון די פריסטער האט דארטען, וואו זיין קאנסטיטוציע טיילט איין דאס פאלק אויף קלאסן, זיין געזעצגעבונג אויך פארלוירן דעם הימליש־געטלאכן, דעם רעליגיעזן כאראקטער פון די געזעצגעבונגען פון אלע אריענטאלע אלטע מלוכות.

דער גוואלטיקער ברוך צווישן די אלטע גריכישע שטאטן און דעם שטאט מצרים, די נייע פאליטישע רעגירונג־פארמען, דער נייער קולטורעלער כאראקטער פון דער גאנצער אייראפעאישער ציוויליזאציע, דאס אלעס שטאמט פון דעם, וואס אייראפע הויבט אן גלייך איר געשיכטלאכע אנטוויקלונג פון קלאסן־שטאטן מיט דעם קלאס פון לאנד־מאגנאטן אלס הערשענדן, רעגירנדן קלאס, און האט איבערגעשפרונגען די לאנגע געשיכטלאכע פעריאדע פון דער אריענטאלער ציוויליזאציע, אין וועלכער די פריסטער זענען געווען דער הערשנדער, רעגירנדער קלאס.

מיר האבן פריער באוויזן, אז עס קומען פאר אייגנטלאך געוויסע ענדערונגען אין דעם שטאט מצרים גופא, נאך איידער עס דערשיינען די ערשטע גריכישע שטאטן אין אייראפע, ענדערונגען א דאנק דעם וואקסן פון דעם צווייטן קלאס מיליטאריסטן מיט דעם קעניג אן דער שפיץ, וואס האט געמוזט

אלץ מער און מער אפשוואכן און באגרעניצן די אבסאלוטע אליין־הערשאפט פון דעם פריסטער־קלאס.

עס איזווארשיינלאך, אז אט־דער וואקסנדער קלאס פון מיליטאריסטן און לאנד־באזיצער פון דעם שטאט מצרים האט געוויסערמאסן געווירקט אויף די ערשטע גריכישע קאלאניעס אין קליין־אזיע, מיט וועלכע זיי פלעגן אפט קומען אין נאענטער באריררונג, אז זיי זאלן אין דעם איבערגאנג פון דער הויכער שטופע פון פרימיטיוון, קלאסנלאזן געזעלשאפטלאכן לעבן צו דער ציוויליזאציע פון קלאסן־הערשאפטן גלייך אנפאנגען מיט דעם הערשנדן, רעגירנדן קלאס פון די רייכע ערד־באזיצער.

אום צו צייגן, ווי ווייט אט דער אונטערשייד צווישן אזיע און אייראפע אין די העשנרע קלאסן פון זייערע שטאטן, האט געמאכט זייערע קולטורן אויך גאנץ פארשיידנארטיק, וועל איך זיך נאר אפשטעלן אויף דעם הויפט פונדאמענטאלן עלעמענט, וואס אויף אים איז געבויט די מאכט פון דעם פריסטער־קלאס.

דער ערשטער עלעמענט, וואס אויף אים איז געבויט, וואס איך רוף אן די רעאלע מאכט פון דעם פריסטער־קלאס, איז די אנגעזאמלטע אמתע וויסנשאפט, וועלכער דער ארגאניזירטער פריסטער־קאלס זוכט צו האלטן בסוד פון אלעמען אויסער די מיטגלידער פון זייער קלאס. אט דער עלעמענט האט געמוזט זיין דער ערשטער, וועלכן מען האט געזוכט ארויסצורייסן פון די הענט פון דעם הערשנדן פריסטער־קלאס, אום אוועקצונעמען פון אים די רעאלע, די וויכטיקסטע וואפע פון זיין מאכט. איך האב געבראכט פריער די היסטארישע פאקטן וועגן די שולן, וואו עס ווערן פארבארייטעט ספעציאליסטן־דאקטוירים אין דעם שטאט מצרים, וועלכן צייגן, ווי ווייט די שטרענגע פארבינדונג פון מעדיצין מיט די טעמפלען און די דאקטוירים מיט דעם פריסטער־קלאס פון דער ערשטער פיראמידן פעריאדע איז שוין געווען ניט מער ווי א זאך דער פארגאנגענהייט, אין די צייטן פון הערדאטן און דיאדארן. ניט לייכט איז געווען פאר דעם וואקסנדן קלאס פון די מיליטאריסטן אין מצרים

אַרויסריַיסן די שטאַט־מאַכט פון די הענט פון דעם שטאַרק־אָרגאַניזירטן פּריסטער־קלאַס, וועלכע ער האָט פעסט געהאַלטן שוין עטלאַכע טויזנט יאָר. גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע פון די גריכישע קאָלאָניעס, וועלכע זענען נאָך ניט אַריינגע־טראָטן אין דער פאַזע פון קלאַסן־שטאַטן, און האָבן לייכט גע־קאָנט אָנהויבן מיט דעם הערשנדן קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן אַזוי גוט ווי מיט דעם קלאַס פון פּריסטער.

די גריכישע געשיכטע, וואָס געפינט כמעט קיין ברעקל פּלאַץ פאַר די פּריסטער, גיט אָבער אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ פאַר די פילאָזאָפן; די ערשטע פון זיי זענען באַוואוסט אין דער גריכישער געשיכטע מיט דעם נאָמען „די זיבן חכמים“. דער ערשטער פון די דאָזיקע זיבן חכמי־יון, דער פאָטער פון די גריכישע פילאָזאָפן, טאַלעס פון מילעט, געבוירן אין קליין־אַזיע, איז געווען אַ מאַטעמאַטיקער, האָט געשטודירט אַסטראָנאָמיע, ער איז געווען אַ לערער אין געאָמעטריע; העראָדאָט דערציילט, אַז טאַלעס האָט פאָראויסגעזאָגט דעם טאָג פון אַ לקוי־חמה, פון דער פאַרדונקלונג פון דער זון.

די וויסנשאַפטן פון אַסטראָנאָמיע, געאָמעטריע, אַזוי גוט ווי די וויסנשאַפט פון מעדיצין, האָבן די מייסטע פון די פילאָ־זאָפן געלערנט אַלס שילער פון די פּריסטער פון מצרים, אָבער ווען זיי האָבן זיך גענומען צו פאַרשפּרייטן דאָס דערוואָרבענע וויסן צווישן די גריכן, זענען זיי דאָס געווען די ערשטע אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס האָבן דאָס מענטשלאַכע וויסן, דאָס מענטשלאַכע שטרעבן נאָך וויסן אַבסאָלוט אָפּגעטיילט פון פּריסטער, פון טעמפּלען, און פון רעליגיע.

אַזוי ווי די לעבנס־טעטיקייט פון די פילאָזאָפן איז געווען ניט צו באַהאַלטן די וויסנשאַפטן פון דעם המון, נאָר גראָדע פאַרקערט, זיי האָבן געזוכט מיט אַלע מיטלען איבערצוגעבן אַלעס, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און פאַרשטאַנען, אַלעס, וואָס זיי האָבן אַליין אַנטדעקט אין דעם געביט פון וויסנשאַפט, צו זייערע שילער, צו זייערע נאָכפאָלגער, צום גאַנ־

צען פאָלק, האָבן זיי אוועקגענומען פון די גריכישע פּריסטער דעם ערשטן, דעם הויפּט־פונדאַמענט, די רעאַלע מאַכט פון דעם פּריסטער־קלאַס פון די אַזיאַטישע מלוכות; מיט אַנדערע ווער־טער קען מען זאָגן, אַז די פילאָזאָפן האָבן אין גריכנלאַנד סאָ־ציאַליזירט דעם פּריוואַטן אייגנטום פון דעם פּריסטער־קלאַס. מיט דעם, וואָס זיי האָבן געזוכט אוועקצוגעבן צום פאָלק די געהיימע תורה פון די פּריסטער.

אין די אָנגעצייגטע דריי גרויסע געשיכטלאַכע עפּאָכן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע איז אייגנטלאַך נאָר אין דער ערשטער עפּאָכע פון איר אַלטערטום, אין גריכנלאַנד און רוים, געווען אַזוי נישטיק די סאָציאַלע ראָלע פון רעליגיע און אירע פאָרשטייער, די פּריסטער; אין די צוויי אַנדערע עפּאָכן, נאָך דעם אונטערגאַנג פון דעם אַלטן רוים, אין דער פעאָדאַלער און דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, איז די סאָציאַלע ראָ־לע פון דער קריסטלאַכער רעליגיע, פון איר קירכע און פּריס־טערטום גאַנץ גרויס. אין די פינסטערע יאָרהונדערטע פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע איז די מאַכט פון דעם קריסטלאַכן פּריסטער־טום אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס, אַז דער רוימישער פּאַפּאַ, דער כהן גדול פון דעם קאַטוילישן צווייג פון דעם קריסטלאַכן גלויבן, האָט געוויסערמאַסן געהערשט איבער די קעניגן פון די איי־ראָפּעאישע שטאַטן. אָבער אַפילו אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע איז דער הערשנדער קלאַס אין אַלע אייראָפּעאישע שטאַטן גע־בליבן דער קלאַס פון די גרויס־פּריצים, די מעכטיקע לאַנד־מאַג־נאַטן. ווי גרויס עס איז ניט געווען אין דער דאָזיקער עפּאָכע ד גייסטיקע פאַרשקלאַפונג פון די קריסטלאַכע מאַסן, א דאַנק דעם פייערדיקן רעליגיעזן פאַנאַטיזם, וואָס די קריסטלאַכע פּריס־טער האָבן אויפגעהאַלטן אין זיי, איז דעם קריסטלאַכן פּריסטער־טום קיינמאָל ניט געלונגען אין דער גאַנצער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע צו ווערן דער הערשנדער קלאַס אין די אייראָ־פּעאישע שטאַטן.

דער פונדאַמענטאַלער כאַראַקטער פון די קלאַסן אין די

ערשטע גריכישע שטאטן איז געבליבן דער זעלביקער אין אלע אייראפעאישע שטאטן פון אלטערטום ביז היינטיקע צייטן, דאס צורייסן דעם פעסטן פארבאנד פון רעליגיע און וויסנשאפט, פון תורה און חכמה, דאס אוועקנעמען דורך די גריכישע פילאזאפן די מאנאפאליע אויף וויסנשאפט פון דעם הערשנדן פריסטער־קלאס אין די אריענטאלע ציוויליזאציעס, האט געמאכט דעם פונדאמענטאלן כאראקטער פון דער קולטור פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע פארשיידן פון דער אזיאטישער. אן דער דאזיקער מאנאפאליע האבן די פריסטער אין די אייראפעאישע שטאטן ניט געקענט ווערן דער הערשנדער קלאס.

אין דער גאנצער אייראפעאישער ציוויליזאציע איז וויסנשאפט געבליבן אפגעזונדערט פון רעליגיע און אין די עפאכן, ווען די געזעלשאפטלעכע מאכט פון דער קריסטלעכער קירכע איז געווען אם העכסטן, איז די קריסטלעכע קירכע געשטאנען אין טויטלעכער פיינטשאפט צו דער וויסנשאפט און אירע פארשטייער. אין דער איצטיקער עפאכע אונטער דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע אין די מייסטע שטאטן פון אייראפע, אויב די קריסטלעכע קירכע שטייט ניט אין טויטלעכער פיינטשאפט צו דער וויסנשאפט, געהערן נאך אימער וויסענשאפט און רעליגיע צו צוויי פיינטלעכע לאגערן. דערפאר איז דאס געווען פאר אונז, וואס האבן זיך אויפגעהאדעוועט אין דער אטמאספערע פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע, גאנץ שווער צו באגרייפן דעם הערשנדיקן פריסטער־קלאס אין די אזיאטישע ציוויליזאציעס, וואס האט דערגרייכט זיין הערשאפט נאר דורך דער פאראייניקונג פון וויסנשאפט און רעליגיע, אזעלכע קעגנערישע עלעמענטן, אין דער אייראפעאישער ציוויליזאציע.

אויב די קירכע מיט אירע פארשטייער האט ניט געקאנט אן דער מאנאפאליע אויף וויסנשאפט ווערן די הערשנדע מאכט אין די אייראפעאישע שטאטן, האט זי דאך אימער אין אלע עפאכן טריי געדינט די הערשנדע קלאסן מיט דעם כח פון רע־

ליגיע, פאַנטאַסטישע איינבילדונגען, און גלויבנס אין גייסטער, געטער, מלאכים און שדים, מיט דעם כח פון דעם גלויבן, אַז זיי, די פּריסטער, זענען דאָס די אויסדערוויילטע פון די גע־טער, וואָס דורך זייערע מיילער שפּרעכן דאָס די הייליקע גייס־טער און די מעכטיקע געטער. די קריסטלאַכע פּריסטער זענען דאָס געווען די בעסטע אַגענטן צו געבן דער דערשלאָגענער, פאַרשקלאַפטער מאַיאָריטעט פון דער מענטשהייט די נויטיקע פאַרשלעפערונג־מיטלען, דעם אָפּיום, ווי מארקס דריקט זיך אויס, אום צו פאַרטרייבן די שמערצלאַכע געפילן פון דעם בי־טערן ווירקלאַכן לעבן מיט די פאַנטאַסטישע ליכטיקע חלומות וועגן אַ גליקלאַכן גן־עדן לעבן אויף יענער וועלט פאַר די רעכט־גלויביקע, אויך מיט די פילע אַנדערע רעליגיעזע דערהאַבענע שטימונגען, געפילן און האָפנונגען.

מיר זעען, אַז דער שטאַט מצרים, דער מוסטער פון אַ הערשנדן פּריסטער־קלאַס, איז געוויסערמאַסן געווען די אורזאַכע פון ניט דערלאָזן די פּריסטער פון גריכנלאַנד צו ווערן דער הערשנדער קלאַס פון זייערע שטאַטן, דורך דעם איינפלוס, וואָס זיין היסטאָרישער לעבן נאָך דער פּיראַמידן־עפּאָכע האָט גע־האַט אויף די גריכישע קאָלאָניעס אין קליין־אַזיע און האָט זיי געגעבן דעם אָנשטויס צו אָנפאַנגען אַ נייע ציוויליזאַציע, אַ נייע קולטור אויף דעם פונדאַמענט פון אַ נייעם הערשנדן קלאַס פון ערד־פּריצים.

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז ניט די פּסיכאָלאָגישע איינ־געבוירענע אייגנשאַפטן פון די אַזיאַטישע און אייראָפּעאישע פעלקער, נאָר די קלאַסן־סטרוקטור פון די שטאַטן, דער כאַ־ראַקטער פון דעם הערשנדן קלאַס און דער קאַמף צווישן די קלאַסן באַשטימט די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די קולטורן פון די אַזיאַטישע און אייראָפּעאישע ציוויליזאַציעס. מיר האָבן אויך באַ־וויזן, ווי ווייט די מאָנאָפּאָליע אויף דער וויסנשאַפט פון מעדיצין איז געווען דער אַקטיווסטער עלעמענט צו מאַכן דעם פּריסטער־קלאַס פאַר דעם הערשנדיקן קלאַס אין דעם שטאַט.

.26

דער טייך ניל מיט זיינע רעגלמעסיקע פֿאַרפֿלייצונגען.—דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן פֿונם שטאַט מצרים אָפּהענגיק פֿון דעם טייך ניל. — די פּריסטער שטערנזעער. — די פּיראַמידן אַלס די ערשטע אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריען אין דער וועלט־געשיכטע. — די מאָנאָפּאָליע אויף דער וויסנשאַפֿט פֿון אַסטראָנאָמיע פֿאַרשטאַרקט אַם העכסטן די הערשאַפֿט פֿון דעם פּריסטער־קלאַס איבערן פֿאָלק.

איך וועל זיך אַביסל לענגער אָפּשטעלן אויף דער וויסנשאַפֿט פֿון אַסטראָנאָמיע, ווייל ערשטנס, זענען די לעצטע צייט דער־שינען טיכטיקע אַרבעטן פֿון באַוואוסטע אַסטראָנאָמען, וואָס צייגן די פֿאַרבינדונג פֿון די פּיראַמידן מיט דער וויסנשאַפֿט פֿון אַסטראָנאָמיע, צווייטנס, איז די פֿאַרבינדונג פֿון אַסטראָ־נאָמיע מיט דעם עקנאָמישן לעבן פֿון אַלע אַגריקולטורעלע פֿעל־קער פֿיל דייטלאַכער אין פֿאַרגלייך מיט דער וויסנשאַפֿט פֿון מעדיצין און דערפֿאַר איז לייכטער צו זען ווי אַזוי די מאָנאָ־פּאָליע אויף דער וויסנשאַפֿט פֿון אַסטראָנאָמיע האָט באַפֿעסטיקט צו דער העכסטער שטופֿע די הערשאַפֿט פֿון דעם פּריסטער־קלאַס אין מצרים. און עס וועט אונז ווערן פֿאַרשטענדלאַך, פֿאַרוואָס איז דאָס גראַדע די עפּאָכע פֿון די פּיראַמידן געווען די עפּאָכע פֿון דעם העכסט גלענצענדן צושטאַנד פֿון דעם פּריס־טער־קלאַס.

דער שטאַט מצרים אין נאָרד־אַפֿריקע געהערט צו דעם קלאַס ציוויליזירטע שטאַטן, וואָס זענען אויסגעוואקסן אויף די ברעגן

פון די גרויסע טייכן: גאנגעס אין אינדיע, יאנ־צע־קיאנג אין כינע, וואָלגאַ אין צענטראַל־רוסלאַנד. דער פרוכטבאַרער באָדן, אַ דאַנק דעם אָפּזאַץ פון די טייכן, מאַכט די הויפּט־באַשעפטי־קונגען פון דער באַפעלקערונג לאַנדווירטשאַפט און פי־צוכט.

מצרים איבערשטייגט זיי אַלעמען מיט דעם, וואָס דאָס לעבן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג איז אַבסאָלוט אָפּהענגיק גע־ווען פון דעם טייך ניל. ווען ניט דער טייך ניל, וואָלט מצרים מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ וויסטע ווילדערניש, ווי די זאַמדיקע סאַהאַראַ, וואָס ליגט נאָענט פון מצרים. ניט אומזיסט דריקט זיך אויס דער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָט, אַז מצרים איז אַ מתנה פון דעם טייך ניל.

דער טייך ניל רעכנט זיך יעצט פאַר דעם לאַנגסטן טייך אויף דער וועלט, נאָך די לעצטע געאָגראַפישע אונטערזוכונגען איז דער טייך ניל פיר טויזנט דריי הונדערט מייל לאַנג. עס איז געווען גאָר ניט קיין לייכטע אַרבעט אויסצוגעפינען פינקט־לאַך דעם סאַמע אָנפאַנג פון דעם טייך ביז מיט אַ יאָר זי־בעציק צוריק. דאָס איז געלונגען נאָר אַ דאַנק די ריזיקאַלע ענגלישע עקספּעדיציעס צו אונטערזוכן די געפערלאַכע געגנטן פון סענטראַל־אַפריקע מיט דעם אַנטייל פון אַזעלכע באַ־וואוסטע פאָרשער ווי ליווינגסטאָן, סטאַנלי, בייקער, גראַנט און אַנדערע, וועלכע האָבן אַנטדעקט די דריי גרויסע אָזערעס אין די פלאַכע הויכע ברעג אין די טראָפּישע געגנטן פון צענטראַל־אַפריקע, ניט ווייט פון דעם עקוואַטאָר, די אָזערעס, וואָס זענען די גרויסע וואַסער־קוואַלן פאַרבונדן מיט דעם אָנפאַנג פון דעם טייך ניל. פיליכט זענען נאָך דאָ קלענערע וואַסערן אַביסל ווייטער, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם אָנפאַנג פון דעם טייך, דאָס איז נאָך ניט באַשטימט געוואָרן. דער טייך ניל פליסט מער ווי אַ העלפט פון זיין לענג דורך די הויכע געבירגע, פילע גרויסע טייכן גיסן אריין אין ניל די וואַסערן פון די אַרומיקע בערג פון אַביסיניאַ, זייער וואַסערן פליסנדיק פון די הויכע געבירגע צו די נידעריקע פלאַכן פאַרמירן אַ רייע וואַסער־

פאלן, דער לעצטער פון אזעלכע וואסער־פאלן געפינט זיך לעבן דער שטאט אסואן.

דאס לאנד מצרים אייגנטלאך הויבט זיך אן פון אסואן און ענדיגט זיך מיט די ברעגעס פון דעם מיטלענדישן ים. דער נידעריקער טייל פון דעם טייך ניל, וואס פליסט דורך דאס לאנד מצרים פון אסואן ביז ער גיסט אריין זיינע וואסערן אין ים, נעמט ניט מער אריין קיינע זייטיקע טייכן אדער טייכלאך, ווייל דאס גאנצע לאנד ארום איז א פלאכע, טרוקענע, זאמדיקע ווילדעניש, וואס ווייסט ניט פון קיינע רעגנס. ארום די ברעגעס פון דעם ים פאלט נאך אמאל ארויס א רעגן, אבער אין דעם לאנד גופא איז ניטא קיינע רעגנס. אט דער טייך ניל איז דער איינציקער קוואל פון וואסער אין דעם גאנצן לאנד מצרים אויפצוהאלטן דעם לעבן פון די מענטשן, חיות, ביימער און פלאנצן. אויסער דעם האט מצרים צו פארדאנקען זיין בארימטע פרוכטבארקייט דעם טייך ניל מיט זיין אפזאץ פון פיין־צעריבענע ערד־מאטעריאלן.

אזוי ווי די מייסטע טייכן אין די טראפישע געגנטן ווערן געוויינטלאך פארפלייצט אין באשטימטע פעריאדן פון דעם יאר, אין די פעריאדן, ווען עס גיסן נאכאנאנד די רעגנס אין די טראפישע געגנטן, פאסירט דאס אויך אויף א גראנדיעזן מאס־שטאב מיט דעם טייך ניל, וועלכער פליסט כמעט צוויי דריטל פון זיין לייננ איבער די הויכע טראפישע געבירגע פון צענטראל־אפריקע. די פארפלייצונגען פון דעם טייך ניל, וועלכע הויבן זיך אן נאך אין די גאר הויכע אויבערשטע טיילן און פאר־שפרייטן זיך אלץ מער און ווייטער אין די נידעריקע טיילן, זעצן אפ אויף די פלאכן פון מצרים גופא אומגעהויערע גרוי־סע מאסן פון רייכן, פעטן ערד־מאטעריאל, וועלכע באדעקן דעם נאטירלאכן זאמדיקן באדן און באנייען עס יעדן יאר מיט א נייעם רייכן אפזאץ פון ערד־מאטעריאל.

די דאזיקע פארפלייצונגען אין מצרים גופא ציען זיך לאנג־זאם כמעט גאנצע פיר מאנאטן, ביז זיי דערגרייכן דעם מיטל־

לענדישן ים. אין די פלעצער, וואו די פארפלייצונג קומט פאר, ווערט דער טייך ניל פארוואנדלט אין אברייטן ים און די שטעט זעען אויס ווי אינזלען אין מיטן ים. אין די אויבערשטע טיילן צייגן זיך אן די פארפלייצונגען פיל פריער, אזוי ארום דער שטאט כארטום קומען זיי אן אין דעם מאנאט אפריל.

אין מצרים גופא הויבן די פארפלייצונגען זיך אן אימער יאר איין יאר אויס דעם 25טן יוני, און די וואסערן הויבן זיך לאנגזאם אלץ מער און מער ביז ענדע סעפטעמבער. זיי דערגרייכן געוויינלאך אין טעבעס א הויך פון 40 פוס, אין ראזעטא באם אריינפאלן פון דעם טייך אין ים דערגרייכן זיי אפט נאך העכער, ארום 46 פוס. ווען די פארפלייצונג־וואסערן הערן אויף צו קומען און דער טייך ניל טרעט צוריק אין זיינע געוויינלאכע ברעגעס ארום אקטאבער מאנאט, איז די גאנצע פלאך באדעקט מיט פייכטע בלאטע, א פעטע, רייכע בעט פאר די זוימען פון דעם ערד־ארבעטער.

אין מצרים ווערט ניט דער יאר צעטיילט אין די פיר סעזאנען פון ווינטער, פרילינג, זומער און הערבסט, נאר אין דריי סעזאנען, יעדער סעזאן דויערט נאענט פון פיר מאנאטן: אנפאנגענדיק דעם יאר מיט דעם מאנאט יוני האבן מיר דעם ערשטן סעזאן פון די מאנאטן יוני, יולי, אויגוסט און סעפ־טעמבער, ווען דאס גאנצע לאנד זעט אויס ווי א פריש גע־בוירענער ים, דער צווייטער סעזאן פון אקטאבער ביז פעברואר שטעלט מיט זיך מצרים פאר א וואונדערלאכן טראפישן גן־עדן. דער דריטער סעזאן פון דעם מאנאט פעברואר ביז יוני איז מצרים א שטויב־באדעקטע זאמדיקע וויסטעניש. און די אלע דריי סעזאנען זיינען אפהענגיק פון דעם וואסער־שפיל אין דעם ניל, מיט די פינקטלאכע מאנאטן פון פארפלייצונג און צוריק־טרעטן פון זיינע וואסערן.

אין די מאנאטן, ווען דער טייך ניל איז איינגעשרונקען נאך דעם ווי זיינע וואסערן זענען אלץ נידעריקער און נידעריקער געווארן, ביז זיי זענען אריינגעטראטן צוריק אין זיינע נאטיר־

לאַכע ברעגעס, פליסן זיינע ברודיקע שליימיקע וואַסערן אזוי פויל און לאַנגזאַם, אַז מען קען גאָר ניט באַמערקן אין וועל־כער ריכטונג דער שטראָם פון זיינע וואַסערן גייט, אזוי ווי די שטילע וואַסערן פון אַ אָזערע אָדער אַ בלאָטע. זיינע ברעגעס פון ביידע זייטן זענען אָנגעוואָרפענע דאָ נידעריקערע און דאָ העכערע בערגלאַך פון שווארצע זון־געבאַקטע טייך־בלאָטע. ווייטער פון די שווארצע פארהארטעוועטע ברעגעס אויף ביידע זייטן פון דעם טייך ציען זיך וויסטע, טויטע, זאַמדיקע, פלאַכן. ארום צוויי מאָנאַטן פאַר דעם אָנפאַנג פון די פארפלייצונגען, בלאָזט געוויינלאַך אַ הייסער, טרוקענער ווינט, וואָס גערויערט ניט ווייניקער פון פערציק אָדער פופציק טעג, און באַדעקט די בוימער מיט דינעם זאַמד און די לופט ווערט אָנגעפילט מיט טונקעלע דינע זאַמד־וואָלקנס. דער ווינט טראָגט דעם נאָמען באַמסין, אָדער סאַמום; פון דער נאָענטן קען מען נאָך דאָ און דאָרט דערזען די בוימער מיט זייערע צווייגן, פונדערווייטענס אָבער, אַזוי ווי די בלעטער זיינען אינגאַנצן באַדעקט מיט דעם זאַמדיקן שטויב, קען מען זיי ניט זען, און זיי גיסן זיך צוזאַמען מיט דער פוסטער זאַמדיקער וויסטעניש, וואָס רינגלט זיי אַרום.

דער ערשטער סימפּטאָם, אַז דער טויטער וויסטער סעזאָן קומט צו ענד, איז דאָס אָנקומען פון אַ נאָרדלאַכן ווינט, נאָך דעם זידלאַכן זאַמדיקן ווינט. דער נאָרדלאַכער ווינט באַפרייט די בלעטער פון די בוימער און קוסטעס פון זייער שווערער, זאַמ־דיקער דעקע און די טראָפּישע פלאַנצן באַווייזן זיך אין זייערע נאַטירלאַכע פארבן. די פארפלייצונגען פון דעם טייך ניל אין מצרים זענען פיליכט די וואונדערלאַכסטע נאַטור־דערשיינונגען אין דער וועלט. דאָס זענען די איינציקע גראַנדיעזע נאַטור־דערשיינונגען וואָס האַלטן אין זיך קיין שרעק פאַר דעם מענטשן, נאָר פארקערט, וועקן און דערמוטיקן זיין גייסט, פילן אים אָן מיט פרייד און לעבנס־לוסט.

מאָנאַטן־לאַנג, יעדן טאָג און יעדע נאַכט טראָגן זיך גרויס־

ארטיקע כוואליעס, ברודנע פון דעם אנגעזאמלטען דינעם צומא־לענעם ערד־מאטעריאל אריבער די ברעגעס און פארטרינקען די דורשטיקע, טרוקענע, פארברענטע זאמדן פון דער וויסטער וויל־דערניש, כמעט יעדע שטונדע קענט איר הערן א מין דונער־קראך, דאס האבן די כוואליעס נידערגעשטירצט אדער דורכגע־ריסן איינע פון די שווארצע פארברענטע בלאטע־בערגלאך בא די ברעגן פון ניל, די פארפלייצונג־כוואליעס האבן דאס בייגע־קומען נאך א הינדערניש צו זייער טריאומפירנדן מארש און די וואסערן לאזן זיך אוועק טאנצנדיק צו פארשפרייטן לעבן און פרייד איבער דער טויטער וויסטעניש. די גאנצע לעבעדיקע וועלט לויפט אנטקעגן צו באגעגענען די לעבן־ברענגענדע כוואליעס. די גאנצע נאטור שאלט און קלינגט מיט פרייד. דער־וואקסענע מענטשן, קינדער און רינדערווארפן זיך אריין און שפילן זיך אין די כוואליעס, אלערליי פויגל טראגן זיך איבער די פארפלייצונג־וואסערן אין גרויסע מאסן, וואס פארשטעלן די זון, ווי געדיכטע וואלקנס, די וואסערן שפרודלען, פינקלען פון די מאסן פיש, וואס זענען אנגעקומען מיט די כוואליעס. די זאמד, ווי נאר עס ווערט פייכט פון קומען אין בארירונג מיט די פרוכטבארע וואסערן, קישעט בוכשטעבלאך מיט טויזנטער מינים פון ווערים, קריכנדע חיות און אינזעקטן. נאך די פאר־פלייצונגען קומט די צייט פון זייען, פארפלאנצן און זאמלען די נויטיקע לעבנס־מיטלען פאר דער באפעלקערונג, ווערט מצרים די שענסטע און פרוכטבארסטע שטיק לאנד אין דער גאנצער וועלט. די פיינע, לעבעדיקע, גרינע פארבן פון דעם וואקסנדן קארן און ווייצן, די וועלדלאך פון פאמגראנאטן מיט די רייכע טיף־רויטע פארבן פון זייערע בליטן, די פרישע ווינטלאך אנ־געלאדן מיט די פיינסטע פארפיומען פון רויזן און ציטראנען. די פיינקייט און זיסקייט פון די פארפיומען, די רייכקייט פון די פארבן, די שיינקייט פון די פיל־פאכיקע פארמען פון די פלאנצן און די געוויקסן פארוואנדלט מצרים אין אן אמתן גן־עדן.

אויב דער טייך ניל איז געווען דער נאַטירלאַכסטער קוואַל, און כמעט דער איינציקער קוואַל, וואָס האָט געבראַכט לעבן אין דעם לאַנד מצרים און געהאָלפן אויפצוהאַלטן מיט לעבנס־מיטלען אַלעס, וואָס ווערט געבוירן, איז דער טרוקענער, זאַמדיקער און שטיינערנער גרונט אין דעם טייל פונם לאַנד מצרים, וואָס ווייס ניט פון קיינע רעגנס, געווען דער קוואַל, וואָס האָט געהאָלפן אויפהאַלטן אַלעס, וואָס איז טויט און באַגראָבן אין דער ערד. אָט דעם כאַראַקטער פון דער טרוקענער וויסטעניש האָבן מיר צו פאַרדאַנקן, דאָס די אַלטע קברים מיט זייערע מומים, די אַלטע שריפטן, די אַלטע טעמפּלען און פּיראַמידן האָבן זיך בעסער רעזערווירט ווי אירגענד וואו אין די אַנדערע אַלטע טויטע ציוויליזאַציעס. פון דער קורצער באַקאַנטשאַפט מיט דער נאַטירלאַכער אומגעבונג פון דער בליענדער אַלטער עגיפּטישער ציוויליזאַציע וועלן מיר אריבערגיין צו דער מענטשלאַכער זייט פון דער געשיכטלאַכער אנטוויקלונג פון דער דאָזיקער ציוויליזאַציע.

אויב די הויפּט־עקאָנאָמישע באַשעפטיקונגען אין די אַלע מענטשלאַכע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף די ברעגן פו די גרויסע טייכן, זענען געווען לאַנדווירטשאַפט און פי־צוכט, וועט יעדער נאָך דער פריערדיקער שילדערונג מוזן צוגעבן, אַז די מענטשלאַכע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך באַזעצט אויף דעם נידעריקן טייל פון דעם טייך ניל האָט אַבסאָלוט ניט געקענט האָבן קיין אַנדערע באַשעפטיקונגען אויסער לאַנדווירטשאַפט. און אין אַזעלכע געזעלשאַפטן האָבן נאָר די געקאָנט דערפאָלגרייך אויסהאַלטן דעם לעבנס־קאַמף, וועלכע האָבן געוואוסט אַמבעסטן ווען צו אַקערן און זייען און ווען צו קאָסען און שניידן. און ווער האָט דאָס געקאָנט וויסן אויסער די מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט צו באַאָבאַכטן די הימלישע קערפּערס, די זון, די לבנה און די שטערן?

אָט דער פּריסטער־קלאַס אין די אונז באַוואוסטע אַלטע אַזיאַטישע ציוויליזאַציעס פון אַסיריען, וואַווילאַניען, כינע און

מצרים האָבן אַריינגענומען אין זייער קלאַס די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אַזעלכע אַסטראָנאָמישע באַאָבאַכ־טונגען, די פּריסטער שטערן־זעער, וואָס האָבן איבערגעגעבן פון דור צו דור אין די טעמפּלען און פּיראַמידן זייער אָנגעקליבענעם וויסן וועגן אַסטראָנאָמיע. די פּריסטער־קלאַסן פון די דערמאָנ־טע שטאַטן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אונזער צייט־רעכענונג נאָך די באַוועגונגען פון דער זון, פון דער לבנה, פון די שטערן; זיי האָבן דאָס אַריינגעפירט די צעטיילונג פון דער צייט אין מאָנאַטן און וואָכן נאָך דער באַוועגונג פון דער לבנה און אין יאָרן מיט זייערע סעזאָנען נאָך דער באַוועגונג פון דער זון. דאָ האָבן מיר אין די הענט פון דעם פּריסטער־קלאַס די אַסטראָ־נאָמיע, אַ וויסנשאַפט, וואָס איז דירעקט פאַרבונדן מיט דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די שטאַטן אַזוי גוט ווי אונזערע איני־זשענירן, טעכניקער, כעמיקער און אַלערליי אינסטיטוטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט וויסנשאַפטלאַכע פאָרשונג־אַרבעט וועגן די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע־פּראָצעסן פון אונזער צייט—נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס אונזערע היינטיקע וויסנשאַפט־מענער, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות מיט די פּראָדוקטיווע פּראָצעסן, זענען ניט די הערשער אין אונזערע מלוכות, אָבער די דאָקטוי־רים, אַסטראָנאָמען, אַרכיטעקטן פון די טעמפּלען און טויזנטער אַנדערע וויסנשאַפט־מענער, קינסטלער און פאַרוואַלטער פון די טעמפּלען און פּיראַמידן אין די אַלטע אַזיאַטישע מלוכות זענען דאָס געווען דער הערשנדער קלאַס, וואָס האָט געהאַט די שטאַט־מאַכט אין זייערע הענט.

פאַר יעדן פון אונז, וואָס לעבט אין היינטיקע ציוויליזיר־טע שטאַטן, און קריגט די רעזולטאַטן פון די אַסטראָנאָמישע באַאָבאַכטונגען אין דער פאָרמע פון פאַרשיידענע אַלמאַנאַכן, פּאַקעט־ביכלאַך, אָנגעפילט מיט אַזעלכע אַסטראָנאָמישע אינ־פאָרמאַציעס, די קאַלענדאַרן, וואָס ווערן אַרויסגעשיקט אין טוי־זענטער פון די פאַרשיידענע געשעפטלאַכע פירמעס אַלס אָנאָנ־סען פון זייערע געשעפטן, איז זייער שווער, כמעט ווי אומ־

מעגלאַך, זיך פאַרשטעלן די לאַגע פון די גאַר ערשטע יאָרן פון די ערשטע ערד־ארבעטער און נאָך אין אזא לאַנד ווי מצרים, וואו לאנדווירטשאַפט איז געווען די איינציקע באַשעפטיקונג פון דער באפעלקערונג; ערד־ארבעטער, וואָס ווייסן ניט די טעג פון דעם יאָר, ווייסן ניט נאָך דער רעכענונג פון דעם יאָר־צייט, צי עס איז זומער, צי פרילינג, צי הערבסט, ווייסן ניט די שטונדן פון טאָג, ווי האָבן זיי געקאָנט זיך פאַרבאַרייטן מיט אלעם נויטיקן פאַר דעם טאָג פון אַקערן, פאַר דעם טאָג פון זייען?

נאָרמאַן לאַקאייער, דער באַוואוסטער אַסטראָנאָמער אין ענגלאַנד, אין זיין בוך „דער מאָרגנשטערן פון אַסטראָנאָמיע" באווייזט, אז די טעמפּלען זענען געווען די ערשטע אַסטראָנאָמישע אבסערוואַטאָריעס אין דער וועלט.

אין די פאַרבליבענע שריפטן פון מצרים געפינען מיר, אז די פּריסטער שטערנזעער זענען אויך צו דער זעלבער צייט די בויער, די ארכיטעקטן פון די טעמפּלען, די זעלביקע פּריס־טער ווערן אָפט אָנגערופן אין די שריפטן מיט דעם נאָמען „די געהיימניספולע לערער פון די הימלען". פון די הייליקע ביכער פון די אלטע הינדוסן אין אזיע, פון זייערע וועדאַס אין דער אלטער סאַנסקריטישער שפּראַך דערוויסן מיר זיך, אז דאָס פאָלק פלעגט מיט ציטערדיקע הערצער צוהערן זיך באַ יעדן אויפגאַנג און אונטערגאַנג פון דער זון צו די הייליקע הימנען פון די פּריסטער. אָט איז די איבערזעצונג פון עטלאַכע אזעל־כע הימנען:

(1) „צי וועט די זון אויפשטיין נאָך אַמאָל? צי וועט אונזער אלטער פריינט, דער מאָרגנשטערן קומען צוריק? צי וועט די מאַכט פון פינסטערניש בייגעקומען ווערן דורך דעם גאָט פון ליכט?"

(2) „זי שיינט אויף אונז ווי אַ יונגע ליבע פרוי, וואָס וועקט יעדן לעבעדיקן מענטשן, ער זאָל גיין צו זיין ארבעט".

(3) „זי איז אויפגעשטאנען און האט זיך אוועק־געלאזן שפרייזן, און וואס ווייטער זי שפרייזט, אלע שענער און גלענצענדער ווערט זי, זי איז אנגעטאן אין אירע גאלדענע קליידער, זי, די פירערקע פון די טעג, זי, די גאלד־געפארבטע, איז געווען אן אנט־ציקונג אנצובליקן".

די ווענט פון די פיראמידן און טעמפלען ווערן געבויט פון די פריסטער־ארכיטעקטן אין געוויסע באשטימטע פינקטלאַ־בע ליניען, אום צו מאכן געוויסע אסטראנאמישע באאבאכ־טונגען אין באשטימטע ריכטונגען; דאס אנגעקליבענע אסטרא־נאמישע וויסן גיט די מעגלאכקייט די פריסטער, דורך דער פינקטלאכער באאבאכטונג פון דער זון און געוויסע שטערן אין הימל, צו באשטימען דעם טאג פון דעם אנפאנג פון פארפליי־צונגען; דער טאג ווערט דער גרויסער יום־טוב, דער אנפאנג, דער ערשטער טאג פון דעם יאר; דאס פאלק פון אלע געגנטן ארום ציט זיך צו די טעמפלען, די פריסטער פירן אן די רע־ליגיעזע צערעמאניעס, די פריסטער זעען מיט אלע מיטלען צו באפעסטיקן אין דעם פאלק די פארגעטערונג פון דעם טייך ניל, פון דער זון, צו באפעסטיקן אין דעם פאלק דעם גלויבן אין די פריסטער אלס די פארמיטלער צווישן די מענטשן און די געטער.

די פריסטער האבן געמאסטן די הויך פון די צוגעקומענע וואסערן פון דעם טייך ניל און האבן געקענט אונטערשיידן די יארן, אין וועלכע די וואסערן זענען געווען אביסל העכער ווי געוויינלאך אדער פארקערט, און האבן געקענט פאראויסזאגן, ווי ווייט די גערעטעניש וועט זיין, זיי האבן געקענט פאר־אויסזאגן די טעג פון דער פארפלייצונג אין די פארשיידענע פלעצער, און אויך ווי לאנג זי וועט געדויערן: צי אביסל לענ־גער ווי געוויינלאך, אדער פארקערט. די פארפלייצונג פון דעם גאנצן טייך ניל קומט דאך ניט פאר אין איין טאג, די הויך אדער די טיפקייט פון דער פארפלייצונג איז אויך פארשיידן

אין פאַרשיידענע פלעצער. דאָס אַלעס צו וויסן איז געווען נוי־טיק, כדי דערפאָלגרייך צו באַארבעטן די ערד אין די פאַר־שיידענע געגנטן, און דאָס איז גאָר ניט געווען אַזאַ לייכטע זאַך. אָן דעם אָרגאַניזירטן קלאַס פון די פריסטער איבערן גאַנצן שטאַט מצרים מיט זייערע הונדערטער טעמפּלען און פּיראַמידן וואָלטן די אומוויסנדע ערד־אַרבעטער אין זייערע אָפּ־געזונדערטע, צעוואָרפענע דערפלאַך ניט געקענט אויפהאַלטן זייער לעבן אין מצרים.

די היסטאָריקער, אפילו די מאָדערנע פון זיי, האַלטן זיך נאָך אַלץ פעסט בא דעם אַלטן באַגריף, אַז די פּיראַמידן זענען ניט מער ווי פּראַכטפולע באַגראָבונג־פּלעצער פאַר די קעניגלאַכע פאַמיליען אָדער די פאַראָאָנען פון מצרים. דער מאָדערנער היס־טאָריקער האַרמסוואָרט, אין זיין בוך „די געשיכטע פון דער וועלט“, דערמאָנט אפילו דעם שאָטלאַנדישן אַסטראָנאָם פּיאַזי סמיט און נאָך אייניקע אַנדערע און לאַכט זיך אויס פון זייער פאַרזוך פאַרצושטעלן די פּיראַמידן אַלס אַסטראָנאָמישע אָבסער־וואַטאָריעס, ווי פון פוסטער פאַנטאַזיע, און ענדיקט אויף זייט 2034 מיט אַן אַווטאָריטעטנעם טאָן: „די פּיראַמידן האָבן אַבסאָלוט גאָר ניט צו טאָן מיט אַסטראָנאָמיע אָדער מיט וועלכע עס איז אַסטראָנאָמישע אַבזיכטן“.

אין קורצן זיינען אָבער דערשינען צוויי ביכער פון די באַ־וואוסטע ענגלישע אַסטראָנאָמען, ריטשאַרד פּראָקטאָר און נאָרמאַן לאָקייער; ביידע האָבן פילע אָריגינעלע אַרבעטן אין אַסטראָנאָמיע, זיי האָבן איבערגעלאָזן צענדליקע וויכטיקע בי־כער אין די געביטן פון מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און פי־זישע אַסטראָנאָמיע. לאָקייער האָט דער ערשטער אַנטדעקט, אַז די גרויסע כוואַליעס פון מאַטעריע, וואָס ווערן אָפטער אַרויס־געשאָסן אין פאַרשיידענע פלעצער פון דער אויבערפלאַך פון דער זון, באַשטייען אַמייסטן פון דעם גאַז וואַסער־שטאָף, און פילע אַנדערע וויכטיקע אַנטדעקונגען אין דעם געביט פון דער פי־זישער אַסטראָנאָמיע. ביידע האָבן אין די דאָזיקע צוויי ביכער

באוויזן, מיט דער גאנצער פּינקטלעכקייט פון דער אַסטראָנאָ־מישער וויסנשאַפט און מיט דער גאנצער פּראקטישער דערפאַ־רונג פון זייער לאַנג־יאָריקער באָאַבאַכטונג פון די הימלישע קערפּערס און זייערע באוועגונגען, ווי אומגערעכט עס זענען די היסטאָריקער, און האָבן מיט זיכערע און שטאַרקע באווייזן פעסטגעשטעלט אומצווייפלהאַפט דעם פאַקט, אַז די פּיראמידן זענען געווען די ערשטע אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריעס אין דער וועלט, געבויט נאָך דעם פּלאַן פון די פּריסטער־אַסטראָנאָ־מען. אין איינער פון די אויסגעגראָבענע אַלטע עגיפּטישע שריפטן, אין וועלכער עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון אַ כהן־גדול, געפינען מיר, צום ביישפּיל, אַזאַ שורה: „ער האָט גלענצענד דורכגעפירט זיין פליכט אַלס דער הויפּט־אויפזעער אין דעם אויפבויען פון זיין טעמפּל!“

פּראָפעסאָר ריטשארד פּראָקטאָר'ס בוך הייסט „די גרויסע פּיראמידע, אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריע, באַגראָבונג־פּלאַץ און טעמפּל“. דאָס איז די פּיראמידע אין גיזע, איינע פון די גרעסטע פּיראמידן צווישן די 70 פּיראמידן פון עגיפּטן. זי איז אפילו ניט גאָר די ערשטע פּיראמידע, זי איז אויפגעבויט גע־וואָרן, נאָך די געניויעסטע אונטערזוכונגען, גאַנץ נאָענט פון פינף טויזנט זעקס הונדערט יאָר צוריק. זי איז איינע פון די בעסטע אויסגעשטודירטע פּיראמידן; די גרויס, די פאָרמען, די ליניעס, די ווינקלען, אַלע דורכגאַנגען אינווייניק, זענען באַשריבן און אויסגעמאָסטן געוואָרן פון פילע העכסט קאָמפּעטענטע סטודענ־טען און געלערנטע. די פּיראמידע פון גיזע באַשטייט אייגנטלאך פון איין גרויסער פּיראמידע און צוויי קלענערע נאָענט פון איר.

דעם צווייטן בוך האָב איך שוין פריער דערמאָנט. דאָס איז פּראָפעסאָר לאָקייער'ס בוך „דער מאָרגנשטערן פון אַסטראָ־נאָמיע“, אין וועלכן ער באווייזט, אַז די טעמפּלען פון אַלע אַל־טע אַזיאַטישע שטאַטן זענען געווען די ערשטע אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריעס אין דער וועלט. זייער אַווטאָריטעט אין דעם געביט פון רעכענונג און אַסטראָנאָמיע איז אַזוי גרויס, אַז

איך געפין ניט פאַר נויטיק צו ברענגען די פּינקטלאַכע אַסטראָנאָמישע רעכענונגען און די באַווייזן, מיט וועלכע עס זענען אָנגעפילט די נאָענט פון טויזנט זייטן פון די דאָזיקע צוויי ביכער. פאַר אונז איז גענוג, וואָס די דאָזיקע צוויי באַרימטע אַסטראָנאָמען באַשטעטיקן מיין באַהויפּטונג, אַז די פּריסטער זענען דאָס געווען די וויסנשאַפטלאַכע אַסטראָנאָמען פון די אַלטע אַזיאַטישע שטאַטן און, אַז די טעמפּלען און פּיראַמידן זענען דאָס געווען די אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריעס, די אוניווערזיטעטן, וואו די עלטערע און העכערע פּריסטער פלעגן איבערגעבן זייער אָנגעקליבענע דערפאַרונג אין שטערן־זעעריי צו די אינגערע דורות פון פּריסטער.

27

די צוויי טיפּן פון פּיראַמידן און טעמפּלען: די זיד־נאָרד טעמפּלען און מזרח־מערב טעמפּלען. — די עלטערע פּיראַמידן און טעמפּלען געהערן מייסטנס צו דעם זיד־נאָרד טיפּ. — אין די זיד־נאָרד טעמפּלען איז צוזאַמען מיט דער זון פאַרגעטערט דער נאָרד מאָרגנשטערן. — אין די מזרח־מערב טעמפּלען ווערט מיט דער זון פאַרגעטערט דער מזרח מאָרגנשטערן.

איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף איין פּונקט, וואָס ווייזט קלאָר די ענגע פאַרבינדונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן מיט די רעליגיעזע יום־טובים און מיט די אַסטראָנאָמישע דערגרייכונגען פון די פּריסטער אין די טעמפּלען. נאָך אַלע אונטערזוכונגען נאָך, זענען די ווענט פון אַלע טעמפּלען און פּיראַמידן, מיט דער גרעסטער זאָרגפעלטיקער פּינקטלאַכקייט, געשטעלט געוואָרן נאָך אַ באַשטימטן פּלאַן און ליניען, וואָס האָבן צו טאָן מיט די פיר זייטן פון אונזער ערד: מזרח, מערב, צפון, דרום, און אַמייסטן זענען די הויפּט־ליניען אָדער זיד־נאָרד, אָדער מזרח־מערב. די גרויסע פּיראַמידע אין גיזע מיט אירע צוויי קלענערע זענען געבויט אויף אַ פלאַכן הויכן פעלז ניט ווייט פון דעם טייך ניל. איינע פון די ווענט איז געבויט פאַזע דעם ראַנד פון דעם פלאַכן פעלז, דאָס איז די וואַנט פון דער גרויסער פּיראַמידע. די פּיראַמידע איז געבויט נאָך דעם פּלאַן פון אַ זיד־נאָרד טעמפּל, דאָס הייסט, אַן אָפענער אריינגאַנג פון זיד און אַ פאַרמאַכטע נאָרד־וואַנט. מיט די גענויעסטע אינסטרומענטן און רעכענונגען פון אונזער צייט האָט מען אויסגעפונען, אַז די נאָרד־וואַנט ליניע איז אין יעדן פּונקט אַ מייל

מיט א דריטל דערוויַיטערט צו זיך צו פון דער דרייסיקסטער פּאראלעל נאָרד פון אונזער ערד־קוגל (דער גאנצער שטיק פון דעם עקוואטאָר ביז די פּאָליוסן ווערט איינגעטיילט אין 90 גראדן נאָרד, און 90 גראדן זיך). די דרייסיקסטע פּאראלעל נאָרד הייסט דער צירקל ארום אונזער ערד, וואָס נעמט איין אלע פּלע־צער, וואָס זענען דערוויַיטערט דרייסיק גראד נאָרד פון דעם עקוואטאָר. די אסטראָנאָמען־פּריסטער האָבן געזוכט אוועקצו־שטעלן א פּינקטלאכע נאָרד־וואנט און דאָס האָבן זיי פולקאָם דערגרייכט, ווי באלד יעדער פונקט פון דער וואנט־ליניע איז דערוויַיטערט אויף דער זעלבער שטרעקע פון אונזערע נאָרד־פּאראלעלען, דאָס הייסט, אז די נאָרד־וואנט איז א פּינקטלאך אָרעינטירטע וואנט. עס איז צו באוואונדערן ווי אזוי די פּריס־טער־אסטראָנאָמען האָבן דאָס געקענט דערגרייכן מיט די בא־שרענקטע אײנפאכסטע מיטלען פון יענער צייט, כמעט 6000 יאָר צוריק. אזוי גוט ווי די דאָזיקע נאָרד־וואנט, זענען אלע טעמפּל־ווענט פּינקטלאך מאטעמאטיש אָריענטירט, די באשרייַ־בונגען און די בילדער אויף די ווענט פון די טעמפּלען און פּיראמידן גיבן אונז א באגריף וועגן דער ארבעט, וואָס די פּריסטער־ארכיטעקטאָרן פלעגן אוועקלייגן, אום צו באשטימען דעם פּלאן אָדער די הויפּט־ליניע פון בויען די טעמפּל־ווענט.

א בילד פון א פּאראדנער פּראָצעסיע, וואָס פייערט דאָס בויען פון א נייעם טעמפּל, שילדערט ווי דער קעניג טראָגט אין האנט א שטעקל; דעם קעניגס באגלייטער, פּארמאסקירט אלס איינער פון די געטער, טראָגט אויך א שטעקל, וועלכער איז מיט א שטריקל פארבונדן מיט דעם קעניגס שטעקל. די דאָזיקע צוויי שטעקלאך מיט דעם שטריקעלע שטעלן מיט זיך פאר די גאנצע מאשינערי פון די אסטראָנאָמען־פּריסטער, מיט וועלכער זיי באשטימען דעם פּלאן פון דעם טעמפּל. דער טעמ־פּעל האָט געמוזט אזוי געבויט ווערן, אז די ליכטיקע זון־שטראלן בא דעם זון־אויפגאנג אָדער זון־אונטערגאנג אין א געוויסן טאָג פון יאָר זאָלן דורכגיין די גאנצע אינוויַיניקסטע ליניע פון דעם

טעמפל און פאלן אויף דער פארמאכטער וואנט. דורך די צוויי שטעקלאך מיט דעם שטריקל קענען זיי פינקטלאך אויסגעפינען די ריכטונג, די ליניע פון די זון־שטראלן אין א געוויסן מאָמענט פון א געוויסן טאָג און ווען זיי האָבן דאָס מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיקייט אויסגעפונען, ווערן די צוויי שטעקלאך, נאָך דער באַשרייבונג פון דער צערעמאָניע נאָך, אריינגעקלאפּט אין דער ערד מיט צוויי הילצערנע האמערלאך, די ליניע פון דער אויסגעצויגענער שטריקעלע צייגט די ריכטונג פון דעם גאנצן דורכגאנג פון דעם טעמפּל, און די ווענט, וואָס צאָמען ארום דעם דורכגאנג, ווערן געבויט פאראלעל צו דער אויסגעשטרעקטער שטריקעלע.

דער גרויסער טעמפּל אמען־רא אין קארנאך, אין דינסט פון דעם זון־גאָט, איז אָריענטירט אויף דעם פּלאַן ער זאָל אריינעמען אין זיך די זון־שטראלן פון דער זון־אונטערגאנג אין דעם טאָג, ווען עס ענדיקט זיך דער פרילינג און הויבט זיך אָן דער זומער, אויף דעם זעלבן פּלאן, הייסט דאָס, פון דעם גרויסן טעמפּל אין גיזע. צו דעם זעלבן סאָרט טעמפּלען און פּיראמידן אָריענטירט אויף נאָרד־זיד געהערן כמעט אַלע עלטערע טעמפּלען ארום העליפּאָלים. אין די דאָזיקע טעמפּלען ווערט געווייגלאך, צוזאמען מיט דעם גאָט פון דער זון, אויך פארגעטערט א נאָרד־שטערן.

אין מעמפיס און פּילייכט אין סאיס און אנדערע שטעט זענען די טעמפּלען און פּיראמידן אָריענטירט אויף מזרח־מערב; אויך ווערט אין זיי פארגעטערט ניט דער נאָרד־שטערן, נאָר דער מזרח־שטערן. אייניקע גלויבן, אז אַזעלכע מזרח־מערב טעמפּלען אין מצרים זענען אויפגעבויט געוואָרן פון די פעלקער, וואָס האָבן אימיגרירט נאָך מצרים פון אַזיע, ווייל די מייסטע טעמפּלען פון די אַלטע כאלדייער אין אַזיע, די ווייניקע פון זיי, וואָס האָבן איבערגעלאָזט װעלכע עס איז שפורן, ווי די טעמפּלען אין פּאַלמיירא, אין ירושלים, געהערן צו מזרח־מערב געבויטע טעמפּלען. אין די איבערגעבליבענע היסטאָרישע שריפ־

טען פון דעם אידישן גענעראַל און היסטאָריקער יוספֿן, אָדער ווי ער הייסט אין ענגליש—דזשאָזעפוס, לעזן מיר, אז דער ערש־טער בית־המקדש פון שלמה המלך'ס צייטן איז געווען געבויט נאָך דעם מזרח־מערב פּלאַן. דער טעמפּל איז אָפן געווען אין מזרח זייט, מיט אַ בלינדער, אבסאָלוט פראַמאַכטער מערב וואַנט, ווען די מזרח־וואַנט טירן זענען אָפן פלעגט די זונ־ליכט אין געוויסע טעג פון דעם יאָר אריינדרינגען דורך די אָפענע מזרח־טירן, דורך דעם לאַנגן דורכגאַנג איבערן מזרח און פארשיינען די קדשי־קדשים, דאָס אינעוויייניקסטע און היי־ליקסטע צימער פון דעם בית־המקדש, וואו עס זענען געשטאַנען די כרובים און וואו בלויז דער כהן־גדול און נאָר אום יום כפור פלעגט מעגן אריינגיין. דאָס האָט געקענט פאַסירן צוויי מאָל אַ יאָר אין אַלע טעמפּלען, וואָס זיינען געבויט נאָך דעם מזרח־מערב פּלאַן. נאָר דער פריסטער־קלאַס האָט זיך באַנוצט מיט דעם ליכט־שפּיל אין די קדשי־קדשים נאָר איינמאָל אַ יאָר, אַרום דעם טאָג, וואָס איז נאָענט פון דער ענד פון זומער און דעם אָנפאַנג פון הערבסט.

די באַדייטונג פון די דאָזיקע צוויי טיפּישע פּלענער פון זיד־נאָרד און מזרח־מערב טעמפּלען ווי אויך אַנדערע קלענערע זאַנדערבאַרקייטן ווי, צום ביישפּיל, די פארגעטערונג פון גראַ־דע דעם נאָרד־מאָרגנשטערן אין די טעמפּלען פון דעם ערשטן טיפּ, און דעם מזרח מאָרגנשטערן אין דעם צווייטן טיפּ, וועט אונז גאַנץ קלאָר ווערן פון דער פארבינדונג פון די אסטראָ־נאָמען־פריסטער מיט דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די שטאַטן. לאָמיר זיך נאָר אויף אַ קורצע ווײַלע אָפּשטעלן אויף די באַ־שרענקטע אסטראָנאָמישע באַאָבאַכטונגען מיט אזוי פיל טויי־זענט יאָרן צוריק.

אין אונזערע היינטיקע אסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריעס ווערן די שטערן באַאָבאַכטעט אויף די מערידיאַנישע צירקלען, דאָס זענען די צירקלען, וואָס ציען זיך דורך די צוויי פּאָליוסן אין דער ריכטונג פון צפון־פּאָליוס צום דרום־פּאָליוס, אָבער

אין יענע אלטע צייטן, גאנץ ווייט פון טעלעסקאפן און הייג־טיקע קאמפליצירטע טייערע מאשינען, זיינען די באאבאכטונגען פון די הימלישע קערפערס געמאכט געווארן אויף דעם האריזאנט, דאס איז דער צירקל, וואו דער הימל שיינט צוזאמענצו־קומען זיך מיט דער אויבערפלאך פון דער ערד אדער פון דעם ים, דאס איז אייגנטלאך דער צירקל, וואס נעמט ארום דעם שטח פון אונזער ערד־קוגל, וואס אונזער אויג קען זען. אט אויף די ברעגן פון דעם האריזאנט־צירקל האבן זיי באאבאכטעט דעם מאמענט, ווען די הימלישע קערפערס: די לבנה, די זון, די שטערן, ציינן זיך פאר אונזערע אויגן, באוועגן זיך א לענ־גערע אדער קורצערע צייט אויף דעם הימלישן געוועלב און פארשווינדען אין אן אנדער פלאץ דורך דער ליניע פון דעם זעלביקן האריזאנט־צירקל. די רעגלמעסיקע פעריאדישע באַ־וועגונגען פון די באאבאכטעטע הימלישע קערפערס האבן געהאל־פען די אסטראנאמען צו באשאפן אונזערע סיסטעמען פון צייט־רעכענונג און עס איז גאנץ ווארשיינלאך, אז ניט די זון, נאר די לבנה איז געווען דער ערשטער הימלישער קערפער, וואס האט גדינט אין אנפאנג אלס א מאס פון צייט. עס איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז אין דעם לאנד מצרים איז אימער געווען די צייט־רעכענונג נאך דער זון נאך און די יארן זיינען געווען זון־יארן. אבער אין בבל און כאלדעא איז די צייט־רעכענונג געווען נאך דער לבנה נאך.

די אידן האבן דאך נאך ביז היינטיקן טאג זייער קאלענ־דאר נאך דער לבנה. און עס איז גאנץ ווארשיינלאך, אז די דאזיקע אזיאטישע שטאמן האבן אין זייער אלטערטום ניט געוואוסט פון קיינע זון־יארן, און זייערע יארן זענען געווען מאנאטן. אין אלע הינזיכטן איז צו באאבאכטן די לבנה־באַ־וועגונגען געווען די לייכטסטע זאך אין פארגלייך מיט די באַ־וועגונגען פון אלע אנדערע הימלישע קערפערס. די קורצע פעריאַ־דע פון דער לבנה־באוועגונג ארום דער ערד, און נאך מער דער מאנאטלאכער ניי־געבורט פון דער לבנה האט גאנץ לייכט און

איינפאך באשטימט דעם ערשטן טאג פון יעדן חודש. דאס רעגלמעסיקע וואקסן פון יעדער מאנאטלאכער ניי־געבוירענער לבנה די ערשטע העלפט, און איר רעגלמעסיקעס אפפאלן ביז איר פארשווינדן אין דער צווייטער העלפט פון יעדן מאנאט האט לייכט פעסטגעשטעלט די צעטיילונג פון דער צייט אויף מאנאטן און יעדן מאנאט אויף פיר וואכן. די ערשטע וואך ווערט די לבנה געבוירן ביז זי דערגרייכט א העלפט פון איר גרויס, די צווייטע וואך דערגרייכט זי איר פולע גרויס, די אנדערע צווי וואכן גייט דער זעלביקער פראצעס פארקערט ביז זי פארשווינדט אינגאנצן פון הימל אויף א קורצע ווײלע און ווערט ווידער געבוירן צו ווידערהאלן אויף ס'ניי דעם זעלביקן מאנאטלאכן פראצעס. די דאזיקע צייט־צעטיילונג האט אבער כמעט גאר קיין שייכות ניט מיט די עקאנאמישע לעבנס־באשעפטיקונגען פון דעם פאלק. גאנץ אנדערש איז אבער די זאך מיט דעם זון־יאר. מיר האבן שוין פריער אנגעדייט ווי די פארגעטערונג פון דער זון, דאס בויען פון פראכטפולע טעמפלען און פארערונג פון דעם זון־גאט איז דערשינען אין די גרויסע אלטע אזיאַ־טישע שטאטן, וואס זענען אויסגעוואקסן אויף די ברעגן פון די גרויסע טייכן, ווי דער ניל אין מצרים, דער גאנגעס אין דער אלטער אזיאטישער אינדיע, טיגר און יעפראט אין כאל־דעא, א. ז. וו.

.28

די פריסטער אסטראנאמען באשטימען די פארפלייצונג־טעג נאך דער לאגע פון דער זון און מאכן דעם ערשטן פארפלייצונג־טאג פאר דעם גרעסטן פאלקס יום־טוב, פאר דעם ערשטן טאג פון דעם זון־יאר. — אין דעם אוראלטן מצרים הויבט זיך דאס יאר אן דעם 25טן יוני, אין אנפאנג פון זומער. — די זומערדיקע אסטראנאמישע לאגע פון דער זון האט דאס געפאדערט דעם טיפ פון די זיד־נארד טעמפלען און די פארגעטערונג פון דעם נארד מארגנשטערן. — די פארפלייצונגען אין די אנדערע שטאטן קומען פאר אין פרילינג און די פריסטער־אסטראנאמען בויען דארט די מזרח־מערב טעמפלען.

מיר האבן זיך גענוג אפגעשטעלט אויף דער באדייטונג פאר דעם עקאנאמישן לעבן פון מצרים פון די טייך־פארפלייצונגען און זייער אפזאץ. די טייכן פארפלייצונגען זענען פון זייער זייט ווידער אפהענגיק פון דער זון־טעטיקייט און קומען פאר אין געוויסע באשטימטע פעריאדן פון דעם זון־יאר. דאס אלעס האט געצוואונגען די פריסטער־אסטראנאמען אפצוגעבן זיך מיט שטודירן די זון־באוועגונגען, הויפטזאכלאך אום צו באשטימען נאך דער לאגע פון דער זון אין הימל די טעג פון די פארפלייצונגען. אויסערלאך האבן מיר קיין זאך ניט מיט וואס צו דערקענען דעם אנפאנג פון דעם זון־יאר, ווי דאס איז דער פאל מיט דער לבנה; אויך איז גאר ניט אזוי לייכט צו באשטימען דעם אנפאנג אדער דעם סוף פון דער זונ׳ס פיר יאר־צייטן: פרילינג, זומער,

הערבסט און ווינטער. וואָס אנבאַלאַנגט דעם אָנפאַנג פון דעם זון־יאָר האָבן די פּריסטער־אַסטראָנאָמען געפאַלן אויף דעם גאַנץ איינפאַכן פּלאַן, צו מאַכן דעם טאָג פון די טייך־פאַרפלייצונגען פאַר דעם ערשטן טאָג פון דעם זון־יאָר און מאַכן דעם טאָג פאַר דעם גרעסטן פאָלקס יום־טוב אין לאַנד. דאָס דערקלערט די פאַרשיידענע טעג אין וועלכע אָט דער גרויסער פאָלקס יום־טוב איז געפייערט געוואָרן אין די פאַרשיידענע שטאַטן. אין מצרים, וואו מיר האָבן געזען, אַז די פאַרפלייצונגען אין דעם נידעריקן טייל פון דעם ניל־טייך הויבן זיך אָן אַרום דעם 25־טן יוני, איז דער גרויסער פאָלקס יום־טוב פון דעם ערשטן טאָג פון דעם יאָר, נאָך אַלע היסטאָרישע קוואַלען נאָך, געפייערט געוואָרן אַרום דעם 25־טן יוני, אָדער אין אָנפאַנג פון אונזער זומער. אין כאַלדעאַ, וואו, צום ביישפּיל, די פאַרפלייצונגען און דער אָפּזאַץ פון די טייכן טיגר און יעפראַט שפּילן פונקט די זעלביקע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער באַפעלקערונג, ווי אין מצרים דער טייך ניל, ווערט דער זעלביקער יום־טוב געפייערט אין דעם מאָנאַט מערץ גראַדע, ווייל זייערע טייך־פאַרפלייצונגען קומען פאָר געוויינלאַך אין אָנפאַנג פון אונזער פרילינג, און דאָס איז די אורזאַכע פון די פאַרשיידענע טיפּן פון טעמפּלען און פּיראַמידן: דער דרום־צפונדיקער סאָרט און דער מזרח־מערבדיקער סאָרט. די טעמפּלען, וואָס זיינען געבויט, ווי אין העליפּאָליס, אין קאַרנאַך, אין גיזע, אום אויפצונעמען די זון־שטראַלן פון אָנפאַנג זומער בא דעם זון־אונטערגאַנג אין יוני, האָבן געמוזט געבויט ווערן אין דעם דרום־צפונדיקן סטיל, און די טעמפּלען אין כאַלדעאַ און אין ירושלים און אַנדערע פּלעצער אין מצרים, אום אויפצונעמען די זון־שטראַלן פון געוויסע מאָמענטן אין די טעג פון דעם אָנפאַנג פון פרילינג, זיינען געבויט געוועזן נאָך דעם צווייטן סטיל פון מזרח־מערב. די טעמפּלען און די פּיראַמידן קענען באַטראַכט ווערן אַסטראָנאָמיש ווי אַ מין טעלעסקאָפּן, נים קיין באַוועגלאַכע טעלעסקאָפּן, נאָר איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינגעפיקסטע, אומ־

באוועגלאכע טעלעסקאפן מיט שטארקע שטיינערנע ווענט אום צו באאבאכטן באשטימטע מאמענטן פון דער זון. און אום צו מאכן מיט דער הילף פון די זון־שטראלן און די טעמפלען, וואס זענען ספעציעל געבויט צוליב דעם צוועק, א גוואלטיקן רעליגיעזן איינדרוק אויף די פארזאמלטע פאלקס־מאסן אין דעם גרויסן יום־טוב, אין דעם ערשטן טאג פון דעם זון־יאר.

וואס אנבאלאנגט די פיר יאר־צייטן פון דער זון, זענען זייערע ערשטע טעג באשטימטע נאטור־דערשיינונגען אפהענגיק פון געוויסע זון־לאגעס אין די דאזיקע פיר טעג, ניט ווי דער ערשטער טאג פון יאר, וועלכער עקזיסטירט ניט אין דער נא־טור און די פריסטער האבן געקענט אנרופן אירגענד וועלכן טאג פון דעם זון־יאר פאר דעם ערשטן.

דער 22־טער טאג פון דעם מאנאט מערץ, דער ערשטער טאג פון פרילינג, און דער 22טער פון דעם מאנאט סעפטעמ־בער, דער ערשטער טאג פון הערבסט, רופן זיך די צוויי עקווי־נאקס טעג, דער פרילינג עקווינאקס טאג און דער הערבסט עקווינאקס טאג — (עקווינאקס שטאמט פון דער לאטיינישער שפראך און דאס הייסט גלייכע נאכט) פון אלע 365 טעג פון דעם זון־יאר, זענען נאר די אנגעצייגטע צוויי טעג, אזעלכע, וואס האבן פינקטלאך 12 שטונדן זון־ליכט און 12 שטונדן נאכט אויף דעם גרעסטן טייל פון אונזער ערד־קוגל. אויך איז די לאגע פון דער זון אויף דעם האריזאנט־צירקל אין דעם מאמענט פון דעם זון־אויפגאנג אין די דאזיקע צוויי טעג פינקטלאך אין מזרח־זייט. גלייך נאך דעם 22־טן מערץ ווערן די טעג אלץ בילאכוויים לאנגער און לאנגער פון 12 שטונדן זון־ליכט, אויך בייט זיך די לאגע פון דער זון אויף דעם האריזאנט־צירקל אלץ מער צו נארד צו.

דער 22־טער טאג פון דעם מאנאט יוני, דער ערשטער טאג פון זומער, און דער 22־טער טאג פון דעם מאנאט דע־צעמבער, דער ערשטער טאג פון ווינטער, הייסן די צוויי סאלסטים טעג, דער זומער סאלסטים און דער ווינטער סאלסטים.

סאָלסטים הייסט דאָס שטיין־בלייבן פון דער זון; אין די דריי מאָנאטן פון דעם 22טן מערץ ביז דעם 22טן יוני האָבן זיך די טעג פאַרלענגערט ביז דעם העכסטן גראַד; וואָס ווייטער דער געגנט איז פון דעם עקוואַטאָר און נעענטער צום פּאָליוס, אַלץ לענגער זיינען די טעג און קירצער די נעכט. אויך האָט זיך די לאַגע פון דער זון אויף דעם האָריזאָנט־צירקל, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן בייטן נאָך דעם 22טן מערץ פון פּינקטלאָך מזרח אויף צפון־מזרח, אָפּגעשטעלט אויף דעם העכסטן פּונקט פון צפון־מזרח דעם 22־טן יוני, דערפאַר רופן מיר דעם טאָג זומער־סאָלסטים. די זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איר העכסטן פּונקט און וועט זיך נאָך דעם ערשטן טאָג פון זומער אַ קער טאָן אויף צוריק, ביז זי וועט דעם 22־טן סעפּטעמבער, דעם ערשטן טאָג פון הערבסט, צוריקקומען פּינקטלאָך צו מזרח־זייט, אין די דריי הערבסט־מאָנאַטן אַלץ מער און מער אָפּנייגן זיך צו דער ריכטונג פון דרום־מזרח ביז דעם ערשטן ווינטער־טאָג, דעם 22־טן דעצעמבער, דעם ווינטער־סאָלסטים, דער טאָג, ווען די זון שטעלט זיך ווידער אָפּ, ווי באַלד זי האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט פון איר באַוועגונג אין דער ריכטונג פון דער דרום־מזרח זייט, און גייט ווידער צוריק ביז זי דערגרייכט דעם 22־טן מערץ, איר פריערדיקע לאַגע פון דעם טאָג פון פרילינג עקווינאָקס, דעם טאָג, וואָס איז פּינקטלאָך 12 שטונדן זון־ליכט, און איר לאַגע איז ווייטער פּינקטלאָך, מזרח.

אפילו פון די דאָזיקע קורצע ציילן קענט איר זען, ווי קאָמפּליצירט עס איז די לאַגע פון דער זון און ווי זי ענדערט זיך אַזוי אָפט. דאָס איז די אורזאַכע, וואָס די פּריסטער־אַסטראָנאָמען האָבן געזוכט צו געפינען הימלישע קערפּערס, וואָס זענען שטענדיקער און ניט אַזוי פאַרדרייט אין זייערע לאַגעס, ווי די זון, און האָבן דאָס געפונען אין די שטערן. דערפאַר הייסן זיי דאָך טאַקע שטערנזעער, און דאָס וואָרט אַסטראָנאָמיע זעלבסט שטאַמט פון דעם גריכישן וואָרט —

אסטער — אַ שטערן. מער פון אַנדערע שטערן האָבן די פריסטער־אַסטראָנאָמען געשטודירט די מאָרגנשטערן, די, וואָס ציינן זיך אויף דעם האָריזאָנט־צירקל אַ געוויסע צייט פריער פאַר דעם זון־אויפגאַנג. אין די שריפטן פון די אַזיאַטישע אַלטע ציוויליזאַציעס ווערט אָפט באַשריבן און באַזונגען דער מאָרגנשטערן, אַלס דער הימלישער קוריער, וואָס אַנאָנסירט דאָס אָנקומען פון דער זון. אָבער ניט אַלע שטערן האָבן אַזוי ווי די זון זייער אויפגאַנג און אונטערגאַנג אויף דעם האָריזאָנט־צירקל. די שטערן, וואָס זענען נאָענט פון די פּאָליוסן אויף אונזער צפון האַלב־קוגל פון דער ערד, די, וואָס זענען נאָענט פון דעם צפון־פּאָליוס, בלייבן די גאַנצע 24 שטונדן אויף אונזער הימל און מאַכן אַ פולן צירקל אַרום דעם פּאָליוס אין די דאָזיקע 24 שטונדן קומענדיק צוריק צו דעם פּלאַץ, וואו זיי זיינען געווען מיט 24 שטונדן פריער, אָבער זיי פאַרשווינדן קיינמאָל ניט פון הימל און זיי גייען ניט אונטער דעם האָריזאָנט־צירקל; זיי זיינען באַוואוסט אין אַסטראָנאָמיע אַלס די פּאָליאַרע־שטערן. די מזרח־מערב טעמפּלען האָבן פאַרגעטערט צוזאמען מיט דער זון, אויך אַ מזרח מאָרגנשטערן, וואָס האָט איר אויפגאַנג אויף דעם האָריזאָנט־צירקל באַ אַ שטונדע פריער פאַר דעם זון־אויפגאַנג. די צפון־דרום טעמפּלען האָבן אַ צפון פּאָליוס שטערן אַלס דעם פאַרגעטערטן מאָרגנשטערן. פּראָפעסאָר פראַקטאָר אין זיין בוך וועגן דער פּיראַמידע אין גיזע ברענגט דעם פאַקט, וואָס אין דעם פעלז, אויף וועלכן די פּיראַמידע איז געבויט, געפינען מיר אַ לאַנגן טיף־אויסגעגראָבענעם טונעל 4 פוס ברייט. דער טונעל ציט זיך אין דעם פעלז באַרג־אַראָפּ צו דער צפון־וואַנט און באַרג־אַרויף צו דער דרום־וואַנט. דער פּראָפעסאָר באַווייזט, אַז דער טונעל האָט געגעבן די מעגלאַכקייט די פּריסטער־אַסטראָנאָמען צו באַאָבאַכטען יעדן טאָג אַ באַשטימטן צפון פּאָליאַרן שטערן, וועלכער הייסט אַלפא דראַקאָניס, אין די מאָמענטן, ווען ער קומט צו

דעם נידעריקסטן פונקט פון זיין טעגלאַכן צירקל אַרום דעם פּאָליוס.

אַלעס, אַלזאָ, סיי די איבערגעבליבענע שריפטן, אין וועלכע די פּריסטער ווערן געשילדערט אַלס „די אַרכיטעקטאָרן, די בויער פון די פּיראַמידן און טעמפּלען", אָדער „די לערער פון די געהיימניספולע הימלען", סיי די גענויעסטע אונטערזוכונגען פון אונזערע פּייאיקסטע אַסטראָנאָמען באַווייזן קלאָר און אָן צווייפל, אַז די טעמפּלען און פּיראַמידן האָבן געדינט די פּריס־טער אַלס אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריעס און אַז די גאַנצע וויסנשאַפט פון אַסטראָנאָמיע, פון אָריענטירן אַסטראָנאָמיש די ווענט פון די טעמפּלען, א. ז. וו. איז געווען די מאָנאָפּאָליע פון דעם פּריסטער־קלאַס. מיר האָבן אויך געזען, ווי ווייט די וויסנשאַפט פון אַסטראָנאָמיע איז ענג פאַרבונדן מיט דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די מאַסן, מיר האָבן געזען ווי אַזוי די צווייערליי טיפּן פון מזרח־מערב און צפון־דרום טעמפּלען און די פאַרגעטערונג אין די ערשטע פון א מזרח־מאָרגנשטערן און אין די צווייטע פון צפון פּאָליאַרן מאָרגנשטערן זענען אָפּהענגיק פון די טייכן פאַרפלייצונגען, וואָס קומען פאָר מייסטנפאַלס אין פרילינג, און אין מצרים קומט גראַדע די ניל־פאַרפלייצונג פאָר ניט אין פרילינג נאָר אין יוני, אין דעם אָנפאַנג פון זומער.

א באַגריף וועגן דער אומגעהויער גרויסער מאַכט איבערן פאָלק, וואָס די אַסטראָנאָמישע טעמפּלען האָבן געגעבן דעם פּריסטער־קלאַס קענען מיר האָבן, ווען מיר וועלן זיך פאָרשטעלן וואָס פלעגט פאָרקומען אין גאַנצן לאַנד מצרים אין דעם גרויסן יום־טוב פון ניי־יאָר אין אָנפאַנג זומער אין די לעצטע טעג אין יוני. די פּריסטער מיט דער אָנגעקליבענער וויסנשאַפט פון אַסטראָנאָמיע, אויסשליסלאַך אין די הענט פון זייער קלאַס, האָבן געקענט ריכטיק פאָראויסזאָגן דעם טאָג פון די ניל־פאַרפלייצונ־גען, און האָבן גערופן דאָס גאַנצע פאָלק צו פייערן אין זייערע טעמפּלען דעם נייעם יאָר פון דעם זון־גאָט. דאָס איז ניט דער פאַל, ווען מען רופט דעם פּריסטער־דאָקטאָר צו איינצעלנע

קראַנקע, שטאַרבנדע; דער יום־טוב רירט אָן דאָס גאַנצע פאָלק אַלט און יונג, מאַן און פרוי. דאָס איז דער יום־טוב פון דער ליכטיקער, ווארימער שיינענדיקער זון, פון דער זון, וואָס וועקט צום לעבן די גאַנצע נאַטור, און וועקט אין דעם מענטשן די גרויסע פרייד פון לעבן אַ שעפערישן לעבן, צו זייען מיט פרייד און שניידן מיט געזאַנג די פרוכטן פון זיין שעפערישער אַרבעט. דאָס רופט דער פריסטער־קלאַס דאָס גאַנצע פאָלק צו פייערן דעם יום־טוב אין די פּראַכטפולע טעמפּלען, וואָס זענען געבויט געוואָרן אונטער דעם פּלאַן, אויפזען און קאָנטראָל פון די פריסטער זעלבסט, די גראַנדיעזע געביידעס, אין וועלכע די פריסטער קומען אין באַרירונג מיט די הייליקע גייסטער, מיט די געטער אין הימל.

אין דעם יום־טוב פון דעם ערשטן טאָג אין יאָר פאַרשטאַרקן זייער פיל די אַסטראָנאָמיש־אָריענטירטע טעמפּלען דעם גלויבן פון דעם פאָלק אין די נאָענטע פאַרבינדונגען צווישן די געטער און די פריסטער. דער טעמפּל איז דאָך געבויט מיט דעם צוועק אַריינצונעמען די זון־שטראַלן גראַדע פון דעם זון־אונטערגאַנג פון דיזן טאָג. קענט איר זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף די מאַסן פאַרזאַמלטע אין און אַרום די טעמפּלען, ווען די שטראַלן אין דעם פאַראויסגערעכנטן מאָמענט רייסן זיך אַריין אין דעם טעמפּל, פליען דורך די לאַנגע פינסטערע קאָרידאָרן און פאַלן מיט אַ בלענדענדיקן שיין אויף דעם אידאָל פון דעם מיט דימענטן באַצירטן זון־גאָט און אויף דעם הויפּט־פריסט אין די קדשי־קדשים? די טעמפּלען פון די אַזיאַטישע שטאַטן גיבן אונז אַ קלאָרן ענטפער אויף אונזערע פראַגן: אין וואָס באַשטייט דער כח פון די פריסטער, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר דעם הערשנדיקן קלאַס אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די דאָזיקע שטאַטן?

.20

די הויפּט־עלעמענטן פון דעם מענטשלאַכן עקאָנאָמישן לעבן.– דער ענטפער אויף דער פראַגע: „וואָס איז אַ קלאַס?“—אויסער דעם עלעמענט פון די לעבעדיקע מענטשלאַכע אַרבעטער־כוחות זיינען דאָ דריי הויפּט־עלעמענטן און דריי הערשנדיקע קלאַסן: פּריסטער־קלאַס, פּריצים־קלאַס און קאַפּיטאַליסטן־קלאַס.—גאָר אין אָנפאַנג באַשטייט יעדער הערשנדיקער קלאַס אויסשליסלאַך פון די מענטשן, וואָס מאָנאָפּאָליזירן איינעם פון די הויפּט־עלעמענטן. — מיט דעם וואוקס פונם קלאַס שטייען צו אים צו פילע גרופּן מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין דירעקטע שייכות מיט די עקאָנאָמישע עלעמענטן.

נאָך דעם קורצן איבערבליק פון דער גאַנצער מענטשלאַכער געשיכטע, פון אירע ציוויליזירטע שטאַטן, קענען מיר צוטרעטן צו דעם ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס מיר האָבן געשטעלט אין אָנפאַנג פון דער אַרבעט: וואָס איז אַ קלאַס? איך האָב זיך אַב־זיכטלאַך אָפּגעשטעלט אויף די הערשנדיקע קלאַסן, *) וואָס האָבן געהאַלטן די פּיזישע צוואַנג־מאַכט פון די שטאַטן אין זייערע הענט, ווייל דער איבערגאַנג פון דעם קאָמוניסטישן לעבן צו דעם ציוויליזירטן לעבן, איז אַם בעסטן כאַראַקטעריזירט דורך דער דערשיינונג פון מלוכות אָדער שטאַטן. מיר קענען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז וואו מיר געפינען אין דער

---

*) עס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז וואו עס זענען דאָ הער־שענדע קלאַסן מוזן דאָך זיין אויך די באַהערשטע קלאַסן; ווען דו ביזט מיין האַר, בין איך דיין קנעכט.

געשיכטע א מלוכה אָדער א שטאַט, דאָרט איז די געזעלשאַפט צעטיילט אויף קלאַסן, און די הערשער און די רעגירונגען פון די שטאַטן זענען די קלאַסן, וואָס הערשן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די געזעלשאַפטן. זינט דער גאָר ערשטער מענטש, אונזער אדם הראשון פון דער ביבל, איז פאַרטריבן געוואָרן פונם גן־עדן, וואו ער האָט געלעבט און זיך גענערט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע חיות פון דער גרויסער רייכער נאַטור, זינט אונזער מוטער חוה האָט זיך פאַרזינדיקט פאַר גאָט מיט דעם, וואָס זי האָט זיך גע־נומען חבר'ן מיטן קלוגן שלאַנג און האָט איינגערעדט איר מאַן צו געניסן פון דעם בוים פון וויסן, און דער בייזער גאָט האָט זיי פאַר אָט דער זינד פאַרטריבן פון דעם גן־עדן און פאַר־שאָלטן פון דאַן אָן צו לעבן פון שווערער אַרבעט, צו עסן דעם ברויט נאָר מיטן שוויס פון דעם פנים—מיט אַנדערע ווערטער, זינט דער מענטש איז אויסגעוואַקסן פון דער שטופע פון אַ געוויינטלאַכער חיה און האָט אָנגעהויבן פירן אַ מענטשלאַכן לעבן, האָט ער אימער געלעבט אין געזעלשאַפטן, און כדי צופרידנ־צושטעלן די לעבנס־באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט—באַדער־פענישן, ווי מאַרקס דריקט זיך אויס, סיי פון מאָגן און סיי פון פאַנטאַזיע—האָט ער אימער געפירט אַ געזעלשאַפטלאַך עקאָנאָ־מישן לעבן דורך מענטשלאַכער אַרבעט און מענטשלאַכן שאַפן.

די הויפּט עלעמענטן פון דעם געזעלשאַפטלאַכן עקאָנאָמישן לעבן זענען די פאָלגענדע: 1) אַלע אַרבעטנדיקע און שאַפנדיקע כחות פון די לעבעדיקע מענטשן פון דער געזעלשאַפט, 2) די אומ־קולטיווירטע נאַטור, די ערד מיט אַלע אירע מאַטעריאַלן, מיט אַלע אירע אוצרות.

עס גיבן נאָך צוויי עלעמענטן, וואָס וואַקסן מיט דער געשיכ־טע פון דעם געזעלשאַפטלאַכן עקאָנאָמישן לעבן, וואָס קלייבן זיך אַלץ מער אָן, וואָס לענגער עס דויערט דער געזעלשאַפטלאַכער לעבן, וואָס אַנטוויקלען זיך אַלץ מער מיט דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. און דאָס זענען, ערשטנס, די אויסגעאַרבעטע רייכטימער: די באַאַרבעטע פעלדער, די געפלאַנצטע גאָרטנס, די

אויסגעהאָרעוועטע סטאַדעס, די אַרבעט'ס געצייג, די אויסגעבוי־טע הייזער, די אויסגעטראָטענע וועגן א. אז. וו., וואָס יעדער פאַר־שטאָרבענער דור לאָזט איבער בירושה פאַר דעם נאָכקומענדן דור; און צווייטנס, די אָנגעקליבענע ערפאַרונג, דאָס אָנגעקליבענע וויסן ווי אַזוי צו אַרבעטן לייכטער און מיט גרעסערן ערפאָלג, ווי אַזוי אויסצונוצן אַם בעסטן די נאַטירלאַכע מאַטעריאַלן פאַר דעם מענטשנס לעבן, ווי אַם בעסטן צו אַנטוויקלען די שאַפנדע כחות פון די יונגע קינדער, ווי אַזוי צו קעמפן געגן די נאַטירלאַכע פיינט, די נאַטירלאַכע אַנשיקענישן, געגן די קראַנקהייטן און מגפות; ווי אַזוי צו לעבן אַ געזונטן און אַ לאַנגען לעבן א. א. וו. און די דאָזיקע סומע פון וויסן קלייבט זיך אָן אַלץ מער און מער און ווערט איבערגעגעבן אימער אַלס אַ רייכסטע ירושה פון די פאַרגאַנגענע דורות צו די צוקונפטיקע דורות. דאָס זענען די פיר עלעמענטן פון דעם עקאָנאָמישן לעבן פון יעדער מענטשלאַכער געזעלשאַפט. אויסער דעם עלעמענט פון די אַרבעטנדיקע שעפע־רישע כחות פון די לעבעדיקע מענטשן זיינען דאָ דריי עלעמענטן: 1) די נאַטור, די ערד מיט אַלע אירע אוצרות, 2) די אָנגעקליבע־נע רייכטימער, אַלס ירושה פון די פאַרשטאָרבענע אַרבעטנדיקע כחות, פאַרקערפערט אין מאַטעריאַלן און אויסגעאַרבעטע ענדע־רונגען אין דער נאַטור, און 3) די וואַקסנדיקע רייכקייט אין דער סומע פון ערפאַרונגען און וויסן, וואָס ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור, וועגן די בעסטע מעטאָדן פון אַרבעט, פון קינדער ערציאונג, וועגן די בעסטע מיטלען צו פאַרהיטן דאָס לעבן און די געזונטהייט פון מענטשן.

אין דעם הונדערט־טויזנט־יאָריקן לעבן פון דער מענטשהייט אין די פרימיטיווע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטן האָבן די דאָזיקע דריי עלעמענטן געהערט אַלס אַלגעמיינע ירושה צו דער קאָמונע, צו אַלע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט צוזאַמען אין איין געזעל־שאַפט, אין וועלכער עס הערשט אַ פולקאָמענע גלייכהייט פון אַלע מיטגלידער, וועלכע ווייסט ניט פון הערשער און באַהערשטע.

אַזעלכע געזעלשאַפטן, אין וועלכע מיר געפינען אַ קליינע

הייפעלע מענטשן אלס הערשער איבער דעם גרעסטן טייל פון דער באפעלקערונג, דערשיינען אויף דעם געשיכטלאכן האריזאנט פון דער מענטשלאכער אנטוויקלונג, אם ערשטן, ווי ווייט עס איז אונז באוואוסט, אין אזיען. די דאזיקע געזעלשאפטן זענען שפע־טער אויסגעוואקסן אין מעכטיקע שטאטן, וואו די דאזיקע היי־פעלע מענטשן האבן זיך מער און מער באפעסטיקט אלס הער־שער איבערן פאלק.

וואס זענען דאס די וואונדערלאכע מיטלען, וואס קענען מאכן א הייפעלע מענטשן פאר הערשער איבער דעם גאנצן פאלק? די מיטלען באשטייען אין דעם, וואס די הייפעלע מענטשן האבן פארכאפט פאר זיך אלס זייער אייגנטום די אנגעצייגטע דריי עלעמענטן, וואס זענען דער פונדאמענט פון דעם עקאנאמישן לעבן פון דער געזעלשאפט. אין דעם קאמפליצירטן לאבירינט פון דעם געזעלשאפטלאכן לעבן פון די זאגענאנטע ציוויליזירטע שטאטן פון אזיע ביז די היינטיקע קאפיטאליסטישע שטאטן געפינען מיר פינקטלאך דריי הערשנדיקע קלאסן, וויפיל עס זענען דא די אנגעצייגטע דריי עלעמענטן: דער הערשנדיקער פריסטער־קלאס, דער הערשנדיקער פריצים־קלאס און דער איצטיקער הערשנדיקער קאפיטאליסטן־קלאס. דער ערשטער קלאס אבער איז געווען ניט דער קלאס, וואס האט פארכאפט פאר זיך די ערד אלס זיין פריוואט אייגנטום, ווי מיר האבן זיך דאס פארגעשטעלט פון שטודירן די אייראפעאישע ציוויליזאציע, נאר דער קלאס פון פריסטער, וואס האט פארכאפט פאר זיך אלע אנגעקליבענע אוצרות פון דעם מענטשלאכן וויסן וועגן ארבעט און לעבן — דער פריסטער־קלאס, וואס האט אויסגעפלאכטן פאר זיך פון רע־ליגיע און וויסן א וואונדערלאכע קרוין פון הערשאפט איבער די אומוויסנדע מאסן. דער געשיכטלאכער גאנג פון אנטוויקלונג פון די דאזיקע דריי הערשנדיקע קלאסן איז געווען: פון די געהיימ־ניספולע מכשפים־דאקטוירים־אסטראנאמען־פריסטער, פון די גע־היימניספולע וויסנשאפטס־מאגנאטן — צו די מיליטאריסטן, די אפענע, שטארק־באוואפנטע לאנד־מאגנאטן, און ענדלאך צו אונזע־

רע קעניגן פון מאשין־פראדוקציע, פרינצן פון וועלט־האנדל, הויך פינאנץ מכשפים פון דער בירזשע, די היינטיקע אלמעכטיקע ג ע ל ט ־ מ א ג נ א ט ן.

עס איז אינטערעסאנט צו אפשטעלן זיך אויף די ענדערונגען, וואס קומען פאר אין די קלאסן־באציאונגען, ווען די הערשאפט פון איין קלאס גייט אריבער צו אן אנדער קלאס. אם ערשטען א פאר ווערטער וועגן דעם מענטשן־מאטעריאל, וואס שטעלט צוזאמען א קלאס. אין די ערשטע יארן, ווען עס הויבט אן צו וואקסן א געזעלשאפטלעכער קלאס, וואס שטרעבט צו ווערן דער הערשנדיקער קלאס איבער אלע אנדערע שיכטן פון דער באפעלקערונג, באשטייט ער אויסשליסלאך פון די מענטשן, וואס מאנאפאליזירן איינעם פון די אנגעצייגטע דריי עלעמענטן.

אבער אין דעם ווייטערדיקן וואקסן פון דעם קלאס, ווען זיין איינפלוס און מאכט פארגרעסערט זיך אלץ מער אין דער געזעלשאפט, שטייען צו אים צו אלץ מערערע גרופן מענטשן, וואס האבן ניט קיין דירעקטן שייכות מיט די דאזיקע עקאנאמישע עלעמענטן—מענטשן, וואס זייער עקאנאמישע עקזיסטענץ איז אפהענגיק פון דעם הערשנדיקן קלאס און זייער לעבנס־טעטיקייט ווערט אפגעגעבן צו באפעסטיקן די הערשאפט פון דעם קלאס.

אין די טעמפלען פון די אלטע אזיאטישע מלוכות געפינען מיר א מאסע פארשידנארטיקע מענטשן־גרופן, ווי, למשל, קינסטלער אין מוזיק, אין מאלעריי, אין סקולפטור, שרייבער פון די הייליקע שריפטן, פאעטן, פארפאסער פון די הייליקע הימנען, נביאים, צערעמאניאל־מייסטערס אין די פארשידענע רעליגיעזע פאראדן, ספעציאליסטן אין פאלמעסן און באלזאמירן פון די טויטע און א מאסע אנדערע גרופן, וואס האבן ניט צו טאן דירעקט מיט דער עקאנאמישער פראדוקציע־טעטיקייט פון דעם פאלק; גרופן, וואס אונטערשטיצן מיט זייערע ספעציעלע לעבנס־טעטיקייטן דעם פריסטער־קלאס מיט דעם, וואס זיי פארשטארקן זיין צויבער־מאכט איבערן פאלק. דאס זעלביקע קומט פאר אין דעם געזעלשאפטלאכן פראצעס פון וואקסן פון די אנדערע קלאסן; דער אמת'ער

פונדאמענט פון אלע קלאסן איז די גרופע מענטשן, וואס האבן פארכאפט אין זייערע הענט אלס מאנאפאליע די אנגעצייגטע עלעמענטן פון דעם עקאנאמישן לעבן. אויף דעם פונדאמענט האבן מיר, אויסער די הויפט־געביידע פון דעם שטאט מיט זיין ברוטאלער פיזישער צוואנג־מאכט איבערן פאלק דורך מיליטער, פאליציי, געזעצגעבער, ריכטער און הענקער, אויך פילע אנדערע קלענערע אפטיילונגען, מיט פארשידנארטיקע גרופן מענטשן, וואס דינען דעם הערשנדיקן קלאס מיט דעם, וואס זיי זוכן מיט זייערע גייסטיקע פייאיקייטן צו פארשקלאפן דאס פאלק גייסטיק און פארוואנדלען אים אין א מאסע פון איבערגעגעבענע שקלאפן.

80.

נאָכדעם ווי דער הערשנדיקער קלאַס איז געצוואונגען אָפּצוגעבן זיין שטאַט־מאַכט צו אַן אַנדער קלאַס, איז אים שוין קיינמאָל מער ניט געלונגען צו ווערן צוריק דער הערשנדיקער קלאַס פון שטאַט. — אין דעם איבערצייגן אונז די אַראָפּגעזעצטע קלאַסן פון די אריסטער און די פריצים.—די אַראָפּגעזעצטע קלאַסן פאַרלירן נאָר די שטאַט־רעגירונג־מאַכט, אָבער זיי בלייבן אונטער דעם שוץ פון דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס, וועלכער אונטערשטיצט מיט זיין שטאַט־מאַכט זייער פריווי־לעגירטע סאָציאַלע לאַגע.

וואָס זענען די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין די קלאַסן־באַציאונגען, ווען די הערשאַפט פון איין קלאַס גייט אריבער צו אַן אַנדער קלאַס? דער נייער הערשנדיקער קלאַס שאַפט ניט אָפּ דעם פריערדיקן הערשנדיקן קלאַס, ער נעמט נאָר פון אים אַוועק זיין פריערדיקע אַליין־הערשאַפט, ער רייסט ארויס פון זיינע הענט די הויפט רעגירונג־מאַכט פון שטאַט. דער נייער קלאַס ווערט די שטאַט רעגירונג־מאַכט, אָבער דער אַראָפּגעזעצטער קלאַס בלייבט ביי זיינע פריערדיקע עקאָנאָמישע פריווילעגיעס; די שטאַט־מאַכט פון דעם נייעם קלאַס אונטערשטיצט די פּריווילע־גירטע אייגנטום־רעכטע פון די פריערדיקע קלאַסן, וואָרים, נאָך אַלעמען, האָבן דאָך אַלע פריערדיקע קלאַסן דערוואָרבן זייער מאַכט דורך די זעלביקע מיטלען: דורך פאַרכאַפּן די הויפּט־עלע־מענטן פון דער עקאָנאָמישער פּראָדוקציע, און יעדער פריערדי־קער הערשנדיקער קלאַס האָט באַשאַפן אַ גינסטיקן באָדן פאַר דעם וואַקסן פון דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס. און עס איז אין די

אינטערעסן פון דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעקעמפט צו ווערן די רעגירונג־מאַכט פון דעם שטאַט, אויפצוהאַלטן די דערוואָרבענע פּריווילעגירטע עקאָנאָמישע לאַגע פון די פריערדיקע קלאַסן. אַזוי האָט דער נייער קלאַס פון דער בורזשואַזיע, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעריסן דורך די רעוואָ־לוציעס פון די לעצטע יאָרהונדערטע אין אייראָפּע די שטאַט־מאַכט פון די הענט פון דעם פּריצים־קלאַס, ניט פאַרניכטעט דעם קלאַס פון די לאַנד־מאַגנאַטן, נאָר, פאַרקערט, אונטערשטיצט די פּריוואַטע אייגנטום־רעכטע פון די לאַנד־אייגנטימער מיט דער גאַנצער מאַכט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט. דאָס זעלביקע האָט פּאַסירט מיט דעם הערשנדן קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן, וועל־כע האָבן אין דעם אַלטערטום אַרויסגעריסן די שטאַט־מאַכט פון די הענט פון דעם הערשנדיקן פּריסטער־קלאַס: זיי האָבן ניט פאַרניכטעט דעם פּריסטער־קלאַס, זיי האָבן גאַנץ גוט געוואוסט ווי צו שעצן די הילף, וואָס דער פּריסטער־קלאַס קען זיי געבן, כדי אויפצוהאַלטן זייער הערשאַפט איבערן פאָלק, און האָבן דע־ריבער שטאַרק אונטערשטיצט די פּריווילעגירטע עקאָנאָמישע לאַ־גע פון דעם פּריסטער־קלאַס.

אייגנטלאַך האָט דאָך יעדער פון די דריי טיפּן הערשנדיקע קלאַסן אין דער מענטשלאַכער געשיכטע פאַרכאַפּט די אָנגעצייכ־טע דריי הויפּט־עלעמענטן פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אין אַ גע־וויסער אָרדענונג: אַ־פריער דער הערשנדיקער פּריסטער־קלאַס דעם עלעמענט פון וויסן, נאָך דעם דער הערשנדיקער פּריצים־קלאַס דעם עלעמענט פון דער נאַטור, פון דער ערד מיט אירע נאַטירלאַ־כע אוצרות, ביז מיר קומען צו דעם הייגטיקן, דעם לעצטן הערשנ־דיקן קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן. די פריערדיקע קלאַסן פון פּריסטער און לאַנד־מאַגנאַטן זענען ניט פאַרניכטעט געוואָרן פון דעם קאַפּי־טאַליסטן־קלאַס, זיי שטייען נאָר אונטער דער פירערשאַפט פון די געלט־מאַגנאַטן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך די אַלע דריי עלע־מענטן: אי די ערד מיט אירע נאַטירלאַכע אוצרות, אי די אויס־געאַרבעטע פּראָדוציר־מאַשינען, אי די אַלע פּראָדוקטן—סיי פון

די פארשטארבענע דורות, סיי פון די לעבעדיגע, אי די סומע פון דעם מענטשלאכן וויסן וועגן ארבעט און לעבן. און דער פאר־שקלאפטער קלאס אונטער דער דירעקטער הערשאפט פון דעם קאפיטאליסטישן קלאס, דער קלאס פון פראלעטאריער, איז פול־קאמען פריי פון די אלע דריי עלעמענטן, פריי פון אלעם: פריי פון וויסן, פריי פון וועלכן עס איז אייגנטום, פריי פון די עקא־נאמישע מיטלען, וואס האבן מעגלאך געמאכט דעם קאלאסאלן מאסשטאב פון דער מאדערנער גרויס־פראדוקציע פאר דעם וועלט־מארקעט.

דער גאנג פון דער געשיכטלאכער אנטוויקלונג פון די קלאסן־געזעלשאפטן באווייזט, אז דער הערשנדיקער קלאס, ווי באלד ער איז איינמאל געצוואונגען געווארן אפצוגעבן זיין שטאט־מאכט צו אן אנדער קלאס, פארבלייבט ער שוין אויף אימער ניט מער ווי א הילפס־ארגאן פון דעם נייעם הערשנדיקן קלאס און עס איז אים קיינמאל מער ניט געלונגען צו ווערן צוריק דער הערשנדיקער קלאס פון שטאט. דעם געשיכטלאכן פאקט באשטעטיקן די ביידע קלאסן: אי דער ערשטער פריסטער־קלאס, אי דער צווייטער פריצים־קלאס.

מיר האבן באוויזן, ווי אין דעם אלטן מצרים גופא, אין דער צווייטער העלפט פון דער מעכטיקער עגיפטישער מלוכה, עטלאכע טויזנט יאר נאך איידער עס איז דערשינען אויף דעם האריזאנט פון דער געשיכטע די ערשטע איירָאפעאישע קלאסן־מלוכה פון גריכענלאנד, הויבט אן וואקסן אויף דעם באדן פון דעם אלמעכ־טיקן הערשנדיקן פריסטער־קלאס א נייער קלאס פון מיליטאריסטן מיט דעם קעניג אן דער שפיץ, ווי דער נייער קלאס פון די מי־ליטאריסטן ווערט אלץ שטארקער און שטארקער און דער אליין־הערשנדיקער פריסטער־קלאס איז געצוואונגען אלץ מער און מער צו טיילן די שטאט־רעגירונג צווישן זיך און דעם מיליטאריסטן־קלאס, דאס הייסט דעם נייעם קלאס פון די לאנד־פריצים. מיר האבן אויך אנגעציינט, אז אט־דער קאמף צווישן דעם פריסטער־קלאס און דעם קלאס פון מיליטאריסטן אדער לאנד־פריצים אין

מצרים, האט געוויסערמאסן געווירקט אויף די גרינדער פון דער גריכישער ציוויליזאציע צו אנפאנגען זייער שטאט־רעגירונג גלייך מיט דעם פריצים־קלאס, אלס הערשנדן קלאס. אין דער לאנגער פעריאדע פון איבער דריי טויזנט יאר זינט דער פריצים־קלאס איז געווארן דער הערשנדער קלאס אין כמעט אלע מעכטיקע שטאטן פון דער וועלט, איז דער פריסטער־קלאס איבעראל פארבליבן אלס הילפס־ארגאניזאציע אונטערצושטיצן די הערשאפט פון די לאנד־מאגנאטן, אבער ער האט קיינמאל ניט דערגרייכט די שטופע פון זיין פריערדיקער אליין־הערשאפט, די שטופע פון דעם הערשנדן קלאס אין דעם שטאט.

אין דער פעאדאלער עפאכע, ווען אייראפע איז פארפלייצט געווארן פון א מאסע פרימיטיווע איינוואנדערער פון צענטראל־אזיען און פון צפון־אייראפע, וועלכע האבן ענדלאך באזיגט די גרויסע מעכטיקע רוימישע אימפעריע פון דעם אייראפעאישן אלטערטום, האבן די פריסטער געשפילט א גרויסע געזעלשאפט־לאכע ראלע, און האבן אפילו דא און דארט געמאכט פארזוכן צו ווערן דער הערשנדער קלאס פון אייניקע שטאטן, אבער עס איז קיינמאל זיי ניט געלונגען צו דערשלאגן זיך צו דער שטופע פון דעם הערשנדן קלאס, אזוי ווי אין די אלטע אזיאטישע מלוכות.

אין דער קורצער פעריאדע פון דער הערשאפט פון דעם קאפי־טאליסטישן קלאס אין אייראפע, א פעריאדע ניט מער פון דריי הונדערט יאר, באמערקן מיר דעם זעלביקן געשיכטלאכן פאקט: דער קלאס פון די לאנד־מאגנאטן, וועלכער איז געצוואונגען גע־ווען אפצוגעבן די מלוכה־הערשאפט צו דעם קלאס פון די געלט־מאגנאטן, איז איצט דער שטילער פארטנער פון דער הערשנדער בורזשואזיע, זיינע עקאנאמישע אינטערעסן זענען הייליק, אונ־טערשטיצט פון דעם הערשנדן קלאס פון די געלט־מאגנאטן. אבער ער איז ערגעץ ניט צוריקגעקומען צו דער פריערדיקער שטופע פון דעם הערשנדן קלאס, אפילו ניט אין ענגלאנד, וואו די לאנד־מאגנאטן האבן אין פארלאמענט זייער לארד־הויז, און דער הויפט־קאמאנדיר פון דער ארמיי איז דער קעניג, דער פאר־

שטייער פון די לאַנד־פּריצים אין ענגלאַנד. די גרויסע נאָוועמ־
בער־רעוואָלוציע פון דעם יאָר 1917 אין רוסלאַנד האָט פּאַק־
טיש באַוויזן, אַז דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס איז דאָס דער לעצ־
טער הערשנדער קלאַס, וואָס האָט אַרום זיך פּאַראייניקט די אַלע
פריערדיקע הערשנדע קלאַסן. דאָס איז דער קלאַס וואָס האָט
מאָנאָפּאָליזירט פאַר זיך די אַלע דריי הויפּט עקאָנאָמישע עלע־
מענטן. דאָס אָפּנעמען די ערד פון די פּריצים, און די פאַב־
ריקן, זאַוואָדן און באַנקען פון די אינדוסטריעלע און קאָמער־
ציעלע קאַפּיטאַליסטן, דאָס סאָציאַליזירן פון לאַנד, פון קאַפּי־
טאַל, דאָס אָפּשאַפן די קלאַסן, וואָס האָבן מאָנאָפּאָליזירט פאַר
זיך די נאַטירלאַכע רייכטימער און די היסטאָריש־אַנטוויקלטע,
דורך מענטשלאַכער אַרבעט באַשאַפענע מאַשינען און מאַטער־
יעלע מיטלען פון געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע, איז דעם פּראָ־
לעטאַריאַט אָנגעקומען פיל לייכטער ווי דאָס אָפּשאַפן די גרופּע
מענטשן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם אָראָפּגעזעצטן פּריסטער
קלאַס פון די אַלטע אַזיאַטישע מלוכות. דער קאַפּיטאַליסטן־
קלאַס און דער פּריצים־קלאַס זענען געוואָרן הערשנדע קלאַסן דורך
דעם, וואָס זיי האָבן מיט גוואַלט פאַרכאַפּט אַלס זייער פּריוואַט־
אייגנטום, און מיט גוואַלט האָבן זיי געמוזט אויפהאַלטן זייער
הערשאַפט דורך באַוואָפנטע מיליטער, די באַשיצער פון זייער
אייגנטום־רעכטע אויף די נאַטירלאַכע רייכטימער פון דער ערד
און אויף די רייכטימער, וואָס אַנדערע מענטשן האָבן באַשאַפן.
אַוועקצונעמען די דאָזיקע רייכטימער פון די קאַפּיטאַליסטן און די
פּריצים, ווען די באַוואָפנטע מיליטער אונטער דער פירערשאַפט
פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט איז געווען פיינטלאַך
צו די הערשנדע קלאַסן, איז געווען אַ גאָר לייכטע זאַך און די
געזעלשאַפטלאַכע עקאָנאָמישע פּראָדוקציע האָט געקענט גלייך
אומגעשטערט אָנגיין גראַדע אַזוי גוט, אויב נאָך ניט פיל בע־
סער, ווען די נאַטירלאַכע רייכטימער און די דורך לאַנג יאָ־
ריקע מענטשלאַכע דורות באַשאַפענע רייכטימער זענען געוואָרן
דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער אַרבעטנדער געזעלשאַפט.

גאנץ אנדערש און פיל שווערער איז די זאך פארגעקומען מיט דעם עקאנאמישן עלעמענט, אויף וועלכן די הערשאפט פון דעם פריסטער־קלאס איז געווען געגרינדעט.

דער אמת'ער ווירקלאכער קוואל פון זייער צויבער־קראפט אי־בער די אומוויסנדע מאסן איז דאך געווען דער עלעמענט פון וויסנשאפט און הויפטזעכלאך די וויסנשאפטן פון מעדיצין און אסטראנאמיע, און דאס האלטן די דאזיקע וויסנשאפטן אין שטרענגער געהיימנים פון דעם פאלק.

31.

די פּראָגרעסיווסטע קלאַסן בלייבן טריווע דינער פון דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס.—אָפענע שקלאַפעריי אין גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע.—פאַרמאַסקירטע שקלאַפעריי אין די נעקסטע קלאַסן־געזעלשאַפטן.—פאַרמאַסקירטע שקלאַפעריי אַ מיטל פאַר בעסערער עקספּלואַטאַציע.

מיר האָבן געזען, אַז נאָך לאַנג, לאַנג, פילע הונדערטער יאָרן איידער עס האָבן זיך באַוויזן אין אייראָפּע די ערשטע גריכישע שטאַטן מיט דעם פּריצים־קלאַס אלס דעם הערשנדן קלאַס, האָט דער פּעסטער באַנד פון רעליגיע און וויסנשאַפט, וואָס כאַראַקטעריזירט די גלענצנדע פּעריאָדע פון דער הערשאַפט אין די אַלטע אַזיאַטישע שטאַטן פון דעם מעכטיקן אַליין־הערשנדיקן פּריסטער־קלאַס, אָנגעהויבן ווערן אַלץ שוואַכער און לויזער, און מיר געפינען אפילו קיין שפּור ניט פון דעם באַנד אין די אַלטע שטאַטן פון אייראָפּע, אין די שטאַטן פון גריכנלאַנד און רוים. אין די אייראָפּעאישע שטאַטן, וואָס האָבן אָנגעפאַנגען זייער עקזיסטענץ אַלס קלאַסן געזעלשאַפטן גלייך מיט דעם הערשנדן קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן, זענען די פאָרשטייער פון רעליגיע און די פאָרשטייער פון וויסנשאַפט אימער געשטאַנען קעגנעריש און גאַנץ אָפט אין ביטערן קאַמף צווישן זיך. אין דער זעלבער צייט האָבן ביידע גרופּן, ווי קעגנעריש זיי זענען ניט געווען איינע קעגן די אַנדערע, טריי געדינט די הערשנדע קלאַסן פון די לאַנד־מאַגנאַטן און פון די היינטיקע געלט־מאַגנאַטן. די צוויי גרופּן צוזאַמענגענומען שטעלן מיט זיך פאָר די געזעלשאַפטלעכע

עלעמענטן פון דעם הערשנדן פריסטער־קלאס אין די אלטע אזיא־טישע שטאטן. די דאזיקע צוויי גרופן זענען פיל מער פאר־צווייגט, אויך זענען זייערע געזעלשאפטלאכע פונקציאנען גאנץ אנדערע היינט, ווען זיי דינען נאר אלס אונטערשטיצונג צו די איצטיקע הערשנדע קלאסן, אין פארגלייך מיט דער לאנגער ערשטער פעריאָדע פון ציוויליזאציע, ווען די פאראייניקטע צוויי גרופן האבן צוזאמענגעשטעלט דעם אליין־הערשנדן פריסטער־קלאס.

דער פריסטער־קלאס פון די ערשטע ציוויליזירטע קלאסן געזעלשאפטן האט געפונען אין רעליגיע דעם שטארקסטן מיטל, מיט וועלכן די מיטגלידער פון דעם קלאס האבן איינגעפלאנצט אין דעם פאלק דעם גלויבן, אז זיי, די פריסטער, זענען אן אנדער סארט, א העכערער סארט מענטשן, אז זיי, די פריסטער, זענען די אויסדערוויילטע פון די געטער, פון די הייליקע גייס־טער; די מאכט פון די פריסטער איבערן פאלק איז געוואקסן מיט דעם גלויבן, אז דער פריסטער איז דאס דער שליח־מיוחד פון גאט, דער לעבעדיקער פארטרעטער פון די הייליקע גייס־טער פון די וואונדערלאכע הימלשע כחות, אז מיט דעם מויל פון דעם פריסטער שפרעכט דאס דער הייליקער גייסט, אז די האנט פון דעם פריסטער געפירט פון דעם אלמעכטיקן גאט קאן צייגן וואונדערלאכע כחות.

דער הערשנדער קלאס פון די לאנד־מאגנאטן, אזוי גוט ווי דער מאדערנער קלאס פון די קאפיטאליסטן אדער געלט־מאג־נאטן, אויב אפילו זייער הויפט־מאכט איבערן פאלק ליגט ניט אין די פאנטאסטישע גלויבנס און איינבילדונגען פונם פאלק, נאר אין דער רעאלער פיזישער געוואלט־מאכט פון זייערע באַ־וואפנטע ארמייען, געפינט דאך אין רעליגיע א גאנץ באדייטנדן הילפס־מיטל צו זייער הערשאפט איבערן פאלק. אליין דאס באניסן מיט דעם הייליקן פריסטער־אויל פארדעקט דעם ברו־טאלן, מערדערישן פנים פון דעם שארפן נאקעטן שווערד. די פריסטער האבן אין אלע עפאכן פון אונזערע ציוויליזירטע איי־

ראַפּעאישע שטאַטן געקרוינט די קעניגלאַכע הערשער מיטן נאָמען פון גאָט־געזאַלבטע, גאָט־געבענטשטע פּאַטערס פון דעם פאָלק. אין די ערשטע אייראָפּעאישע שטאַטן פון גריכנלאַנד און רוים, וואו די צעטיילונג פון דער באַפעלקערונג אויף שקלאַפן און פרייע בירגער איז געווען אָפן און דער הערשנדער קלאַס פון די אַלטע לאַנד־איינגנטימער האָט ניט געדאַרפט זוכן קיינע מיטלען צו פאַרדעקן די דאָזיקע צעטיילונג אויף באַשטימטע קלאַסן, האָבן דערפאַר די פּריסטער ניט געשפּילט וועלכע עס איז באַדייטנדע ראָלע אין דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן. ווען דער רוימער האָט מיט שטאָלץ זיך ערקלערט פאַר אַ פרייעם בירגער פון רוים, האָט דער טיטל פ ר י י ע ר רוימער געהאַט אַ קלאָרן, באַשטימטן זין. דאָס הייסט, איך בין פריי צו האָבן שקלאַפן, איך בין אַ בירגער פון דעם שטאַט רוים און קיינער פון מיינע איינענע בירגער קען מיך ניט האָבן אלס זיין שקלאַף. פיל קלאָרער ווי צו געפינען די באַדייטונג פון אונזערע פרייע בירגער, אונזערע פרייע דע־מאָקראַטן.

אין די גלענצענדע יאָרן פון דעם גריכישן שטאַט אַטיקאַ איז אין אַטענע, די הויפּט־שטאָט פון אַטיקאַ, געווען פרייע ביר־גער, מיט זייערע פרויען און קינדער ניט מער ווי ניינציק טויזנט קעפּ, און שקלאַפן מענער און פרויען דריי הונדערט און פינף און זעכציק טויזנט. ערוואַקסענע מענער בירגער, הייסט דאָס, זענען אין דער הויפּט־שטאָט געווען ניט מער ווי צוואַנציק טויזנט און אויף זיי האָבן דאָס געאַרבעט די 360,000 שקלאַפן. מיט אַנדערע ווערטער, אויף יעדן פרייען בירגער איז אויסגעקומען אַם מינדסטן אַכצן שקלאַפן. אין דער הויפּט־שטאָט אַטענע האָט מען געוואוסט גענוי, וויפיל שקלאַפן עס זענען ביי דעם אָדער יענעם יופּאַטריד, אָדער לאַנד־מאַגנאַט; אין אונזער ניו יאָרק, וואו אַלע זענען פרייע בירגער, ווייס מען גאָרניט וויפיל מענטשן מוזן דאָס שקלאַפן, אַרבעטן אום אויפצוהאַלטן אין רייכטום אַזאַ איינעם פון אירע מעכטיקע געלט־מאַגנאַטן, ווי למשל, אונזער פרייער בירגער וואַנדערבילט.

מיט דער אונטערגאנג פון דער גריכיש־רוימישער ציווילי־זאציע, גייט אויך אונטער דער טיפ פון שטאטן, וואס אין זיי הערשט אן אפענע, קלארע, אויסגעשפראכענע צעטיילונג פון דער געזעלשאפט אויף צוויי באשטימטע קלאסן: דער קלאס פון פרייע בירגער און דער קלאס פון שקלאפן; די פרייע בירגער שטעלן צוזאמען דעם פרייעם שטאט; די פרייע בירגער זענען פריי פון ארבעט, און אום אויפצוהאלטן די פרייע בירגער אין זייער פריווילעגירטן צושטאנד פון ניט ארבעטן, מוז די ערשטע אויפגאבע פון דעם שטאט זיין צו אונטערשטיצן דאס רעכט פון יעדן פרייען בירגער צו באזיצן וואס מער שקלאפן, וועלכע זענען געצוואונגען צו טאן די נויטיקע ארבעט.

מיט דער ווייטערער אנטוויקלונג פון די קלאס־געזעלשאפטן אין דער אייראפעאישער ציוויליזאציע, אין די מער קאמפליצירטע קלאסן־שטאטן פון דער פעאדאלער עפאכע און פון דער היינ־טיקער קאפיטאליסטישער עפאכע, אין די צוויי עקאנאמישע עפאכן פון די אייראפעאישע שטאטן נאך דער גריכיש־רוימישער ציווי־ליזאציע, ניט נאר געפינען מיר ניט די אפענע, פאליטיש און גע־זעצלאך אנערקענטע צעטיילונג פון דער געזעלשאפט אויף די צוויי באשטימטע קלאסן: דער קלאס פון די הערשער אדער די פרייע בירגער, און דער קלאס פון די באהערשטע אדער די שקלאפן, נאר פארקערט, מיר געפינען, אז די שטאט רעגירונגען פון די הערשנדע קלאסן אין די דאזיקע צוויי לעצטע עפאכן פון אונזער אייראפעאישער ציוויליזאציע זוכן מיט אלע מעגלאכקייטן צו פארמאסקירן דעם גוואלדיקן רעאלן קאנטראסט צווישן די צוויי קלאסן אין זייערע פאליטישע רעכט ווי אויך אין דער שטע־לונג פון דער געזעצגעבונג צו זיי. מיט דער גרעסטער מי זוכן זיי צו פארטושן דעם קלאסן־כאראקטער פון די ציוויליזירטע גע־זעלשאפטן, עס ווערן אויפגעהאלטן אינסטיטוטן, ארגאניזאציעס, וואס באצוועקן צו איינפלאנצן די אילוזיע אין די מוחות פון דעם פארשקלאפטן פאלק, אז וואס עס איז גוט פאר דעם קלאס פון די הערשער איז אויך גוט פאר אלעמען; צו פארשפרייטן די

היפאָקריטישע לערע, אַז דער הערשנדער קלאַס, עקספּלואַטירנדיק די מאַסן, דינט אייגנטלאך די אינטערעסן פון די עקספּלואַטירטע.

אין דער ווירקלאַכקייט, איז די געזעלשאַפט אין די צוויי לעצטע עקאָנאָמישע עפּאָכן צעטיילט, גראַדע ווי אין דער ערשטער עפּאָכע, אויף די פרייע, הערשנדע פעאָדאַלן און די אונטערדריקטע באַהערשטע פויערים; אויף די פרייע, הערשנדע געלט־מאַגנאַטן און די אונטערדריקטע, באַהערשטע לוין־אַרבעטער.

די פעאָדאַלע שטאַטן, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אויף די רואינעס פון דער רוימישער אימפּעריע, האָבן געמוזט זיך אָפּזאָגן פון דער אָפענער שטעלונג צו זייערע פאַר־שקלאַפטע מאַסן, פון דער שטעלונג וואָס האָט געהערשט אין דער רוימישער אימפּעריע, ווייל (1) אין רוים זיינען די מייסטע שקלאַפן געווען פרעמדע קריגס־געפאַנגענע, די מייסטע שקלאַפן־אייגנטימער זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דער הויפּט־שטאָט, אין דער רעגירונגס־שטאָט רוים, און שפּעטער אויך אין דער שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די פעאָדאַלע מאַרקיזן, באַראָנען, גראַפן, מאַרק־גראַפן, הערצאָגן, פירסטן א. ז. וו. זענען צושפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, אין די טויזנטער דערפער און דערפלאַך, אין די הונדערטער שטעט און שטעטלאַך. די פאַרשקלאַפטע פויערים און די פעאָדאַלן זענען קינדער פון איין און דעם זעלבן פאָלק, ניט פרעמדע קריגס געפאַנגענע, אָפּגעריסענע פון זייערע פעלדער. (2) די פעלקער, וואָס האָבן ענדלאך ביינעקומען דעם אימפּע־ריאַליסטישן רוים אונטער דער פירערשאַפט פון די גערמאַנצעס, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין צענטר און אין נאָרד־וועסט פון אייראָפּע, וואָס פון זיי איז שפּע־טער אויסגעוואַקסן די גרויסע פעאָדאַלע שטאַטן פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, האָלאַנד, שוועדן א. ז. וו. זענען כמעט אַלע געווען אין די העכערע שטופן פון די פרימיטיווע קאָמו־ניסטישע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן ניט געוואוסט פון דער ציווי־ליזאַציע פון קלאַסן־געזעלשאַפט, און אַזעלכע פרייע פייגלען איז אוממעגלאַך געווען גלייך אַריינטרייבן אין דעם אָפענעם

תהום פון אונזער גאָט־געבענטשטער קלאַסן־ציוויליזאַציע, און קלאָר באַווייזן פאַר זיי דעם טיפן אָפּגרונט, וואָס די גרויזאַמע ווירקלאַכקייט פון דער ציוויליזאַציע גרייט צו פאַר דעם גרעסטן טייל פון דער באַפעלקערונג.

די קלאַסן־ציוויליזאַציע האָט געמוזט געפינען מיטלען ווי צו פאַרנארן די מאַסן, ווי צו פאַרדעקן די שרעקלאַכע ווירקלאַכ־קייט. זי האָט געמוזט געפינען שיינע פרומע מאַסקעס צו פאַר־דעקן דעם שוואַרצן, מערדערלאַכן פּנים פון אונזער קלאַסן־ציוויליזאַציע, וועלכע האָט זיך געשטעלט איין אידעאַל: רייכקייט, רייכקייט ניט פאַר אַלעמען, ניט פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, נאָר פאַר זיך, פאַר דעם איינצעלנעם. אַ ציוויליזאַציע, וואָס שטרעבט צו דערשטיקן די נאָבעלסטע סאָציאַלע געפילן אין דעם מענטשן און אַנטוויקלען אין אים די נידריקסטע און שמוציקסטע אַנטי־סאָציאַלע ליידנשאַפטן און אינסטינקטן.

די פרומע מאַסקע איז ניט נאָר געווען אַ נויטיקער מיטל צו צעברעכן דעם אַלטן פּרימיטיוו־קאָמוניסטישן לעבן און לייכ־טער אריינציען די מאַסן אין דעם נייעם לעבן פון די קלאַסן־געזעלשאַפטן, זי איז אויך געווען אַ גוטער מיטל צו פאַרגרעסערן די עקספּלואַטאַציע און די פּראָפיטן פון דעם הערשנדן קלאַס פון פעאָדאַלן און קאַפּיטאַליסטן. די אַמעריקאַנער פאַרמערס, אום צו באַצאָלן יאָר איין, יאָר אויס, די פּראָצענטן פאַר די מאָרט־גיידזשעס אויף זייערע פאַרמס, אַרבעטן פיל מער פאַר די געלט מאַגנאַטן און שאַפן פאַר זיי, יאָר איין, יאָר אויס, פיל מער רייכטום, ווי אין דעם פאַל ווען זיי וואָלטן אַלס אָפענע שקלאַפן בעאַרבעטן די מאַיאָנטקעס פון די געלט־מאַגנאַטן.

די רוימישע שקלאַפן־אייגנטימער האָבן דעם פאַקט, אַז פאַרדעקטע שקלאַפעריי צאָלט זיך פיל בעסער אַלס אָפענע שקלאַ־פעריי, אויסגעפונען נאָך מיט עטלאַכע הונדערט יאָר פריער, איי־דער די מעכטיקע רוימישע אימפּעריע איז אונטערגעגאַנגען. די גרויסע רוימישע לאַנד־מאַגנאַטן האָבן אויפגעהערט צו באַאַר־בעטן זייערע גרויסע שטרעקן לאַנד מיט שקלאַפן, זיי צוטיילן

זייערע מאַיאָנטקעס אויף פילע קליינע שטיקלאַך ערד און גיבן זיי אָפּ צו ארענדארן, וועלכע מוזן אָדער צאָלן א געוויסן יערלאכן רענט, אָדער באַקומען א גאַנץ קליינעם טייל פון די פּראָדוקטן פאר זייער ארבעט, ניט מער ווי א זעקסטל און אמאָל אפילו ניט מער ווי א ניינטל. אין די לעצטע יאָרהונדערטע פון דער רוימישער אימפּעריע געפינען מיר שקלאַפן אלס הויז־שקלאַפן לוקסוס־שקלאַפן, בלויז ביי די גאָר גרויסע מאַגנאַטן. אנשטאַט די מיליאָנען שקלאַפן, וואָס פלעגן באַארבעטן די ערד, געפינען מיר מיליאָנען אַזעלכע ארענדארן, אָדער ווי זיי הייסן קאָלאָניסטן. די קאָלאָניסטן טראָגן דעם זעלביקן כאַראַקטער ווי די פעאָדאַלע פּויערים, אָדער ווי אין רוסלאַנד די קרעפּאַסטנע מוזשיקעס ביז דעם יאָר 1861.

אלזאָ, די הערשנדע קלאַסן אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע און אין דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער, האָבן זיך שטאַרק גענויטיקט אין דער טעטיקייט פון אזעלכע גרופּעס מענטשן, וואָס זאָלן קענען ערפאָלגרייך אַזוי ווייט פאַרהיפּנאָטיזירן די מאַסן, אז זיי זאָלן דיינקען, פילן און האַנדלען פּינקטלאך ווי דער הערשענדער קלאַס וויל, אַז זיי זאָלן דיינקען, פילן און האַנדלען; אַזוי ווייט פאַרבלענדן זייערע אויגן און באַצויבערן זייערע מוחות און הערצער, אז זיי זאָלן ערנסט אָננעמען די פאַרמאַסקירטע, פרומע און וואוילטעטיקע פּנים'ער פון זייערע הערשער פאַר'ן ריינעם אמת.

.32

יעדער נייער הערשנדיקער קלאַס האָדעוועט זיך אַ לאַנגע צייט אויף דעם שוים פון דעם אַלטן הערשנדיקן קלאַס. — נאָר אַ פּריסטער־קלאַס, וואָס האָט אָנגעפאַנגען מיט דער מאָנאָפּאָליע אויף דער וויסנשאַפט פון מעדיצין, האָט געקענט אויסוואַקסן אויף דעם שוים פון די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן. — די פּריסטער־מאַכט איז געבויט אויף דעם פעסטן פאַרבאַנד פון וויסנשאַפט און רעליגיע. — אין די דריי עפּאָכן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע זיינען רעליגיע און וויסנשאַפט שטענדיק געווען אָפּגעזונדערטע, מער אָדער ווייניקער געגנערישע עלעמענטן.

לאָמיר נעמען די היינטיקע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן. פאַר דער הערשאַפט פון די געלט־מאַגנאַטן האָבן די מאַסן ארבעטער און פּויערים געקעמפט, ווייל זיי זענען געווען פאַרפירט פון די שיינע רייצנדע מאַסקעס פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט“. היינט שאַפט דער ארבעטער אין די דאָזיקע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן אומגעהויערע רייכטימער ניט פאַר זיך, ניט פאַר אַלעמען, נאָר פאַר דעם הייפעלע מיטגלידער פון דעם הערשנדן קלאַס. יעדער איינציקער ארבעטער שאַפט רייכטום פאַר דעם הערשנדן קלאַס פילייכט צען מאָל אזוי פיל וויפיל דער דורכשניטלאַכער איינצלנער שקלאַף האָט געשאַפן פאַר זיין בעל־הבית, דעם רוימישן פּאַטריציער. אין די קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן, הייסט דאָס, האָבן מיר די ערפאָלגרייכסטע און פאָלקאָמענסטע פאָרמע פון שקלאַפעריי פון די ארבעטנדע מאַסן.

נאָר א דאַנק דער ערפאָלגרייכער טעטיקייט פון די גרופן, וואָס האָבן די אויפגאַבע צו היפּנאָטיזירן די מאַסן, זענען טאַקע די מאַסן בלינד און זעען ניט זייערווירקלאַכן שקלאַפישן צושטאַנד, און באַגרייפן ניט די אמתע אורזאַכע פון זייער פינסטערן, ביטערן לעבן. זיי פילן זיך באַליידיקט ווען מען רופט זיי אָן מיט דעם ריכטיקן נאָמען פון שקלאַפן צו די געלט־מאַגנאַטן. זיי האָבן זיך געוווינט אַנגעהערט וועגן די הייליקע מלחמות, וואָס די מענטשהייט האָט דורכגעקעמפט, אום אָפּצושאַפן די שקלאַפעריי, וועגן דעם, אַז אין די פּראָגרעסיווע קאַפּיטאַליסטישע לענדער הערשט די געטין פון פרייהייט. שקלאַפעריי איז אָפּגעווישט, און אַלע אָן אונטערשייד פון קלאַסן אָדער ראַסן זענען פרייע בירגער, און די אַרבעטנדע מאַסן גלויבן טאַקע באמונה שלמה אין די אַלע שיינע באַפּוצטע מעשות, און אונטער דער אילוזיע, אַז זיי, אַלס פרייע בירגער, קענען זיך אַרויפאַרבעטן אויף די העכסטע און רייכסטע פּלעצער אין לאַנד, שטרייִנגען טאַקע אָן ביזן העכסטן גראַד אַלע זייערע מענטשלאַכע כוחות און פעיִקייטן און שאַפן טאַקע אומגעהויערע רייכטימער פאַר די קאַפּיטאַליסטן און באַפעסטיקן אַלץ מער און מער די הערשנדע געלט־מאַגנאַטן אין זייער מאַכט צו אונטערדריקן די פאַרשקלאַפטע אַרבעטער־מאַסן.

אַט־די אַלע נויטיקע סאָציאַלע טעטיקייטן, וואָס באַצוועקן צו היפּנאָטיזירן, פאַרפירן און פאַרנאַרן די מאַסן, איינצופלאַנצן אין זיי אַ הארציקע איבערגעבונג צו זייערע שטאַטן און אַ פאַרערונג פון די „בלומרשט" הויכע מענטשלאַכע אידעאַלן פון די הערשנדע קלאַסן, ווערן גלענצנד דורכגעפירט פון די צוויי הויפּטגרופּן, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם פּריסטער־קלאַס, דעם ערשטן הערשנדן קלאַס אין די ערשטע קלאַסן־געזעלשאַפטן פון דער מענטשלאַכער געשיכטע, דעם ערשטן הערשנדן קלאַס, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן פון דעם איינגען פאַרבאַנד פון די צוויי עלעמענטן: רעליגיע און וויסנשאַפט. **מיר האָבן זיך פריער אָפּגעשטעלט** אויף דעם פאַקט, **וואָס אין דער מעב־**

טיקער מלוכה פון מצרים, איז וועלכער דער פריסטער־קלאַס איז געווען דער הערשנדער קלאַס פונם שטאַט העכער פון פינף טויזנט יאָר, ווערט דער פאַרבאַנד פון רעליגיע און וויסנ־שאַפט אין די לעצטע עטלאַכע טויזנט יאָר פיל שוואַכער ווי אין די ערשטע דריי טויזנט יאָר פון דער אַליין־הערשאַפט פון דעם פריסטער־קלאַס. די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע וואָס האָט אַריינגעטראָטן אין דער געשיכטלאַכער פאַזע פון קלאַסן־שטאַטן גלייך מיט דעם צווייטן געשיכטלאַכן הערשנדן קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן און האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון אַ הערשנדן פּרים־טער־קלאַס, האָט אין אַלע אירע דריי עפּאָכן: די גריכיש־רוימישע, די פעאָדאַלע און די קאַפּיטאַליסטישע ניט געוואוסט פון קיין פאַרבאַנד צווישן די עלעמענטן פון רעליגיע און וויסנשאַפט. זיי זענען אימער פאַרבליבן אָפּגעזונדערטע, מער אָדער ווייניקער, קעגנערישע עלעמענטן פון דער אייראָפּעאישער קולטור.

פון דער צייט, ווען עס האָבן זיך אין די גאָר אוראַלטע פּרימיטיווע קאָמונעס באַוויזן די ערשטע קליינינקע, נייע מענטשלאַכע שפּראַצונגען, די מכשפים אָדער די מעדיצין־מענער, ביז עס איז פון די דאָזיקע שפּראָצונגען אויסגעוואַקסן דער ערשטער קלאַס אין דער מענטשלאַכער געשיכטע, דער קלאַס פון פּריסטער, איז אַריבערגעגאַנגען טויזנטער, אָדער פּיליכט פיל ריכטיקער צו זאָגן, צענדליקע טויזנטער יאָרן. פאַר דער ערש־טער גרעסטער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דער מענטשלאַכער געשיכטע, פאַר דעם איבערגאַנג פון דעם פּרימיטיוון קאָמו־ניסטישן לעבן צו די קלאַסן געזעלשאַפטן אָדער קלאַסן־שטאַטן, האָט זיך געפאָדערט פיל מער צייט אין פאַרגלייך מיט דער צייט, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט פאַר דעם איבערגאַנג פון איין הערשנדיקן קלאַס צו אַן אַנדער הערשנדיקן קלאַס. נעמט, צום ביישפּיל, אונזער אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען ניט מער ווי 2500 אָדער 2600 יאָר צוריק; איז אין איר, אין פאַרלויף פון אָט־דער פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט, פאָרגעקומען צוויי גרויסע סאָציאַלע איבערקערענישן. די ערשטע

איבערקערעניש איז דער איבערגאנג פון דער גריכיש־רוימישער עפאכע, די עפאכע פון אפענער שקלאפעריי פון די פויערים און ארבעטער, צו דער פעאדאלער עפאכע, די עפאכע פון דעם זעלבן סארט שקלאפעריי, נאר אין אביסל א פארמאסקירטער, פארשלייערטער פארמע; און די צווייטע, די גרעסטע פון אלע סאציאלע איבערקערענישן אין די קלאסן־געזעלשאפטן, איז דער שטורמישער איבערגאנג פון דער פעאדאלער עפאכע צו אונזער איצטיקער מאדערנער קאפיטאליסטישער עפאכע, צו דער לעצטער און העכסטער פארמע פון א קלאסן־געזעלשאפט, אזוי ווי ער, דער קאפיטאליסטן־קלאס, שליסט אין זיך איין אלע הערשנדיקע קלאסן פון אלע פריערדיקע עפאכן פון דער מענטשלאכער געשיכטע.

יעדער נייער הערשנדיקער קלאס, איידער ער איז אויסגעוואקסן מעכטיק גענוג צו קענען ארויסרייסן די שטאט־מאכט פון דעם עקזיסטירנדיקן הערשנדיקן קלאס און ווערן אליין דער הערשענדיקער קלאס דורך דעם, וואס ער נעמט אריין אין זיינע הענט די רעגירונג פון דעם שטאט, איז געווען א קינד פון דעם אלטן הערשנדיקן קלאס און האט זיך הונדערטער יארן לאנג געהאדעוועט אויף דעם שוים פון דעם אלטן הערשנדיקן קלאס. אזוי איז דער איצטיקער הערשנדיקער קאפיטאליסטן־קלאס אויסגעוואקסן פון די קאמערסאנטן, די סוחרים, די געלט־וועקסלער, די געלט־מלווים, וועלכע האבן זיך א לאנגע צייט געהאדעוועט אין דעם שוים און אונטער דעם שוץ פון דעם הערשנדיקן קלאס פון לאנד־מאגנאטן אין גריכענלאנד און אין רוים, און פון די גרויסע רייכע פעאדאלע פריצים. אזוי איז דער הערשנדיקער קלאס פון די לאנד־מאגנאטן זעלבסט אויסגעוואקסן פון די מיליטאריסטן, פון די קריגס־פירער, פון די גרויסע מלחמה־העלדן, וועלכע האבן זיך אין פארלויף פון עטלאכע טויזנט יאר געהאדעוועט אויף דעם שוים און אונטער דעם שוץ פון דעם הערשנדיקן פריסטער־קלאס אין די יארן פון זיין גרויסער רעגירונגס־מאכט אין די גרויסע אוראלטע אזיאטישע שטאטן, ווען דער פריסטער־קלאס האט זיך גע־

נויטיקט אין באוואפנטע ארמייען און בראווע קריגס־פירער צו אנפירן זייערע מלחמות, צו באשטראפן די ווידערשפעניקע און צו באשיצן די גוואלדיקע אנגעקליבענע אוצרות אין די טעמפלען א. אז. וו. אזוי איז אויך דער פריסטער־קלאס אליין אויסגעוואקסן און אויסגעהאדעוועט געווארן אויף דעם שוים פון די פרימיטיווע קאמוניסטישע געזעלשאפטן, און עס האט דעם פריסטער־קלאס, דעם ערשטן הערשענדן קלאס אין דער מענטשלאכער געשיכטע, גענומען ניט קיין צענדליקע הונדערטער, נאר צענדליקע טויזנטער יארן, כדי אויסצוהאדעווען אויפן שוים פון די אלטע פרימיטיווע קאמונעס א קלאס מענטשן, וואס זייער לעבנס־טעטיקייט באשטייט אין אונטערגראבן די הויפט געזעלשאפטלאכע יסודות פון דעם קאמוניסטישן ארט לעבן און פארוואנדלען די פרימיטיווע קאמונעס אין נייע קלאסן־געזעלשאפטן, וואו דער הערשנדיקער קלאס, אן אומבאדייטנדע מינאריטעט פון דער געזעלשאפט, פארשקלאפט די גרעסטע מאיאריטעט פון די מיטגלידער. ניט נאר האט דעם ערשטן קלאס אין דער מענטשלאכער געשיכטע געמוזט נעמען א לאנגע צייט, ביז עס איז אים געלונגען דורכצוברעכן אין דעם געזעלשאפטלאכן לעבן פון די פרימיטיווע קאמונעס א וועג פאר זיך, וואס האט אים געבראכט צו דער הויכער שטופע פון א הערשנדיקן קלאס, נאר אויך די ערשטע מיטלען, דורך וועלכע ער האט דערגרייכט די הויכע שטופן פון דעם הערשנדיקן קלאס, האבן געמוזט זיין אין פילע הינזיכטן עפעס אנדערש פון די מיטלען, וואס האבן געמאכט די אנדערע קלאסן, נאך דעם פריסטער־קלאס, פאר הערשנדיקע קלאסן.

פילע שטופן פון אנטוויקלונג האבן די מכשפים אדער די מעדיצין־מענער געמוזט דורכמאכן, איידער עס איז זיי געלונגען צו ארגאניזירן זיך אין א פעסטע גרופע אפגעזונדערט פון דער אלגעמיינער ארבעטנדיקער באפעלקערונג, איידער עס איז זייער ארגאניזאציע געלונגען אויסצופלעכטן א מין כשוף־נעץ פון וויסנ־שאפט און רעליגיע צו באצויבערן די מענטשן. אין די פרימיטי־ווע קאמונעס, אין וועלכע דאס עקאנאמישע לעבן ווערט געפירט

אָפּן, דורך דער געמיינשאַפטלאַכער אַרבעט פון אַלע מיטגלידער, האָט ניט געקענט אַזוי לייכט אויסוואַקסן אַ קלאַס, וואָס זאָל קענען פאַרכאַפּן וועלכן־עס־איז פון די אָנגעצייגטע הויפּט־עלעמענטן פון דער מענטשלאַכער פּראָדוקטיווער טעטיקייט צו שאַפן די נויטיקע לעבנסמיטלען פאַר דער געמיינדע.

אָן אַ שטאַרק באַוואָפנטער אַרמיי איז דאָך געווען אַ זאַך דער אוממעגלאַכקייט אפילו אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַוועקנעמען די ערד מיט אירע נאַטירלאַכע לעבנס־פּראָדוקטן פון די געמיינדן, וואָס האָבן פילייכט עטלאַכע הונדערט טויזנט יאָר געלעבט און גענערט זיך פון איר. דאָס האָט געקענט נאָר פּאַסירן אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, ווי די מכשפים און מעדיצין־מענער זענען געוואָרן די הערשנדיקע קלאַסן אין די גרויסע אַזיאַטישע שטאַטן, אין וועלכע די רעגירונג און אירע אַנשטאַלטן—די געזעצגעבונג, די ריכטער, די געריכטן, די אַרמיי, די טעמפּלען, די קינדער־שולן—זענען אַלע געווען אין די הענט פון די פּריסטער. נאָר דאַן האָט דער צווייטער געשיכטלאַכער קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן, אָדער לאַנד־אייגנטימער, וועלכער איז אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואַקסן אויפן שוים פון דעם הערשנדיקן פּריסטער־קלאַס, געקענט וואָגן אַרויסצורייסן די שטאַט־מאַכט פון די הענט פון די פּריסטער און ווערן אַליין דער הערשנדיקער קלאַס, וואָרים אייגנטלאַך זענען דאָס די קאָמאַנדירן פון דער אַרמיי, די העלדישע ערפאָלגרייכע קריגס־פירער, וואָס פלעגן קריגן גרויסע שטרעקן לאַנד פון דעם הערשנדיקן פּריסטער־קלאַס, אַלס באַלוינונג פאַר זייערע שטאַט־דינסטן, געוואָרן דער קלאַס פון די לאַנד־מאַגנאַטן מיט זייערע קעניגן אָן דער שפּיץ. דורך זייער מאַכט איבער דער אַרמיי האָבן די לאַנד־מאַגנאַטן געקענט ערפאָלגרייך דורכפירן דעם איבערגאַנג פון דער שטאַט־רעגירונג פון דעם פּריסטער־קלאַס צו זייער קלאַס. דאָס זעלביקע, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן וועגן דעם עקאָנאָמישן עלעמענט פון דער ערד מיט אירע נאַטירלאַכע לעבנס־מיטלען, איז אויך פולקאָמען ריכטיק פאַר דעם עקאָנאָמישן עלעמענט פון מאַטעריעלע רייכטימער, פּראָדוקטן פון

מענטשלאכער ארבעט, וואס קלייבן זיך אן אין די מענטשלאכע געמיינדן אלס ירושה פון די פריערדיקע דורות: די אויסגעהאדע־וועטע הויז־חיות, די געאקערטע פעלדער, די פארפלאנצטע גאר־טענס, די ערפונדענע ארבעט־געצייג, די אויסגעגראבענע וואסער־ברונימס, די אויסגעבויטע הייזער, פעסטונגען א. אז. וו. דעם עקאנאמישן עלעמענט האט מען אויך ניט געקענט אוועקנעמען פון דער פרימיטיווער קאמונע אן א שטארק באוואפנטער ארמיי, ניט א פאלקס־ארמיי, נאר א ארמיי אפגעזונדערט פון דעם פאלק, אן ארמיי, וואס שטייט נאר אין דינסט פון דעם הערשנדיקן קלאס.

נאר דער עקאנאמישער עלעמענט פון וויסן האט געקענט זיין דער איינציקער עלעמענט, וואס זיין מאנאפאליע האט בא־שאפן דעם נייעם געזעלשאפטלאכן באדן, אויף וועלכן עס האט אנגעהויבן וואקסן דער ערשטער געזעלשאפטלאכער קלאס אין דער מענטשלאכער געשיכטע. דאס אנגעזאמלטע וויסן, וואס א מענטש באזיצט, איז דאך טאקע דער אמת'ער אייגנטום פון א מענטשן; דאס איז א מין אייגנטום, וואס א גנב אין א פינסטערער נאכט קען פון דעם באזיצער ניט אוועק־גנב'ענען; קיינע באוואפנטע שטארקע רויבער קענען אויף אים ניט אנפאלן און מיט זייער פי־זישער מאכט צונעמען דאס פון אים. עס ווענדט זיך אבסאלוט פון דעם גוט־ווילן פון דעם באזיצער: וויל ער, קען ער זיין אייגנ־טום, זיין וויסן, אוועקשענקען פאר אלעמען; וויל ער ניט, קען ער דאס האלטן בסוד פאר זיך און קיינעם דאס ניט מיטטיילן. אן ארגאניזירטער קלאס, וואס האט געקענט באוויזן צו מאנא־פאליזירן דאס גאנצע אנגעקליבענע מענטשלאכע וויסן און שטרענג אויפצוהאלטן די געזעלשאפטלאכע ארדנונג אזוי, אז דאס וויסן זאל פארבלייבן א פארשלאסענע געהיימענים פאר אלע אנדערע שיכטן פון פאלק, נויטיקט זיך ניט אין א באוואפנטער ארמיי צו באשיצן זייער רעכט אויף דעם אייגנטום, וואס קיינער קען דאס אייגנטום מיט גוואלד ניט אוועקנעמען פון דעם קלאס.

אבער אפילן דא, אין דעם עקאנאמישן עלעמענט פון וויסן,

האט דער פריסטער־קלאס ניט אנגעפאנגען מיט די וויסנשאפטן, וואס האבן צו טאן דירעקט מיט דעם עקאנאמישן לעבן, מיט די פראדוציר־פראצעסן פון די לעבנס־מיטלען: ניט מיט אגראנאמיע, ניט מיט מעכאניקע, ניט מיט פיזיקע, ניט מיט כעמיע, ניט מיט ארכיטעקטור, ניט מיט קיינע פון די וויסנשאפטן, וואס האבן צו טאן מיט דער טעכנישער זייט פון דעם מענטשלאכן שאפן, פון דער מענשלאכער ארבעט. אין די פרימיטיווע קאמונעס האט קיי־נער ניט געקענט באהאלטן פון דער געמיינדע די דאזיקע וויסנ־שאפטן, וואס האבן צו טאן מיט דער טעכניק פון דער ארבעט.

ווען א באדייטנדיקער עקאנאמישער ווירטשאפט, וואס ווערט געפירט פון איין־איינציקן מענטשן, געפינען מיר נאר אין אזעלכע פאנטאסטישע וואונדער־מעשה'לאך, ווי אין „ראבינסאן קרוזא", אבער ניט אין דער ווירקלאכקייט. אלע עקאנאמישע טע־טיקייטן אין די אפגעזונדערטע, געוויינטלאך גאנץ קליינע קאמו־נעס, דאס הייסט, אלע טעטיקייטן, וואס האבן צו טאן מיט שאפן לעבנס־מילען פאר דער קאמונע, ווי, למשל: קלייבן יאגאדעס, ניס, אויסגראבן די נאטירלאכע נארונגס־װארצלען אין די וועל־דער אדער גיין אויף יאגד אויף די ווילדע חיות, אדער כאפן פיש, אדער, אין די מער אנטוויקלטע קאמונעס, דאס שניידן די תבואות פון די באארבעטע פעלדער, אדער זאמלען די פרוכטן פון דעם פארפלאנצטן גארטן,—ווערן איבעראל געפירט געמיינ־מאטעריאלן, ווערט דאס גלייך באקאנט פאר אלע מיטגלידער. געפינען אויס וועלכע עס איז פארבעסערונגען אין די מעטאדן פון ארבעט, אדער ערפינדן עפעס גאנץ נייעס סיי אין די אר־בעטס־געצייג, סיי אין אויסנוצן נייע נאטור־קרעפטן, נייע נאטור־מאטעריאלן, ווערט דאס גלייך באקאנט פאר אלע מיטגלידער. עס איז פיל לייכטער צו האלטן בסוד די טעכנישע ערפינדונגען און פארבעסערונגען אין די ריזיקע היינטיקע פאבריקן און זא־וואדן, וואס פראדוצירן סחורות פארן וועלט־מארק, איידער אין די קליינע פרימיטיווע קאמונעס, וואס די צאל פון זייערע מיט־גלידער איז זעלטן ווען העכער פון הונדערט פערזאן, און דער

לעבנס־קאמף פון דער געמיינדע באשטייט אין דער קאָלעקטיווער אַרבעט פון אַלע מיטגלידער אָן אויסנאַם, אַלע מיטגלידער, וואָס קענען העלפן צו שאַפן די נויטיקע לעבנס־מיטלען פאַר דער גאַנ־צער געמיינדע.

די וויסנשאַפט, וואָס האָט געהאָלפן צו שאַפן אין די געמיינ־דעס אַ נייע גרופּע מענטשן, וואָס פון זיי איז אויסגעוואַקסן, נאָך אַ רייע פון געשיכטלאַכע אַנטוויקלונג־פּראָצעסן, דער פּריס־טער־קלאַס, איז די וויסנשאַפט פון מעדיצין — אַ וויסנשאַפט, וואָס האָט ניט צו טאָן דירעקט מיט אַרבעט־פּראָצעסן אָדער מיט דער טעכניק פון אַרבעט; אַ וויסנשאַפט, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם ערשטן אָנגעצייגטן עקאָנאָמישן עלעמענט, מיט דעם לעבע־דיקן מענטשן; ניט מיט די פּראָדוקטן, נאָר מיט דער פּראָדוצירער, מיט די אַרבעטנדע און שאַפנדע כחות פון די לעבעדיקע מענטשן פון דער געזעלשאַפט. די ערשטע מעדיצין־מענער פון די פּרימי־טיווע געזעלשאַפטן האָבן אָבער אויסגענוצט די וויסנשאַפט פון מעדיצין ניט אַזוי, כדי צו פאַרלענגערן דעם מענטשלאַכן לעבן און צו היילן די מענטשלאַכע קראַנקהייטן, נאָר כדי אַרויסצורופן אין די אַרומיקע מענטשן אַ באַוואונדערונג צו די מעדיצין־מענער, צו באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז זיי, די מעדיצין־מענער, זענען פון געבורט באַשאָנקען מיט זאָנדערבאַרע, וואונדערלאַכע כחות, וואָס די אַלע אַנדערע געוויינטלאַכע מיטגלידער באַזיצן ניט, און צו איינפלאַנצן אין פאָלק דעם גלויבן, אַז עס זענען דאָ אייניקע מענטשן, וואָס ווערן אויסדערוויילט גלייך ביים געבורט און ווערן באַשטימט פון דער נאַטור צו געהערן צו אַן אַנדער סאָרט, צו אַ העכערן גראַד מענטשן.

וואָלטן די איינצלנע מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל צופעליקער־ווייזע און אַמאָל טאַקע מיט שווער׳ער מי, אויסגעפונען אַ נאַ־טירלאַכן מיטל, וואָס קען היילן אַ געוויסע קראַנקהייט, געקומען צו דער געמיינדע און אָפן אויפגעדעקט פאַר זיי דעם געפונענעם הייל־מיטל, וואָלט די מענטשלאַכע געשיכטע ניט געוואוסט פון קלאַסן־געזעלשאַפטן, גראַדע ווי עס איז ניט געקומען צו קיין

אָנפאַנג פון אַנטוויקלונג פון קלאַסן־געזעלשאַפטן פון דעם, וואָס אפילו אין גאָר די ערשטע פּרימיטיווע קאָמונעס האָבן דאָ און דאָרט איינצעלנע מענטשן געמאַכט וואונדערלאַכע ערפינדונגען אין טעכניק און אַנדערע וויסנשאַפטלאַכע געביטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט אַרבעט, מיט שאַפן נויטיקע לעבנס־מיטלען, וואונדערלאַכע ערפינדונגען און פאַרבעסערונגען אין אַרבעטס־געצייג א. אַז. וו. די דאָזיקע געניאַלע ערפינדער האָבן פאַרלייכטערט דעם לעבנס־קאַמף פון דער גאַנצער געמיינדע און האָבן איבערגעלאָזן אַ ירושה פאַר די צוקונפטיקע דורות, וואָס האָט זיי געדינט אַלס וועג־ווייזער פאַר ווייטערע ערפינדונגען און פאַרבעסערונגען. אָבער ניט נאָר איז פון די דאָזיקע ערפינדער ניט אויסגעוואַקסן אַ מין קלאַס פון אַ העכערן סאָרט מענטשן, נאָר זייערע נעמען אפילו זענען פאַרבליבן אומבאַקאַנט אין דער מענטשלאַכער געשיכטע צוגלייך מיט די נעמען פון אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער געמיינדע.

ביז היינטיקן טאָג ווייסן מיר גאָר ניט, ווער איז דאָס געווען דער געניאַלער מענטש, וואָס האָט ערפונדן דעם מיטל צו מאַכן קינסטלאַכן פייער? ווער איז דאָס געווען דער ערשטער געניאַלער מענטש, וואָס האָט ערפונדן די ווינט־מיל און די מילשטיינער, וואָס פאַרוואַנדלען די נאַטירלאַכע קערנער אין די צעמאָלענע מעל? ווער איז דער געניע, וואָס האָט אויסגעפונען דעם וועג ווי צו שמעלצן קופּער, גאָלד, זילבער און אַנדערע מעטאַלן? ווי הייסט דער געניע, וואָס האָט דער ערשטער אויסגעפונען צו ברויכן קיילעכדיקע רעדער אין אַ וואָגן? ווי הייסט דער געניע, וואָס האָט דער ערשטער דערפונדן די מוזיקאַלע אינסטרומענטן א. אַז. וו. אַלזאָ, גראַדע צווישן די מעדיצין־מענער, פיליכט גראַדע דערפאַר וואָס זייערע ערפינדונגען האָבן גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט אַרבעט אָדער מיט דעם שאַפן פון לעבנס־מיטלען, נאָר מיטן לעבן און געזונטהייט פון דעם מענטשן אליין, איז באַשאַפן געוואָרן די מעגלאַכקייט אויסצונוצן דאָס אָנגעקליבענע וויסן פון מעדיצין פאַר אַ גאַנץ נייעם צוועק: דורך דעם, וואָס

זיי זוכן צו באהאלטן די מעדיצינישע וויסנשאפט פון אלע איבע־ריקע שיכטן פון פאלק איז עם געלונגען צו פארוואנדלען די מע־דיצין־מענער אין מכשפים אדער וואונדער־מאכער און צו באשאפן פון זיך א קלאס מענטשן, וואס דארפן ניט נעמען קיין אנטייל אין דער געמיינשאפטלאכער ארבעט, און דאך ווערן זיי פארערט פון דער גאנצער געמיינדע, אלס א העכערער סארט מענטשן פון די, וואס נעמען אנטייל אין דעם שאפן פון נויטיקע לעבנס־מיטלען פאר אלעמען.

איך האב שוין פריער אנגעצייגט, אז אין גאר די ערשטע קליינע אפגעזונדערטע קאמונעס, אין וועלכע די צאל מיטגלידער דערגרייכט זעלטן ווען א הונדערט פערזאן, מוזן די עטלאכע צוי־בערער יא אנטייל נעמען אין דעם פראדוקטיוון עקאנאמישן לעבן פון דער געמיינדע גלייך מיט אלע אנדערע מיטגלידער. די ספע־ציעלע הילף פון די צויבערער אין קראנקהייט־פאלן ווערט זעלטן ווען פארלאנגט, דאס זיי זאלן קענען לעבן פון דער פרייוויליקער באצאלונג פאר זייערע דינסטן... אבער שפעטער, ווען די שבטים שמעלצן זיך צוזאמען אין ברודערשאפטן און די ברודערשאפטן אין איין פאלק און ווייטער אין פארבאנד פון פעלקער, געפינען מיר די מעדיצין־מענער ארגאניזירט אין קערפערשאפטן, זייערע מיטגלידער נעמען ניט קיין דירעקטן אנטייל אין די פראדוקטי־ווע ארבעטן פון דער געמיינדע. דאס געפינען מיר באשטעטיקט אין די באשרייבונגען פון דעם לעבן פון די נאך איצט עקזיסטירנ־דע פרימיטיווע געמיינדעס, אין וועלכע די מעדיצין־מענער שטייען אפגעזונדערט פון אלעמען און נעמען ניט קיין אנטייל אין דער געמיינשאפטלאכער ארבעט. אין די באשרייבונגען ווערט דער־ציילט וועגן די מעדיצין־מענער, אז די באהאנדלונג פון כמעט אלע קראנקע געפינט זיך אין זייערע הענט; אין צייטן פון עפידעמישע קראנקהייטן און געפערלאכע מגפות דער־ווערבן זיי זיך גרויסע רעפוטאציעס א דאנק זייער מעדיצינישער ערפארונג און אלגעמיינער אינטעליגענץ אין זייער ענערגישן באַ־קעמפן פון אזעלכע שרעקלאכע קראנקהייטן. געוויינטלאך פירן

זיי אַ מין לעבן, וואָס איז אַנדערש פֿון דעם דורכשניטלעכן לעבן אַרום זיי; זיי עסן אין אויסערגעוויינטלעכע שטונדן און אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען; זיי שלאָפֿן אין די שטונדן, ווען די אַנדערע זענען וואַך; ווען אַלע שלאָפֿן אין די צעלטן, מאַכן זיי דעם אָנשטעל, אַז זיי שפּאַצירן ווייט, ווייט אַוועק פֿון זייערע צעלטן; זיי טוען געוויינטלעך נישט קיין אַרבעט, זעלטן זעט מען זיי אַרומגיין כאַפּן פֿיש אָדער אויף יאַגד צו פֿאַנגען די ווילדע פֿויגל אָדער חיות אין וואַלד. אין פֿילע שבטים זענען די וואוינונגען פֿון מעדיצין־מענער אַביסל דערווייטערט פֿון דעם דערפֿל, אין פֿילע שבטים עסן נישט די מכשפֿים באַשטימטע סאָרטן פֿון פֿלייש. ווען זיי טרעטן צו צו היילן אַ קראַנקן, טוען זיי זיך אָן אין פֿאַנטאַסטישע קליידער. די מעדיצינישע פּראָפֿעסיע ווערט געוויינטלעך איבערגעגעבן בירושה פֿון פֿאָטער צו די קינדער. צווישן די פּרימיטיווע פֿעלקער איז אויך פֿאַרשפּרייט דער גלויבן, אַז געוויסע פּערזאָנען, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אויסערגעוויינטלעכע נערוון־קראַנקהייטן, זענען פֿון נאַטור באַשטימט פֿאַר דער פּראָפֿעסיע פֿון מכשפֿים אָדער מעדיצין־מענער; אין אייניקע שבטים הערשט דער גלויבן, אַז צווילינג־געבוירענע זענען מער מסוגל פֿאַר דער פּראָפֿעסיע. צווישן די שאַמאַנס, אַ פּרימיטיוון פֿאָלק אין סיביר, הערשט דער גלויבן, אַז קיינער קען נישט זיין אַ מעדיצין־מאַן סיידן דער, וואָס פֿאַלט פֿון צייט צו צייט אין עפּילעפּטישע קאָנוואולסיעס. איבעראַל כמעט איז פֿאַרשפּרייט דער גלויבן, אַז דער, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען אַ געזונטער פֿון אַ הימעל־פֿאַלעט (אַ מין שלאָף קראַנקהייט), אָדער דער, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען נאָך אַ וואונדערלעכן חלום, זענען פֿון דעם געוואָרן מענטשן מיט וואונדערלעכע פֿייאיקייטן פֿון אַ מכשף. פֿון די אַלע באַשרייבונגען ווערט אונז קלאָר, אַז די האַנדלונגען און דער גאַנצער אָרט לעבן פֿון די מכשפֿים־מעדיצין־מענער האָבן איבעראַל איין צוועק, און דאָס איז ווי צו אָנפֿילן די אַרומיקע מענטשן מיט די געפֿילן פֿון שרעק און וואונדער פֿאַר זיי אַלס מענטשן פֿון איבערנאַטירלעכע כחות. עס איז אויך קלאָר, ווי אַזוי די מכשפֿים, דאָקטוירים,

פריסטער, ארגאניזירט אין איין קלאס, האבן פולקאמען דערגרייכט דעם דאזיקן צוועק נאר א דאנק די צוויי ארגאנישע צוזאמענגע־שמאלצענע עלעמענטן פון וויסנשאפט און רעליגיע. דורך די אנ־געקליבענע וויסנשאפטן פון מעדיצינישע מיטלען, פון אסטרא־נאמיע און אנדערע נאטור־וויסנשאפטן, וועלכע וויסנשאפטן זיי האבן שטרענג געהאלטן בסוד פון פאלק, האבן זיי געקענט ציינן ווירקלאכע וואונדער אין היילן קראנקע, מיט ברויכן טויטלאכע גיפטן אין די מלחמות מיט די פיינטלאכע שבטים; אזוי גוט האבן זיי אויך געקענט באשטראפן זייערע פערזענלאכע פיינט; אדער ציינן אנדערע וואונדער, ווי, למשל, פאראויסזאגן פינקטלאך די טעג, ווען עס וועט פארקומען אין הימל א פארטונקעלונג, א לקוי־חמה, א לקוי־לבנה א. אז. וו. אבער הויפטזאכלאך דורך רעליגיע איז דעם קלאס געלונגען פעסט איינצואווארצלען אין אלע פעלקער דעם גלויבן אין די פריסטער, אז דאס זענען מענטשן פון א העכערן סארט, אז דאס זענען הייליקע, באגייסטערטע מענטשן, דאס הייסט מענטשן, וועלכע די גייסטער האבן אויסדערוויילט אלס פארמיטלער צווישן זיי און די איבעריקע מענטשן. אין דער ערשטער פעריאדע פון דער אנטוויקלונג פון רעליגיע זענען דאס געווען גייסטער פון די פארשטארבענע עלטערן און אורעלטערן, און אין די ווייטערדיקע, העכערע פעריאדן זענען דאס געווען די געטער, די מעכטיקע גייסטיקע הימלשע קרעפטן, וואס האבן באשאפן די גאנצע וועלט און קענען טאן מיט דער וועלט און מיט די מענטשן וואס זיי ווילן.

.33

די ראָלע פון דעם פריסטער־קלאַס. — די ראָלע, וואָס די אָפּגעזונדערטע עלעמענטן פון רעליגיע און וויסנשאַפט האָבן געשפּילט אין די דריי עפּאָכן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. — אין דער ערשטער עפּאָכע פון אָפענער שקלאַפעריי האָט רעליגיע געשפּילט די קלענסטע ראָלע, וויסנשאַפט און קונסט—גאָר אַ גרויסע ראָלע. — אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע פון דער פאַרמאַסקירטער שקלאַפעריי שפּילט די קריסטלאַכע רעליגיע די גרעסטע ראָלע און פרייע וויסנשאַפט איז פאַרפאָלגט פון דער מעכטיקער קירכע.

דער באַוואוסטער אויסדרוק פון קאַרל מאַרקס, אַז רעליגיע איז אַ מין אָפּיום פאַרן פאָלק, איז פולקאָמען ריכטיק פאַר אַלע אַנדערע פעריאָדן פון קלאַסן־געזעלשאַפטן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. אָפּיום איז אַ היילמיטל, וואָס באַפרייט דעם מענטשען פון זיינע ווירקלאַכע שמערצן דורך דעם, וואָס ער פאַרשלעפערט דעם מענטשן און אין שלאָף פילט ער ניט זיינע אמת'ע שמערצן און קען נאָך פאַרשלעפערטערהייד זען שיינע, זיסע חלומות. דאָס איז פולקאָמען ריכטיק פאַר דער גרופּע מעכטיקע שטאַטן פון קלאַסן־הערשאַפט, מיט דער פעסטער מאַכט פון שטאַט־רעגירונג אין די הענט פון אַ הערשנדיקן קלאַס; פאַר דעם גרעסטען טייל פון דער פאַרשקלאַפטער מענטשהייט אין די דאָזיקע שטאַטן איז טאַקע רעליגיע דער אָפּיום, וואָס פאַרשלעפערט די ליידענדע מענטשהייט, זיי זאָלן קענען אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן זייער ביטערן ווירקלאַכן לעבן און טרייסטן זיך מיט פאַנטאַסטישע זיסע חלומות. אָבער גאָר אין אָנפאַנג, ווען דער פריסטער־קלאַס

האט ערשט געהאלטן אין פארמירן זיך און די פרייע מענטשן אין די קלאסנלאזע געמיינדעס האבן גאר קיין אנונג ניט געהאט פון דער שרעקלאכער געזעלשאפטלאכער קראנקהייט, פון דער נייער מגפה פון קלאסן־רעגירונגען און אלס פולקאמען געזונטע מענטשן, וואס אנבאלאנגט זייער געזעלשאפטלאכן לעבן, האבן זיי דאך ניט גענויטיקט זיך אין קיינע געזעלשאפטלאכע הייל־מיטלען, זיי האבן זיך ניט גענויטיקט אין קיין רעליגיע אלס אפיום; ווען דער ערשטער פריסטער־קלאס האט געהאלטן נאך אין פארמירן זיך, האט רעליגיע גלייך מיט די געהיימניספולע וויסנשאפטן געדינט אלס דער בעסטער מיטל צו באצויבערן, ניט צו פארשלעפערן די מענטשן, ניט צו טויטן די פילנדע נערוון און די טעטיקע דענקונג־קראפט פון דעם וואכנדיקן מענטשן, נאר, פארקערט, וואס שטארקער צו ווירקן אויף די געפילן און געדאנקען פון דעם וואכנדיקן מענטשן, אז ער זאל דערפילן מיט אלע זיינע וואכנדיקע חושים און איבערצייגן זיך מיט דער גאנצער קראפט פון זיין אפענעם פארשטאנד אין דעם, אז עס עקזיסטירן אן צוויפל צווישן זיי אייניקע מענטשן, וואס האבן נאענטע פארבינדונגען מיט די גייסטער און מוזן אנערקענט ווערן אלס מענטשן, וואס געהערן צו א העכערן קלאס. נאר א דאנק די אנגעצייגטע צויבער־מיטלען האבן גאר אין אנפאנג די ערשטע פריסטער־דאקטוירים געקענט, ניט האבנדיק קיינע צוואנג־מיטלען, פעסט איינפלאנצן אין די געמיינדעס דעם גלויבן אין דער צעטיילונג פון די מענטשן אויף העכערע און נידעריקערע קלאסן.

עס איז שוין פריער אנגעצייגט געווארן, אז אין דעם שטאט מצרים אין דער פעריאדע, ווען דער פריסטער־קלאס האט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון א הערשנדיקן מלוכה־רעגירנדיקן קלאס, מיט אלע געוויינטלאכע שטאט־אינסטיטוציעס פון פיזישער צוואנג־מאכט, ווי די ארמיי, די געריכטן, די הענקער, די ציינזן־קאלעקטארס אין זייערע הענט, האט שוין דאן אנגעהויבן לויזער ווערן דער ארגאנישער פארבאנד צווישן די צוויי פונדאמענטאלע עלעמענטן: וויסנשאפט און רעליגיע, אויף וועלכע דער

גאַנצער שטאַט פון דעם הערשנדיקן פּריסטער־קלאַס איז געבויט געוואָרן. די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע האָט אָנגעפאַנגען אירע קלאַסן־שטאַטן אין גריכענלאַנד און רוים גלייך מיט דעם צווייטן געשיכטלאַכן הערשנדיקן קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן, און דער פּריסטער־קלאַס האָט אין אייראָפּע קיינמאָל ניט דערגרייכט אין זיי די שטופע פון דעם הערשנדיקן קלאַס. אין די דריי אייראָפּעאישע געשיכטלאַכע עפּאָכן פון אַלטערטום, מיטלאַלטערטום און אין דער מאָדערנער האָבן די הערשנדיקע קלאַסן: די גריכישע יופּאַטרידן, די רוימישע פּאַטריציער, די פעאָדאַלע פּריצים, די היינטיקע קאַפּיטאַליסטן—זיך אימער באַנוצט מיט די פאָרשטייער פון רעליגיע און וויסנשאַפט אַלס אויסגעצייכנטע אונטערשטיצער פון זייער הערשאַפט און האָבן זיי גאַנץ שיין באַלוינט פאַר זייערע טרייע דינסטן. רעליגיע און וויסנשאַפט זענען באַנוצט געוואָרן אין די אייראָפּעאישע קלאַסן־שטאַטן פאַר גאַנץ פאַרשידענע צוועקן, און דערפאַר זענען זיי אימער פאַרבליבן גאַנץ אָפּגעזונדערטע עלעמענטן און גרעסטנטיילס זענען זיי געווען געגנערישע, קעמפנדע עלעמענטן איינער קעגן דעם אַנדערן. אויך זענען געווען די גרעסערע אָדער די קלענערע ראָלעס, וואָס די דאָזיקע צוויי עלעמענטן האָבן געשפּילט אין די דריי עקאָנאָמישע עפּאָכן פון אייראָפּע גאַנץ פאַרשידן: אין דער ערשטער עפּאָכע פון דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע האָט רעליגיע געשפּילט די קלענסטע ראָלע, ווערענד וויסנשאַפט אין דעם בריייטסטן זין, וואָס שליסט איין אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און קונסט, האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע; גריכענלאַנד אין דער ערשטער עפּאָכע איז אייגנטלאַך די פּרוכטבאַרע מוטער פון דער גלענצענדער קולטור פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, וועלכע עס פאַרבליענען זיך לויבנדיק אַלע אָפּאָלאָגעטן פון היינטיקער קלאַסן־ציוויליזאַציע. די הערשנדיקע לאַנד־מאַגנאַטן אין דער עפּאָכע פון אָפּענער שקלאַפעריי האָבן זיך ניט גענוויטיקט אין קיינע אַנדערע מיטלען, אויסער דעם אָפּענעם נאַקעטן שווערד, צו האַלטן זייערע שקלאַפן אין דעם שקלאַפישן צושטאַנד; זיי האָבן זיך ניט גענוויטיקט אין דעם

אפיום פון רעליגיע, אויך ניט אין קיינע צויבערייען פון דער גע־היימניספולער וויסנשאפט. און דאס איז די אורזאכע, וואס רע־ליגיע איז כמעט ווי פארשוואונדן פון דעם האריזאנט פון זייער פאליטישן און געזעלשאפטלאכן לעבן, ווערענד וויסנשאפט און קונסט, די באשעפטיקונגען, וועלכע מיר רופן איצט אן פון דער פראפעסיאנעלער אינטעליגענץ, האבן פארנומען א זייער און זייער בכבוד'יקן פלאץ און זייער לעבן, ווייל די וויסנשאפט־מענער און די קינסטלער האבן אין זייערע געביטן געזוכט צו באזינגען און צו באמאלן, צו אויסקריצן און צו באשרייבן אין די שענסטע פאר־מען די אידעאלן, דעם געשמאק און דעם לעבנס־פולס פון דעם הערשנדיקן קלאס. אויסער דעם האבן די גריכישע דענקער, פילא־זאפן, וויסנשאפט־מענער און פארשער, אפגעזונדערט פון רעלי־גיע, פריי פון דעם דאזיקן שווערן דרוק פון די אלטע טראדיציעס, אלטע גלויבנס און אבערגלויבנס, באהאנדלט די פראגן פון דער ארומיקער נאטור, פון דעם מענטשן זעלבסט, און דעם מענטש־לאכן געזעלשאפטלאכן לעבן אויפן ריין לאגישן און שכל'דיקן וועג.

אין דער צווייטער, פעאדאלער עפאכע האט גראדע רעליגיע געשפילט די גרעסטע ראלע אלס אונטערשטיצונג און הילפס־מיטל אין דער הערשאפט פון די פעאדאלע פריצים.

אין דער פעריאדע איז די מאכט פון די קריסטלאכע גלחים, מאנאכן און פרעדיקער פון אלערליי שאטירונגען אלץ מער און מער געוואקסן, און זייער איינפלוס אויף די פעאדאלע פויערים איז געווען זייער גרויס. רעליגיע אין דער דאזיקער עפאכע איז ניט געווען אפגעזונדערט פון וויסנשאפט, נאר זי איז געשטאנען אין טויטלאכער פיינטלאכקייט צו די וויסנשאפט־מענער, וואס האבן געוואגט אויסצודריקן א מיינונג אדער אפילו ארויסצוזאגן דעם מינדסטן ווארט געגן דער הייליקער קריסטלאכער לערע, אדער אפילו געגן וועלכע עס איז קינדערשע מעשה'לע פון דער ביבל. עס איז פריער אנגעצייגט געווארן אויף די היסטארישע אומ־שטענדן, וואס האבן געצוואונגען די פעאדאלע לאנד־מאגנאטן צו זוכן פסיכישע אפיום־מיטלען פאר די פארשקלאפטע פויערים.

און קיין בעסערער אָפּיום־מיטל פאַר דעם צוועק, ווי די קריסט־לאַכע רעליגיע, איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו אָפּשטעלן זיך אויף די ספּעציעלע אייגנשאַפטן פון דער קריסטלאַכער רעליגיע, וואָס האָבן זי גע־מאַכט פאַר דעם בעסטן מיטל צו פאַרמאַסקירן דעם העסלאַכן פּנים פון די הערשנדיקע קלאַסן אין די צוויי אייראָפּעאישע עפּאָכן נאָך דער עפּאָכע פון דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע. איך וויל מיך באַנוגענען מיט אַ קורצער באַמערקונג וועגן דער רעליגיע פון קריסטנטום. די רעליגיע איז דאָך געווען אַ פּראָדוקט פון דעם אידישן פאָלק און דריקט אייגנטלאַך אויס, אַזוי ווי די ווייגע־שרייען פון די אידישע נביאים, דעם פּראָטעסטירנדיקן רעבעלירנ־דיקן גייסט פון די אונטערדריקטע, פאַראַרימטע אידישע מאַסן געגן די גדולים, געגן די רייכע, געגן די גרויסע פאַרכאַפּערס פון לאַנד און רייכטום. און פאַר די לאַנד־מאַנאַטן אָנצונעמען די קריסטלאַכע רעליגיע איז געווען ניט קיין קלענערער געשיכטלאַ־כער שפּאַס ווי ווען ענגלאַנד אין אונזער לעצטער וועלט־מלחמה, אין 1914, האָט ערקלערט, אַז איר אריינטריט אין דער מלחמה האָט קיין אַנדער צוועק, ווי צו מאַכן אַן ענדע פון דעם מיליטאַ־ריסטישן גייסט פון דייטשלאַנד; אָדער ווען ווילסאָן, דער פּרעזי־דענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אריינטרעטנ־דיק שפּעטער פון ענגלאַנד אין דער זעלביקער מלחמה, האָט דער־קלערט, אַז דער צוועק פון זיין אריינטרעטן אין דער מלחמה איז צו קעמפן פאַר דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישע פאָלק־רעגירונגען, אָדער ווי ווילסאָן אַליין דריקט זיך אויס: „צו מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע“.

ווען מיר קומען צו אונזער איצטיקער עפּאָכע פון דער הער־שאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, געפינען מיר, אַז ביידע עלעמענטן—אי וויסנשאַפט, אי רעליגיע—אָפּגעזונדערט ווי זיי זע־נען און אפילו טעאָרעטיש אימער געגנעריש איינע געגן דער אַנדערער, ווערן באַנוצט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אַלס באַדייטנדער הילפס־מיטל פאַר זייער הערשאַפט איבערן פאָלק.

דער קאפיטאליסטישער קלאס איז דאך די לעצטע און די העכסטע פארמע פון קלאסן־הערשאפט. דאס איז דער קלאס, וואס האט אונטער זיין פולקאמענעם קאנטראל אלע הויפט עלע־מענטן פון פראדוקציע. און נאך מער: דער קאפיטאליסטישער קלאס איז ניט בלויז דער אייגנטימער פון די עקאנאמישע עלע־מענטן, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט דעם פריסטער־קלאס און דעם קלאס פון די לאנד־מאגנאטן, זיי זענען אויסער דעם גע־ווארן די ארגאניזאטארן פון דער פראדוקציע, די גענעראלן פון די ארבעטנדע מענטשלאכע ארמייען. זיי באשטימען די פלעצער, וואו די ארבעט זאל געטאן ווערן; זיי באשטימען דעם פראצעס, די ארט און ווייזע פון דער ארבעט; זיי באשטימען די ארטיקלען פון פראדוקציע. האבנדיק דעם פולן קאנטראל איבער אלע עלע־מענטן פון פראדוקציע, קען דער קאפיטאליסטישער קלאס לייכט אויסנוצן אי רעליגיע, אי וויסנשאפט אלס אינסטרומענטן פאר דער באפעסטיקונג פון זייער אבסאלוטער הערשאפט איבער אלע אנדערע שיכטן פון דער געזעלשאפט.

וואס אנבאלאנגט רעליגיע, האט די בורזשואזיע, ווען זי האט געקעמפט ארויסצורייסן די שטאט־רעגירונג פון די פעאדאלע פריצים, געמוזט אויך קעמפן געגן דער שטארק־ארגאניזירטער מאכט פון דער קריסטלאכער רעליגיע. אבער ווי נאר זי האט ערפאלגרייך דורכגעפירט אירע רעוואלוציעס און איז געווארן דער הערשנדיקער קלאס, האט זי אוועקגעווארפן דעם רעוואלוציא־נערן גייסט געגן דער קריסטלאכער רעליגיע; זי האט געוואוסט ווי נויטיק זי דארף האבן דעם איינפלוס פון די גלחים צו פאר־וואנדלען דעם גרעסטן טייל פון די ארבעטער אין געדולדיקע און געהארכזאמע שקלאפן. וואס אנבאלאנגט דעם צווייטן צווילינג פון דעם פריסטער־קלאס, די וויסנשאפט, האבן אירע פארשטייער, אונטערדריקטע און פארפאלגטע פון דער מעכטיקער קריסטלאכער קירכע אין דעם פעריאד פון פעאדאליזם, זיך אריינגעווארפן מיט פייערדיקן ענטוזיאזם אין דעם קאמף פון דער בורזשואזיע געגן די פעאדאלע רעגירונגען; זיי האבן מיט זייער איבערצייגונג, אז

די בורזשואַזיע איז די אמת׳ע דערלייזערין פון דער גאַנצער פאַר־שקלאַפטער מענטשהייט און אַז די בורזשואַזע רעגירונגען וועלן עפענען אַ נייע וועלט פאַר דער מענטשהייט, וואו עס וועט הערשן פרייהייט, ברידערלאַכקייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן,— היינגעריסן די מאַסן אַרבעטער דערפאַלגרייך דורכצופירן די בורזשואַזע רעוואָלוציע און מאַכן די בורזשואַזיע פאַר דעם הערשנדיקן קלאַס. געווים ווייסט דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס ווי צו שעצן און באַלוינען מיט ערע און מיט רייכטום אירע בעסטע פריינט, אירע בעסטע אונטערשטיצער. *)

---

*) איך ברויך דאָ דעם טערמין „וויסנשאַפט“ אין דעם ברייטסטן זין. צו דער ערשטער וויסנשאַפט, דעם פונדאַמענט אין דער פאָרמירונג פון דעם פריסטער־קלאַס, צו דעם אָנגעקליבענעם מעדיציניש ווּיסן, זע־בען צוגעקומען פילע אַנדערע וויסנשאַפטן, ווי די רעכענונג־וויסנשאַפט, געאָמעטריע, אַסטראָנאָמיע, אַרכיטעקטור און אויך פילע צווייגן פון קונסט, ווי דיכטער, נביאים, זינגער, טענצער, סופרים, מאַלער, סקולפּ־טאָרן, ספּעציאַליסטן אין באַלזאַמירן די טויטע פון די העכערע גראַדן פריסטער און קעניגן און פילע אַנדערע צערעמאָניאַל מייסטער אין די רעליגיעזע פייערונגען, דאָס הייסט אַלע פעסט אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון דעם הערשנדיקן פריסטער־קלאַס אין די אַלטע אַזיאַטישע מלוכות. אין דער איצטיקער עפּאָכע איז וויסנשאַפט, אין אַט דעם ברייטסטן זין, פיל ענגער פאַרבונדן מיט דעם הערשנדיקן קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן, ווי אין די אַזיאַטישע פריסטער־קלאַס שטאַטן. אמת, די וויסנשאַפט־לייט, די קינסטלער, די לערער, די שרייבער, די רעדנער געהערן ניט דירעקט צו די מיטגלידער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, אָבער אַלס בויער, העלפער און אונטערשטיצער פון זייער מאַכט שטייען זיי אין דער גאָענטסטער פאַרבינדונג מיט זיי.

.34

דאָס היינטיקע עקאָנאָמישע לעבן: די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן און די לעבעדיקע מענטשלאַכע אַרבעט־קראַפט זיינען פולקאָמען אין די הענט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. — רעליגיע און וויסנשאַפט—געגנעריש, אָבער ביידע טרייע דינער פון דעם קלאַס. — מיט זיין עקאָנאָמישער און שטאַט־מאַכט איז עס לייכט פאַר דעם הערשנדיקן קלאַס צו באַפרייען רעליגיע און וויסנשאַפט פון די אומגעוואונטשטע עלעמענטן. — דער לעצטער הערשנדיקער קלאַס, דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, אַ צוזאַמענשמעלצונג פון די אַלע דריי הערשנדיקע קלאַסן: די וויסנשאַפט־מאַגנאַטן, די לאַנד־מאַגנאַטן און די געלט־מאַגנאַטן.

דאָס לעבן פון די געלט־מאַגנאַטן אין די היינטיקע בורזשואַזע שטאַטן איז דאָך אַזוי גוט, אַז זיי געוויס נויטיקן זיך ניט אין דעם אָפּיום פון רעליגיע. זיי דאַרפן האָבן דעם אָפּיום פון רעליגיע אויסשליסלאַך פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן. אָבער גאַנץ אַנדערש איז דאָס דער פאַל מיט דעם עלעמענט פון וויסנשאַפט.

אַזוי ווי עס איז פריער אָנגעצייגט געוואָרן, אַז דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס אונטערשיידט זיך פון די פריערדיקע קלאַסן מיט דעם, וואָס זיי—דער פריסטער־קלאַס און דער קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן, סיי די אָפּענע שקלאַפן־באַזיצער אין גריכענלאַנד און רוים, סיי די פעאָדאַלע פריצים אין דער פאַר־מאַסקירטער פאָרמע פון שקלאַפעריי אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע—זענען געווען בלויז אייגנטימער פון די הויפּט עלעמענטן פון פּראָדוקציע, זיי האָבן מיט דער אַרט און ווייזע פון דער אַרבעט זעלבסט גאָר ניט געהאַט צו טאָן, קיין אָנטייל ניט גענומען אין

פראָצעסן פון פראָדוקציע; ווערענד דער קאפיטאליסטן־קלאס איז אויסער דעם, וואס ער איז דער אייגנטימער פון די נאטירלאכע, ווי אויך פון דורך מענטשלאכער ארבעט געשאפענע מיטלען פון פראָ־דוקציע, אויך געוואָרן די אָנפירנדיקע אָרגאניזאטאָרן פון די פראָ־צעסן פון ארבעט. און א דאנק אָט דעם אונטערשייד שפּילן אין די קאפיטאליסטישע געזעלשאפטן א גרויסע ראָלע א מאסע וויסנ־שאפטס־לייט, ווי אינזשינערן, טעכניקער, כעמיקער, וואס האָבן צו טאָן דירעקט מיט די פראָצעסן פון פראָדוקציע; ארכיטעקטן, מאַ־שיניסטן, בויער פון אייזנבאנען, פון קאלאסאלע שיפן, די אלע וויסנשאפטלאכע ארבעטער, וואס האָבן באשאפן די מאָדערנע פראָ־דוקציע אויפן גרויסן מאסשטאב און די מיטלען שנעל צו פאנאנ־דערשיקן די מאסאָווע פראָדוקטן איבער דער גאנצער וועלט. די קאפיטאליסטישע ווירטשאפט מיט איר טיפישער מאשינאָווער גרויס־אינדוסטריע האָט ארויסגערופן די אנטשפרעכנדע פאָרמען פון גרויס־האנדל און גרויס־פינאנץ. מיט זייער ארמיי פון גע־דונגענע קאָמערציעלע אגענטן, געשולטע עקספערטן אין בוכהאל־טעריע, סטאטיסטיקער, בירזשע־בראָקערס, באנק־פארוואלטערס, קרעדיט־לייט, קינסטלער אין שרייבן די אנאנסן אין די צייטונגען א. אז. וו. די דאָזיקע ארמיי פון וויסנשאפט־לייט און אנדערע געשולטע ספעציאליסטן, סיי אין פראָדוקציע, סיי אין שאפן א פארלאנג פאר זייערע פראָדוקטן, סיי אין צושטעלן זיי איבער דער וועלט אין אלע פלעצער צום פארברויך, קריגן זייער אונטערריכ־טונג אין די מערערע העכערע און נידעריקערע טעכנישע שולן, קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. די גרעסטע פאבריקן און זאַ־וואָדן, אָט מייסטן אין די פלעצער, וואו עס ווערן אויסגעארבעט די מאשינען און די מאטעריאלן, וואָס דינען אלס קוואלן פון ענער־גיע צו טרייבן די מאשינען, ווי קוילן, גאזאָלין, עלעקטרישע אפאראטן, אין די פלעצער, וואו עס ווערן פראָדוצירט אייזן, שטאָל, קופער, צינק, בליי, אלומינום, האלטן אויס ספעציעלע לאַ־באראטאָריען, אין וועלכע וויסנשאפטס־לייט, ספעציאליסטן אין זייער פאך, ארבעטן שטענדיק, כדי אויסצוגעפינען פארבעסערונגען

אין די פּראָצעסן פון אַרבעט, צו הויבן די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט און די פּראָפיטן פון ·די קאַפּיטאַליסטישע גענעראַלן פון די אַרבעטער־אַרמייען.

דאָס זענען כמעט אַלע די וויסנשאַפטן פון רעכענונג, אַס־טראָנאָמיע און אין אַלגעמיין די נאַטור־וויסנשאַפטן, וואָס האָבן זיך אַזוי וואונדערלאַך אַנטוויקלט אין דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. אַלץ וויסנשאַפטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער נאַטור אויסער דעם מענטשן, מיט די נאַטירלאַכע רויע מאַטעריאַלן פון פּראָדוקציע, מיט די פּראָצעסן פון אַרבעט, מיט אויסנוצן די ענער־גיע פון ·די נאַטור־קרעפטן, מיט דער טעכנישער און מעכאַנישער זייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר־סיסטעם. די דאָזיקע וויסנשאַפטס־לייט האָבן ניט קיין קאָנטראָל איבער די פּראָדוקטן זעלבסט. דער קאָנטראָל איבער דעם, וואָס פאַר אַרטיקלען עס זאָלן פּראָדוצירט ווערן, צי אַרטיקלען פון לוקסוס, צי אַרטיקלען, וואָס באַפרידיקן די פאַנטאַזיעס, די עסטעטישע געשמאַקן פון די פאַרשידענע קלאַסן, צי די קאָלאָסאַלע טויטלאַכע וואָפן, אין וועלכע דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס פון יעדן שטאַט נויטיקט זיך אין זיינע מלחמות מיט די אַנדערע שטאַטן אַזוי גוט ווי אין שטענדיקער מלחמה מיט די פאַרשקלאַפטע אַרבעטער־מאַסן, ווי אויך דער קאָנ־טראָל איבער דער צעטיילונג פון די לעבנס־מיטלען און די אָנגע־קליבענע רייכטימער צווישן דער באַפעלקערונג פון דעם שטאַט, אויך דער קאָנטראָל איבער דעם איבערפלוס פון קאַפּיטאַל, וואָס קאָנצענטרירט זיך אַלץ מער און מער אין די הענט פון די עט־לאַכע גרויסע געלט־מאַגנאַטן, צי אָנווענדן דעם איבערפלוס פון זייערע קאַפּיטאַלן אויף די אָפּגעשטאַנענע אינדוסטריען פון זייער אייגענעם שטאַט, ווי, למשל, אין דעם גביט פון אַגריקולטור, וואָס איז פאַרבליבן הינטערשטעליק כמעט אין אַלע הויך־אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן פון אייראָפּע, אין פאַרגלייך מיט דעם קאָלאָסאַלן פּראָגרעס אין די אינדוסטריען פון אייזן, שטאָל, קופּער, קוילן, נעפט א. אַז. וו., צי אויף צו פאַרשקלאַפן די אָפּגע־שטאַנענע קאָלאָניעס פון דער גאַנצער וועלט, — דאָס אַלעס בלייבט

אין דעם אַבסאָלוטן קאָנטראָל פון דעם הערשנדיקן קאַפּיטאַליס־טישן קלאַס. די דאָזיקע וויסנשאַפטס־לייט אין די געביטן פון מעכאַניקע, טעכניקע און נאַטור־וויסנשאַפטן בלייבן טרייע, אי־בערגעגעבענע, ווייל באַצאָלטע, דינער, וואָס העלפן מיט זייער וויסן דורכצופירן אויפן בעסטן אופן דעם ווילן פון דעם הערשנ־דיקן קלאַס, אַזוי גוט ווי די קאָמפּליצירטע אַפּאַראַטן פון דער רע־גירונגס־סיסטעם טוען דאָס מיט זייער פיזישער צוואַנג־מאַכט.

אויסער די דאָזיקע פאָרשטייער פון די זאָגענאַנטע גענויע וויסנשאַפטן, ווי מאַטעמאַטיקע, אַסטראָנאָמיע און די אַנדערע נאַטור־וויסנשאַפטן, האָבן מיר אין די קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן אַ פיל גרעסערע גרופּע, אָדער פיל ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן: פילע גרופּן, וועלכע אייגנטלאַך האָבן אין די היינטיקע קלאַסן־שטאַטן גאָר אַ קנאַפּע שייכות מיט וויסנשאַפט אין דעם שטרענגן זין פון דעם וואָרט, אָבער וועלכע איך נעם אַריין אין מיין דעפי־ניציע פון וויסנשאַפט אין דעם ברייטסטן זין, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין די „לערן" אָדער די „תורות" פון די אַלטע הערשנ־דיקע פּריסטער.

איך האָב פריער געבראַכט אַן אויסצוג פון דעם באַוואוסטן גריכישן שרייבער און פּרעדיקער וועגן די דרואידן, די פּריסטער פון די אַלטע גאַללען. „די דרואידן זענען", שרייבט קריסאָסטאָם, „געווען די ריכטער אין אַלע וויכטיקע ציווילע און קרימינעלע אַנ־געלעגנהייטן, זיי זענען געווען די לערער פון די קינדער ניט נאָר אין די געהיימניסן פון רעליגיע, נאָר אויך אין די טעאָריען פון פּאָליטיק, רעגירונג און אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן." איך וויל דאָך נאָר אין מיין אַרבעט וועגן דעם געשיכטלאַכן גאַנג פון דער אַנט־וויקלונג פון קלאַסן־געזעלשאַפטן אָנצייגן די הויפּט־מיטלען, מיט וועלכע די פאַרשידענע געשיכטלאַכע קלאַסן האָבן אויפגעהאַלטן די הערשאַפט איבער די ברייטע מאַסן פון פאָלק. די אַלע גרופּן —ווי פאַרשידנאַרטיק עס זענען זייערע טעטיקייטן אין די געביטן פון פּראָפעסיאָנעלע לערער, רעדנער, שרייבער, פּרעדיקער, פּאָלי־טיקער, פּראָפעסיאָנעלע קינסטלער, מאָלער, דיכטער און סקולפּ־

טאָן—ווערן אויפגעהאַלטן און אונטערשטיצט פון דעם הערשנדיקן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס האָט דעם אַבסאָלוטן קאָנטראָל איבער דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער געזעלשאַפט, נאָר אַזוי ווייט, ווי ווייט זיי נויטיקן זיך אין זיי אַלס אונטערשטיצער פון זייער הערשאַפט. אין די קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן זענען ניט נאָר די צוויי עלעמענטן פון דער הערשאַפט פון דעם פּריסטער־קלאַס אָפּגעזונדערט, ווייל זיי דינען דער הערשאַפט פון דעם קלאַס אין פאַרשידענע וועגן, נאָר דער עלעמענט פון וויסנשאַפט קען אויך צעטיילט ווערן צוליב דער זעלביקער אורזאַך אויף צוויי טיילן: די אָנגעצייגטע נאַטור־וויסנשאַפטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט די פּראָצעסן פון באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן פון פּראָדוקציע; און די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, וואָס באַאַרבעטן ניט די מאַטעריאַלן, נאָר די אַרבעטער, די פּראָדוצירער זעלבסט; די פּראָפעסיעס, וואָס האָבן צו טאָן מיט די וויסנשאַפטן פון דער מענטשלאַכער געשיכטע, פון דעם מענטשלאַכן געזעלשאַפטלאַכן לעבן און פון דעם מענטשן זעלבסט,—מיט די אַלע זאָגענאַנטע הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן.

עס איז נויטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם לעזער, אַז איך באַהאַנדל אין דעם בוך די עלעמענטן פון רעליגיע און וויסנשאַפט נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער ראָלע, וואָס די צוויי עלעמענטן האָבן געשפּילט אין דער פאָרמירונג פון דעם ערשטן הערשענדיקן פּריסטער־קלאַס אין דער מענטשלאַכער געשיכטע; און די ראָלע, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין אַלע עפּאָכן פון די אַלע אַנדערע הערשנדיקע קלאַסן, אַזוי גוט ווי זיי שפּילן אין דעם איצטיקן הערשנדיקן קלאַס פון די געלט־מאַגנאַטן.

הויך־באַגאַבטע איינצעלנע מענטשלאַכע געניען, געבוירן מיט אויסערגעוויינטלאַכע פייאיקייטן האָבן זיך געפונען אין אַלע עפּאָכען פון דער מענטשלאַכער געשיכטע, אין דער לאַנגער פּעריאָדע, אין וועלכער די מענטשהייט האָט ניט געוואוסט פון קיינע קלאַסן־געזעלשאַפטן, אַזוי פיל—און פיל־ייכט נאָך מער—ווי אין די עפּאָכען פון די קלאַסן־געזעלשאַפטן. פילע פון אַזעלכע געניאַלע מענ־

טשען גייען פאַרלוירן פאַר דער מענטשהייט אמאָל, אזוי גוט ווי היינט, א דאַנק דער אַלגעמיינער אומוויסנהייט וועגן דער אינטע־לעקטועלער ערציאונג פון קינדער, און ספּעציעל פון דער ערציאונג פון די קינדער, וואָס זענען געבוירן מיט אויסערגעוויינטלאַכע פייאיקייטן אין געוויסע ריכטונגען.

די אייניקע פון די דאָזיקע געניאַלע מענטשן, וועמען עס איז צופעליקערווייזע געלונגען, אומגעאַכטעט אויף אַלע שטערונ־גען פון דער סביבה, פון די עלטערן און פון די שולן, צו אַנט־וויקלען זייערע געניאַלע פייאיקייטן און איבערלאָזן נאָך זיך אומ־שטערבלאַכע נייע שאַפונגען אין די פאַרשידענע געביטן פון די מענטשלאַכע קולטורעלע ערָאבערונגען, זענען ווי לייכטנדיקע שטערן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט אָן אונטערשייד פון קלאַסן. ניט נאָר איז דאָס דער פאַל מיט די זעלטענע גרויסע געניעז, ווי ניוטאָן, קאָפּערניק, גאַלילעי—פון אונזערע צייטן, אָדער ארכימעד, פּיפאַגאָר, אריסטאָטל—פון די עלטערע צייטן, נאָר אויך מיט דער גרעסערער צאָל פון די געוויינטלאַכע ארבעטער אין די פאַרשידענע וויסנשאַפטלאַכע געביטן, מענטשן ניט קיין געניעזן, אָבער טיכטיקע איבערגעגעבענע פאָרשער און זוכער אין די געביטן פון וויסנ־שאַפט און רעליגיע. ווען מיר באַהאַנדלען אָבער די פראַגע וועגן דער ראָלע, וואָס די וויסנשאַפט און רעליגיע האָבן געשפּילט אין דער געשיכטע פון די קלאַסן־געזעלשאַפטן, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן ניט אויף די פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון דעם אָדער יענעם וויסנשאַפטס־מאַן, פון דעם אָדער יענעם גרינדער פון רעליגיע, ניט אויף די אַלגעמיין מענטשלאַכע מאָטיוון פון די אינדיווידוע־לע פאָרשטייער פון וויסנשאַפט און רעליגיע, נאָר אויף די לעבנס־אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאַס אין די פאַרשידענע עפּאָכן פון דער קלאַסן־ציוויליזאַציע, אויף זייערע קלאַסן־מאָטיוון, וואָס האָבן געטריבן דעם אָדער יענעם הערשנדיקן קלאַס צו אַנערקענען די וויכטיקייט פון וויסנשאַפט און רעליגיע פאַר דער אונטער־שטיצונג פון זייער הערשאַפט. ווען דער אימפּעראַטאָר, וואָס איז באַוואוסט אין דער געשיכטע פון דער רוימישער אימפּעריע אַלס

קאָנסטאַנטין דער גרויסער, האָט באַשלאָסן צו צווינגען די מיליאָנען אונטערטאַנען פון דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע אָנצונעמען די קריסטלאַכע רעליגיע און האָט זיין באַשלוס דורכגעפירט מיט דער געוויינטלאַכער צוואַנג־מאַכט פון דעם רוימישן שטאַט, מיט דער מאַכט פון פייער און שווערד פון זיין אַרמיי; און די רוימישע אימפּעריע, וועלכע האָט אין דעם משך פון די פריערדיקע עטלאַכע הונדערט יאָר פאַרפאָלגט די קריסטן מיט דער גרעסטער אכזריות, איז געוואָרן אַ מוסטער פון אונזערע קריסטלאַכע אייראָפּעאישע שטאַטן, — האָט ער דאָס געטאָן ניט צוליב דעם, וואָס ער האָט געפונען אין דער קריסטלאַכער רעליגיע דאָס, וואָס דער גענאַלער רוסישער טאָלסטאָי האָט געפונען אין איר, ניט צוליב דעם, וואָס די קריסטלאַכע רעליגיע וועט פאַרוואַנדלען די עקזיסטירנדיקע פאַרדאָרבענע, שלעכטע מענטשהייט אין הימלשע מלאכים, וואָס זייער קורצער לעבן דאָ, אויף דער שוואַכער, זינדיקער ערד וועט באַשטיין אין אַ שטענדיקן אָפּפער פון זייערע לעבנס אויס ליבע צו אַלע מענטשן, אפילו צו זייערע שונאים, די פאַרדאָרבענע שלעכטע מענטשן. דאָס זאָגן ניט וועגן קאָנסטאַנטין אפילו אונזערע היסטאָריקער אין זייערע געשיכטלאַכע ביכער איבער דעם רוימישן שטאַט, די היסטאָריקער, וואָס ציטערן פאַר דעם געניע פון קאַרל מאַרקס און פאַר זיין אַנטדעקען אין דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון אונזערע שטאַטן די אמת'ע רעאַלע אורזאַך פון די פינסטערע, פאַרדאָרבענע שטריכן פון אונזער גלאַררייכער ציווילזאַציע. די היסטאָריקער דערציילן, אַז דער אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין דער גרויסער איז געקומען צו דעם באַשלוס אויפצונעמען די קריסטלאַכע רעליגיע אַלס זיין שטאַט־רעליגיע, דורך דעם וואָס ער האָט אויסגעפונען, אַז די קריסטן אין זיין אַרמיי זענען די בעסטע סאָלדאַטן. דער הערשנדיקער קלאַס אין אונזערע הויך־אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן אונטערשטיצן מיט דער פולער האַנט פון זייער עקאָנאָמישער מאַכט די מיסיאָנערן אויך ניט צוליב דעם, וואָס אייניקע פון די מיסיאָנערן זענען טאַקע ערנסטע פרומע קריסטן, נאָר וויל דער

קלאַס פון די געלט־מאַגנאַטן האָט אויסגעפונען, אַזוי גוט ווי דער אימפעראַטאָר קאָנסטאַנטין, אַז די מיסיאָנערן זענען גוטע סאָלדאַטן, טרייע דינער פון דעם הערשנדיקן קאַפיטאַליסטן־קלאַס, וואָס העלפן זיי צו ברענגען אונטער דעם יאָך פון דער קאַפיטאַליסטישער סיסטעם פון פראָדוקציע די הונדערטער מיליאָנען פון די אַלטע געדיכט באַזעצטע שטאַטן פון אַזיע, אַפריקע און פון דער גאַנצער וועלט. אין די גרויסע אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע שטאַטן, ווי כינע, יאַפאַן, אינדיע, עגיפטן, זיד־אַפריקע, וועלכע געפינען זיך אַם מייסטן אין דעם צושטאַנד פון פעאָדאַליזם, וואו דער הערשנדיקער קלאַס איז דער קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן. דער הערשענדיקער קאַפיטאַליסטן־קלאַס פון די אייראָפעאישע שטאַטן געפינט אין דעם עלעמענט פון רעליגיע, אין די מיסיאָנערן, דעם ערשטן בעסטן מיטל צו באַאַרבעטן די פראָדוצירער, די מיליאָנען פויערים, און מאַכן פון זיי געהאָרכזאַמע שקלאַפן פון די אייראָפעאישע געלט־מאַגנאַטן.

אין אייראָפעאישע הויך־אַנטוויקלטע קאַפיטאַליסטישע שטאַטן ווערט אָט די אויפגאַבע—באַאַרבעטן פסיכאָלאָגיש די פראָדוצירער און מאַכן זיי פאַר איבערגעגעבענע שקלאַפן פון די געלט־מאַגנאַטן—גלענצענד דורכגעפירט ניט דורך דעם עלעמענט פון רעליגיע, נאָר מיט דער הילף פון דעם פריער אָנגעצייגטן עלעמענט פון וויסנשאַפט, פון דער אינטעליגענציע, פון די גרופן פון די ליבעראַלע פראָפעסיעס, ווי: לערער, פראָפעסאָרן, רעדנער, שרייבער, דיכטער, פרעדיקער, פאָליטיקער און קינסטלער.

אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע, ווען די קריסטלאַכע קירכן האָבן געפירט אַ מערדערלאַך־בלוטיקן קאַמף געגן יעדן זעלבסטשטענדיקן, פרייען געדאַנק, געגן דער מינדסטער קריטישער שטעלונג צו די דאָגמאַטישע לערן פון דער קריסטלאַכער רעליגיע, געגן יעדן איינעם, וואָס האָט געוואַגט אויסדריקן דעם מינדסטן צווייפל אין אַ זאַץ, אפילו אין אַ וואָרט, פון די הייליקע שריפטן, איז זעלבסט־פאַרשטענדלאַך די צאָל פון אַזעלכע אינטעליגענטן געווים געוועזן זייער און זייער קליין. ווען די בורזשואַזיע אַם ענדע פון דער

פעאָדאַלער עפּאָכע איז אויסגעוואַקסן שטאַרק גענוג אין אייניקע שטאַטן פון אייראָפּע, ווי ענגלאַנד, האָלאַנד, שפּעטער אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, אָנצופאַנגען אַנטשיידענע שלאַכטן אין די דאָזיקע שטאַטן אַרויסצורייסן די שטאַט־מאַכט פון דעם הערשנדיקן קלאַס פון די לאַנד־מאַגנאַטן און צו מאַכן די געלט־מאַגנאַטן פאַר דעם הערשנדיקן קלאַס, האָט דער איינפלוס פון דעם פייערדיקן ענטוזיאַזם צו גונסטן פון בורזשואַזע רעגירונגען פון דער דאָזיקער קליינער גרופּע אינטעליגענטן אויף די מאַסן פאַרשקלאַפטע פויערים אין די דערפער און קליינבירגערלאַכע האַנט־ווערקער און הענדלער אין די שטעט אויפגעהויבן די מאַסן צו גיין אין קאַמף און אָפּערן זיך מיט זייערע לעבנס פאַר דער פאַרשפּראָכענער נייער פאָרמע פון די בורזשואַזע דעמאָקראַטישע רעגירונגען. דער פייערדיקער ענטוזיאַזם פון דער קליינער גרופּע אינטעליגענטן איז געווען אַן אמת'ער, ניט קיין געקינסטלטער, וואָרים וואָס האָט געקענט זיין אַ בעסערע גאַראַנטיע ווי די אַלגעמיינע וואַל־רעכט, וואָס ווערט געגעבן יעדן דערוואַקסענעם מענטשן פון לאַנד צו דערוויילן די רעגירער פון זיין לאַנד, אַז די טיראַני פון איין קלאַס מענטשן איבער די אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג ווערט אויף אימער אָפּגעשאַפט אין די בורזשואַזע שטאַטן?

דער הערשנדיקער קלאַס פון די געלט־מאַגנאַטן האָט זיך טאַקע שטאַרק געשראָקן פאַר די אַלגעמיינע וואַל־רעכט און האָט זיך אין דער ערשטער פעריאָדע פון זייער הערשאַפט גענומען צו באַשרענקען דאָס רעכט צו דערוויילן די שטאַט־רעגירער, און האָט דורכגעפירט געזעצן, וואָס גיבן דאָס וואַל־רעכט אויסשליסלאַך צו די בירגער, וואָס האָבן אַ באַשטימטן צענז פון אייגנטום, און נעמען אַוועק דאָס רעכט פון די אָרימע, פון די האַבעניכטסן, אָדער געזעצן, וואָס באַשטימען, אַז די וואַל־שטימע פון אַ געוויסן קלאַס מענטשן זאָל זיך רעכענען פאַר דריי שטימען, און פון אַן אַנדער קלאַס מענטשן פאַר צוויי שטימען—געגן דער איין־שטימע פון די אָרימערע קלאַסן. אין ענגלאַנד האָבן די אַרבעטער אויסגעקעמפט דאָס וואַל־רעכט פאַר זיך ערשט אין 19טן

יארהונדערט, נאך דעם ווי די געלט־מאגנאטן האבן דארט שוין געהערשט נאענט פון 200 יאר.

איך האב ניט דעם אבזיכט זיך אפצושטעלן אויף די פאליטישע פארטייען מיט דער אנטוויקלטער ארמיי פון דורכגעטריבענע אינטעליגענטן פאליטישענס, וואס ווייסן ווי צו געווינען די וואלן פאר דער בורזשואזיע דורך די פאליטישע קונץ־שטיק פון נאמינירן די שטאט־רעגירער, פון איינצוטיילן די וואל־דיסטריקטן, פון דעם איינפאכן שווינדלערישן אונטערקויפן פון די וואל־שטימען, פון דעם דירעקטן דרוק פון די ארבעט־געבער אויף זייערע ארבעטער און אנגעשטעלטע, זיי זאלן שטימען פאר די רעגירונגס־קאנדידאטן און ניט פאר יענע, אויב זיי ווילן ניט פארלירן זייערע דזשאבס א. אז. וו.

אויב אין דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דעם קאפיטאליסטן־קלאס האט ער זיך אויפגעהערט צו שרעקן פאר די פולקאמענע אלגעמיינע וואל־רעכט, פאר די ערלויבטע פרייהייטן פון רעדע און פון שרייבן, פון ארבעטער ארגאניזאציעס און יוניאנס, פון קריטיקע און פון געוויסן, האט ער דאס צו פארדאנקען דער גרויסער מאסע פון די אינטעליגענטע גרופן, וואס זייער אויפגאבע איז צו באארבעטן די פראדוצירער, די עקספלואטירטע ארבעטער און פויערים פסיכאלאגיש, צו פארוואנדלען זיי אין געהארכזאמע, איינגעגעבענע ארבעטער פאר זייערע קאפיטאליסטישע הערשער. דער הערשנדיקער קאפיטאליסטישער קלאס האט אויסגעפונען, אז מיט זייער פולקאמענעם עקאנאמישן קאנטראל איבער אלע עלעמענטן פון פראדוקציע, און האבנדיק די שטאט־מאכט אין זייערע הענט, האבן זיי אויך די מעגלאכקייט צו אונטערשטיצן אויפן העכסטן גראד די קולטורעלע אינסטיטוציעס פינאנציעל, וועלכע זענען גינסטיק פאר זייער הערשאפט, און אונטערדריקן מיט זייער פינאנציעלער און פאליטישער מאכט די אומגעוואונטשטע אינסטיטוציעס; דאס זעלביקע צו אונטערקויפן די פייאיקע פערזאנען, וואס קענען אויסאיבן אויף די מאסן א גינסטיקן איינפלוס, צו איינפלאנצן אין זיי א פארערונג צו זייערע הערשער,

און, פאַרקערט, צו פאַרשווארצן דעם לעבן פון די אומגעוואונטשטע פערזאָנען. אויף אזא אופן האָבן זיי ערוואָרבן א גרויסן קאָנטראָל איבער די שולן, אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשעס, וואו עס ווערן פאַרבאַרייטעט די לערער פון די פאָלקס־שולן, וואָס אין זייערע הענט ליגט די אויפגאַבע צו ערציען די קינדער פון די מאַסן אין דעם גייסט פון פאַרערונג פון דער געזעלשאַפטלאַכער לעבנס־אָרדנונג פון די בורזשואזע שטאַטן, צו קאָנטראָלירן די טעגלאַכע צייטונגען, די פרעסע, די טעאַטערן, די קינאָ־בילדער, די שרייבער פון ביכער, די פּאָפּולערע לעקטשורערס, אָדער אונטערצוקויפן די איינפלוסרייכע לידערס פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דורך אזא קולטורעלער באַאַרבעטונג פון די פּראָדוצירער, קומט זיי אוים זעלטן ווען צו באַנוצן זיך מיט דער מאַכט פון זייער אַרמיי, מיט זייערע ביקסן, קאַנאָנען און באָמבעס, מיט דער מאַכט פון די פּאָליסמענ׳ס קלאָבען. דאָס איז אין קורצן די הויפּט־דינסטן, וואָס די צוויי עלעמענטן פון וויסנשאַפט און רעליגיע פון דעם ערשטע הערשנדיקן קלאַס, די פּריסטער, לייסטן דעם איצטיקן הערשנדיקן קלאַס פון די געלט־מאַגנאַטן. אזוי איז דאָס געלונגען דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס אַליץ שטאַרקער צו באַפעסטיקן זיין הערשאַפט אין די דעמאָקראַטישע שטאַטן און צו דער זעלבער צייט מיט שטאָלץ צייגן דער וועלט, אַז אין זייערע שטאַטן זענען די שולן, די קאָלעדזשעס, די אוניווערסיטעטן, די ביבליאָטעקן, די מוזעאומס אָפן פאַר אַלעמען, אָן קיין שום אונטערשייד פון קלאַסן, אַז אין זייערע שטאַטן האָט יעדער בירגער די האָפענונג צו ווערן א מאַטשילד, א וואַנדערבילד אָדער דערוויילט צו ווערן פּרעזידענט פון זייערע דעמאָקראַטישע רעפּובליקן.

.35

ווען די פארשקלאפטע ארבעטער וועלן ארויסרייסן די שטאט־מאכט פונם קאפיטאליסטן־קלאס, וועלן זיי וויסן ווי צו האלטן פעסט דעם קאנטראל איבער די דריי הויפט־עלעמענטן פון פראדוקציע, און ניט דערלאזן וועלכן עס איז טייל פון זיי צו ווערן די אייגנטימער פון די דאזיקע עלעמענטן.—דער לע־בעדיקער געשיכטלאכער מוסטער פון ס. ס. ס. ר., וואו די פאר־שקלאפטע ארבעטער האבן שוין ארויסגעריסן די שטאט־מאכט פון די געלט־מאגנאטן.

אזוי האט דער קאפיטאליסטישער קלאס געלעבט אין זיכע־רער פעסטקייט פון זיין הערשאפט ביז נאך דער לעצטער וועלט־מלחמה. ביז עס האט אויסגעבראכן די רוסישע רעוואלוציע און האט געטראפן די קאפיטאליסטישע הערשער ווי א גוואלדיקער בליץ־דונער שטורם אויף א קלארן זוניקן הימל—די רוסישע רע־וואלוציע, וואס איז אזוי שנעל און ערפאלגרייך דורכגעפירט גע־ווארן מיט דעם ליכטיקן שיין פון קארל מארקס' לערע, וועלכע רייסט ארונטער די אלע שיינע שלייערס און מאסקעס, וואס פאר־דעקן דעם העסלאכן פנים פון דעם הערשנדיקן קאפיטאליסטישן קלאס.

מיין אויפגאבע צו געבן ווי ווייט מעגלאך אין א קאנדענסיר־טער פארמע די געשיכטלאכע אנטוויקלונג פון די קלאסן־געזעל־שאפטן איז דערמיט געענדיקט. דער גרעסטער און דער שווער־סטער טייל פון דער ארבעט איז געווען צו געפינען א וועלכן עס איז קלארן באגריף וועגן דעם געבורט פון דעם ערשטן הערשנדיקן קלאס אין דער געשיכטע, דעם קלאס פון פריסטער, און וועגן די

מיטלען, דורך וועלכע דער פריסטער־קלאס האט אויפגעהאלטן זיין הערשאפט איבער די איבעריקע שיכטן פון דעם פאלק.

אין די אלגעמיינע געשיכטן, פארפאסט פון די היסטאריקער, וואס האבן געלעבט פאר קארל מארקס'ן און האבן ניט גע־וואוסט פון זיינע געניאלע ארבעטן וועגן דער ראלע פון קלאסן־הערשאפט און קלאסן־קאמפן אין דער געשיכטע, אדער פון די מאדערנע היסטאריקער, וואס ווייסן יא פון זיינע ארבעטן און אלס אונטערשטיצער פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאפטלא־כער ארדנונג זוכן זיי דאס מיט אלע מעגלאכקייטן צו באקעמפן אדער איגנארירן די דאזיקע געפערלאכע לערע, — האב איך געווים ניט געקענט האפן צו געפינען דאס, וואס כ'האב געזוכט. אין דער סאציאליסטישער ליטעראטור פון פאר מארקס'עס צייטן, פון מארקס'ן זעלבסט און פון זיינע נאכפאלגער האב איך ניט געפונען וועלכע עס איז באהאנדלונג וועגן דעם הערשנדיקן פריסטער־קלאס אין די אלטע אזיאטישע שטאטן. איך האב געמוזט באנוגענען זיך מיט די צופעליקע ברעקלאך און שטיקלאך אינפארמאציע פון די גריכישע און רוימישע היסטאריקער, פון די איבערגעזעצטע אויס־געגראבענע געשיכטלאכע דאקומענטן פון די אלטע אזיאטישע שטאטן, פון די באדייטנדע ארבעטן איבער דער געשיכטע פון מעדיצין, געשיכטע פון אסטראנאמיע, וואס האבן דירעקט גאר ניט צו טאן מיט דער פראגע וועגן דעם פריסטער־קלאס אלס די רעגירער פון זייערע שטאטן, ביז איך האב ארויסגעקראגן מער אדער ווייניקער א קלארן בילד פון דעם געבורט און דער אנט־וויקלונג פון דעם פריסטער־קלאס אלס דעם ערשטן הערשנדיקן קלאס אין דער מענטשלאכער געשיכטע.

אט דער בילד פון דער געשיכטלאכער אנטוויקלונג פון די ער־שטע שפראצן פון דעם פריסטער־קלאס ביז דעם מאדערנעם קא־פיטאליסטן־קלאס האט מיר געגעבן די מעגלאכקייט צו ענטפערן אויף דער פראגע: „וואס איז א קלאס?" די אמתיע גרונטלאגע, וואס מאכט א קלאס פארן הערשער פון פאלק, באשטייט אין דעם, וואס א קלאס פארכאפט אלס זיין אייגנטום די הויפט־עלע־

מענטשן, וואָס זענען נויטיק פאַר דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער געזעלשאַפט. אַזוי ווי אויסער דעם עלעמענט פון די לעבעדיקע אַרבעטנדיקע מענטשן געפינען מיר דריי הויפּט־עלעמענטן אין דעם געזעלשאַפטלעכן עקאָנאָמישן לעבן: 1) די נאַטור, אירע מאַטע־ריאַלן און אירע קרעפטן, 2) דאָס אָנגעקליבענע וויסן פון דער מענטשהייט וועגן דער נאַטור און וועגן דער מענטשלעכער אַרבעט, 3) אָנגעקליבענע זאַכלאַכע מאַטעריעלע פאַרבעסערונגען אין דער נאַטור, אָנגעקליבענע מאַשינען און פאַרבעסערטע אַרבעטס־געצייג. דערקלערט דאָס אונז, וואָרום מיר האָבן אין דער געשיכטע גראָדע דריי, און ניט מער, הערשנדיקע קלאַסן: 1) דער פּריסטער־קלאַס, 2) דער קלאַס פון לאַנד־מאַגנאַטן און 3) דער לעצטער, קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, וועלכער איז אייגנטלעך אַ צוזאַמענ־שמעלצונג פון אַלע דריי קלאַסן אין איינעם, וועלכער האָט פאַר־כאַפּט אַלס זיין אייגנטום די אַלע דריי נויטיקע הויפּט־עלעמענטן פון דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פון דער מענטשהייט.

ווייטער, דער אָנגעצייגטער היסטאָרישער פאַקט, אַז יעדער הערשנדיקער קלאַס, ווען ער איז באַזיגט געוואָרן פון אַן אַנדער קלאַס, בלייבט צו ווירקן אַלס הילפס־מיטל פאַר דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס, אָבער עס איז אים קיינמאָל ניט געלונגען צו ווערן צוריק דער הערשנדיקער קלאַס, גיט אונז די איבערצייגונג, אַז ווען עס וועט געלינגען די פאַרשקלאַפטע אַרבעטער אין די הויך־אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן אַרויסצורייסן די שטאַט־מאַכט פון דעם הערשנדיקן קלאַס פון די געלט־מאַגנאַטן, וועלכער שטעלט מיט זיך פאַר די לעצטע און העכסטע פאָרמע פון קלאַסן־הערשאַפט, וועט דער קלאַס קיינמאָל מער ניט צוריק־קומען צו זיין הערשאַפט, און די מענטשהייט וועט קיינמאָל מער ניט וויסן פון דער מכה פון קלאַסן־הערשאַפט.

אין רוסלאַנד, אין אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט, אין אַ באַפעלקערונג פון איבער 140 מיליאָן מענטשן, איז דאָס שוין געשען. און מיר האָבן דעם לעבעדיקן מוסטער צו זען די קאָלאָ־סאַלע אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פון ס. ס.

ס. ר. אין אַ קורצער צייט פון עלף יאָר אין די פעסטע הענט פון די אַרבעטער, וואָס זוכן צו האַלטן פעסט דעם קאָנטראָל אי־בער די דריי הויפּט־עלעמענטן פון פּראָדוקציע, און ניט דערלאָזן וועלכן עס איז טייל פון זיי צו ווערן די אייגנטימער פון די דאָ־זיקע עלעמענטן. אין ס. ס. ס. ר. זעען מיר אויך אין דער ווירק־לאַכקייט דעם פּראָצעס ווי אַזוי די גאַנצע געמיינדע פון איבער 140 מיליאָן ווערן די אייגנטימער פון די דאָזיקע עלעמענטן. לייכט און שנעל האָבן זיי אַוועקגענומען דאָס אייגנטום פון די לאַנד־מאַגנאַטן און די געלט־מאַגנאַטן און געמאַכט זיי פאַר אויס־הער־שער. וואָס אַנבאַלאַנגט די עלעמענטן פון רעליגיע און וויסנשאַפט פון דעם פּריסטער־קלאַס, גייט דער פּראָצעס אָן פיל לאַנגזאַמער. רעליגיע, דער אָפּיום־מיטל, וועט פאַרשווינדן אָן קאַמף, ווי באַלד די לעבנס־באַדינגונגען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג וועלן פאַר־בעסערט ווערן. רעכט איז געווען קאַרל מאַרקס, ווען ער האָט געזאָגט, אַז עס האָט ניט קיין זין צו קעמפן אין די קלאַסן־געזעל־שאַפטן געגן רעליגיע, געגן דעם אָפּיום פון די פאַרשקלאַפטע מאַסן. מיר דאַרפן קעמפן געגן דער געזעלשאַפטלאַכער קראַנקהייט, וואָס רופט אַרויס די נויטיקייט פון אַן אָפּיום־מיטל. וואָס אַנ־באַלאַנגט דעם עלעמענט פון וויסנשאַפט, זעען מיר אין ס. ס. ס. ר. איצט, ווען עס גייט אָן דער קאַמף ווי אויסצורייניקן די פאַרפעסטעטע איבערבלייבענישן פון דער קלאַסן־הערשאַפט און דער קלאַסן־ציוויליזאַציע און ווי אויסצוהיילן אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג פון דעם גיפטיקן איינפלוס פון קלאַסן־פּסיכאָ־לאָגיע, אַ וואונדערלאַכן דורשט פון די מאַסן נאָך וויסן, אַן אָנ־שטרענגונג צו ווערן די יורשים פון די אָנגעקליבענע אוצרות פון די טעכנישע און די אינטעלעקטועלע דערגרייכונגען פון דער איני־טעליגענציע, די טרייע דינער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.